STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09700

ZOLN IDN LAKHN

B. Kovner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאָלן אידן לאַכן

פון

ב. קאָוונער
(י. אַדלער)

געקליבענע הומאָריסטישע
שריפטן, קורצע מעשהלאַך,
פאַר פאָרלעזער, דעקלאַמאַ־
טאָרס, ראַדיאָ־אַרטיסטן און
פאַר יעדער אידישער היים

פארלאג אידיש לעבן ניו־יאָרק, 1933

LET PEOPLE LAUGH

Selected Short Humorous Stories

By

B. KOVNER (J. Adler)

Copyright 1933, by B. Kovner (J. Adler)
Lakewood, N. J.

Published by
VERLAG YIDDISH LEBEN
121 E. 10th St. New York, N. Y.

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Ave., Jersey City, N. J.

איבערגעמאַכט דעם טאַטן

מיין שוואָגער, חיים איטשע, האָט געהאַט אַ קליין בילדל פון זיין פאָטער. האָט ער דאָס בילדל אַוועקגעטראָגן צו אַ פאָטאָגראַפטשיק, זיך געהייסן מאַכן אַ גרעסערן טאַטן און געפרעגט וויפיל ס'וועט אים קאָסטן.

האָט דער פאָטאָגראַפטשיק באַטראַכט דאָס קליינע בילדל און געפרעגט:

— ווי ווילט איר האָבן געמאַכט אייער טאַטן: אין פאַרבן, אָדער אָן פאַרבן?

— איך וויל אים האָבן געמאַכט וואָס בעסער און וואָס ביליקער, — האָט מיין שוואָגער געזאָגט — דער עיקר וואָס איך וויל, איז, אַז ער זאָל אַרויסקומען ריכטיק, איך זאָל אים דערקענען; מחמת מער ווי דעם איינעם טאַטן האָב איך נישט געהאַט, כאָטש מיין מאַמע, אונדז צו לענגערע יאָר, האָט געהאַט דריי מענער. אָבער די ערשטע צוויי זיינען נישט געווען מיינע טאַטעס. מיין טאַטע איז געווען דער דריטער.

האָט אים דער פאָטאָגראַפטשיק געזאָגט:

— אויב איר ווילט האָבן געמאַכט אַ שיינעם טאַטן, איר זאָלט זיך נישט דאַרפן שעמען מיט אים, וועט עס אייך קאָסטן דרייסיק טאָלער. נישט אַ סענט ביליקער.

אַז מיין שוואָגער האָט דערהערט די פּרייז, איז ער אַ פאַר־צאַפּלטער געוואָרן:

— צי זיינט איר חלילה משוגע, צי גלאַט אַזוי אַראָפּ פון זינען. דרייסיק טאָלער וועל איך אייך געבן פאַר אַזאַ אָרימען טאַטן? וויפיל וואָלט איר שוין געוואָלט ווען מיין טאַטע וואָלט געווען איינער פון די רויטשילדס?

— וואָלט איך פון אייך פאַרלאַנגט דאָס איינענע, — האָט דער פאָטאָגראַפטשיק געזאָגט — אַ טאַטע איז אַ טאַטע; אַלע טאַטעס

דאַרפֿן געמאַכט ווערן גלייך; און ספּעציעל אייער טאַטע; זעט סאַראַ באָרד ער האָט! מאַכן אַזאַ רבנישע באָרד איז נישט קיין קלייניקייט. אַזאַ באָרד דאַרף געדויערן נישט ווינציקער ווי אַ האַלבן טאָג; דאָס איז נישט קיין באָרד, נאָר אַ בעזים. וואָס זאָג איך אַ בעזים, אַ וואַלד, אַ סענטראַל פּאַרק, אַ דזשאָנגל!

— טאָ וויפֿיל ווילט איר האָבן אָן דער באָרד? — פֿרעגט מיין שוואָגער.

— אָן אַ באָרד וועט איך קאָסטן זעקס טאָלער ביליקער. דאָס הייסט פֿיר און צוואַנציק טאָלער.

— אויב אַזוי מאַכט מיר דעם טאַטן אָן אַ באָרד, אַבי ער זאָל אַרויסקומען ריכטיק; סיי ווי סיי זיינען שוין די בערד אַרויס פֿון דער מאָדע... אָבער די וואָנסעס זאָלט איר אים איבערלאָזן; אָן וואָנסעס וועל איך אים גאָרנישט דערקענען...

— עט, — טוט דער פֿאָטאָגראַפֿטשיק אַ מאַך מיט דער האַנט עט, אַ טאַטע איז אַ טאַטע, מיט וואָנסעס, אָדער אָן וואָנסעס. אויב נישט קיין באָרד, דאַרף ער קיין וואָנסעס אויך נישט האָבן.

— וועט ער דאָך אויסקוקן ווי אַן אַקטיאָר.

— טאָ איז וואָס? אַן אַקטיאָר איז דען קיין מענטש נישט?

האָט זיך דער שוואָגער מיינער פֿאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר וועט מיר אַרונטערלאָזן נאָך איין טאָלער פֿונעם פּרייז, מעגט איר אים די וואָנסעס אויך אַרונטערנעמען.

איז דער פֿאָטאָגראַפֿטשיק איינגעגאַנגען אויף דעם און ס'איז געבליבן אַרונטערנעמען די וואָנסעס אויך.

— הייסט עס, אַז איך דאַרף אייך בלויז געבן 23 טאָלער, ווען דאָס בילד וועט פֿאַרטיק ווערן?

— יאָ, — האָט דער פֿאָטאָגראַפֿטשיק געענטפֿערט — דריי און צוואַנציק טאָלער.

האָט דער שוואָגער מיינער ווידער גענומען טראַכטן: אפשר קען מען נאָך עפּעס איינשפּאָרן? און באַטראַכטנדיק דאָס קליינע בילדל, איז אים איינגעפֿאַלן: אויב נישט קיין באָרד און נישט קיין וואָנסעס, טאָ צו וואָס טויג אים די יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ? ער וועט דאָך סיי ווי אויסקוקן ווי אַן עקטער.

— הערט זיך אויס, — זאָגט מיין שוואָגער — אויב איר וועט

זאָלן אידן לאַכן

מיר אַרונטערלאָזן נאָך דריי טאָלער, מעגט איר אים אַרונטערנעמען די יאַרמולקע אויך!

— ער וועט אויסקוקן אַ סך שענער אָן אַ יאַרמעלקע, — האָט דער פאָטאָגראַפטשיק באַמערקט. איצט וועט איר ערשט האָבן אַ שיינעם טאַטן.

מיין שוואָגער האָט זיך געפרייט וואָס עס פאַלט אים איין אַלע ווייַלע אַן איינפאַל ווי צו פאַרשענערן זיין טאַטן, און ווי אַרויסצו־קריגן נאָך אַ פּאָר דאָלער ביים פאָטאָגראַפטשיק. הלואי קען איך פון טאַטן נאָך עפּעס אַרונטערנעמען — האָט ער געטראַכט.

און ער האָט ווידער גענומען באַטראַכטן דאָס קליינע בילדל און ווידער האָט אַ בליץ געטאָן ביי אים אַ געדאַנק:

— ווי וואָלט געווען, אַז איר זאָלט אים אַרונטערנעמען אַן אויער?

— אויב איר ווילט, פאַרוואָס נישט? וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַ טאַטע מוז האָבן צוויי אויערן?

— וויפיל וועט איר אַרונטערלאָזן פאַר אַן אויער? — וויל דער שוואָגער וויסן.

— נישט קיין סך.

— דאָך?

כ'ווייַ... פופציק סענט.

— וואָס רעדט איר, פופציק סענט פאַר אַזאַ גרויס אויער?

— איך קאָן נישט מער אַרונטערלאָזן, — שווערט זיך דער פאָ־טאָגראַפטשיק ביי זיין ווייב און קינדער.

האָט דער שוואָגער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט: „אָלרייט, איר קריגט אייער פּרייז און שווערט זיך נישט".

דער שוואָגער האָט זיך ווידער אַ מאָל פאַרטיפט אין קליינעם בילדל, ווי ס'וואָלט געווען אַ שטיק קבלה, און ווידער געשטעלט אַ פראַגע:

— דענקט איר נישט, אַז דאָס צווייטע אויער איז אויך איבע־ריק? טאַקע, וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן מיט איין אויער? אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט. האָב איך רעכט, צי ניין? אויב איר לאָזט מיר אַרונטער נאָך 50 סענט, מעגט איר אים אַרונטערנעמען דאָס צווייטע אויער אויך.

— אָפּגעמאַכט! — זאָגט דער פאָטאָגראַפּטשיק — אין אַ וואָך אַרום וועט דאָס בילד זיין פאַרטיק.

— איר דאַרפט זיך ניט אײַלן, עס ברענט נישט. נעמט זיך צייט וויפיל איר ווילט, אַבי דאָס בילד זאָל אַרויסקומען ריכטיק.

דער שוואָגער האָט זיך פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך די נאָזלעכלעך און געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? איר זאָלט אים אויך אויסגלעטן די קנייטשן פון פּנים; די קנייטשן מאַכן אים אויסזען אַלט און צובראָכן.

— דאָס איז אַ קלייניקייט, אין צען מינוטן צייט נעם איך אים אַרונטער אַלע קנייטשן, אָבער...

— אָבער וואָס? — פרעגט דער שוואָגער.

— איך טראַכט, — זאָגט דער פאָטאָגראַפּטשיק, — אויב מען נעמט אים אַרונטער די יאַרמעלקע פון קאָפּ, בלייבט ער דאָך מיט אַ הוילן קאָפּ, מיט אַ פּליך הייסט עס, טאָ וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן מיט אַ פּליך?

— גוט וואָס איר האָט זיך געכאַפּט אין צייט! — האָט דער שוואָגער אַ שפּרונג געטאָן — טאַקע, וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן אָן האָר?

— וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— מאַכט אים אַ שיינעם קאָפּ מיט לאַנגע האָר און אַביסעלע געקרייזלט. דאָס וועט אים מאַכן אויסזען אינטעליגענט.

— דאָס וועט אייך אָבער קאָסטן זיבן טאָלער. אַן אַנדערן וואָלט איך גערעכנט צען, נאָר אייך...

— הערט מיך אויס! — האָט דער שוואָגער אַ שטאַרקן צי געטאָן דאָס סיגאַרעטל — איך וועל זיך מיט אייך נישט דינגען; איך בין נישט, חלילה, קיין אידענע, איך וועל אייך געבן אייער פּרייז, נאָר... נאָר... איר זאָלט שוין, פאַרן זעלבן געלט, אויך אַרונטערנעמען פון זיין נאָז די ברילן; די ברילן מאַכן אים אויסזען ווי אַ מלמד.

— איך קען עס נישט מאַכן פאַר דעם פּרייז — שווערט זיך דער פאָטאָגראַפּטשיק — איך קען עס נישט.

— זייט נישט קיין עקשן, — טענה'ט מיין שוואָגער — אויב

דאָס בילד וועט אַרויסקומען ריכטיק, וועל איך אייך געבן איבערצו־
מאַכן מיין מאַמען אויך.

— אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש, — זאָגט דער פאָטאָגראַפ־
טשיק.

דער שוואָגער האָט אים געגעבן צען טאָלער האַנט־געלט, גענומען
אַ רעסיט און איז אַוועק. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעקערט
און געזאָגט:

— איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז ווען איר וועט האַלטן
ביי דער נאָז, זאָלט איר אים שוין אַרונטערנעמען דאָס האָרביטשקל
אויך. פאַרגעסט נישט...

— אָ קעי.

אין צוויי וואָכן אַרום איז שוין דאָס בילד געהאַנגען ביי מיין
שוואָגער אין הויז.

מיין שוואָגערס קינדער האָבן זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנ־
קוקן: אַזאַ שיינעם זיידן ווי זיי האָבן, האָט קיינער נישט!

בלויז דער עלטערער בחור, בעני, האָט געזאָגט, אַז דאָס בילד
האָט אַ חסרון: דער זיידע האָט געדאַרפט טראָגן אַ שטרויענעם קאַ־
פּעלוש און רויכערן אַ פּאַפּיראָסל.

און דער שוואָגער מיינער, חיים איטשע, איז געשטאַנען און גע־
קוקט אויפן בילד, געקוועטשט מיט די פּלייצעס: — זאָל איך קרענקען
אויב איך דערקען אים! גאָרנישט דער זעלבער טאַטע וואָס געווען...
אַ גרויל ווי שטאַרק ער האָט זיך געענדערט... ער זעט דאָך אויס מיט
דרייסיק יאָר אינגער! ווען איך זאָל נישט זיין זיכער, אַז ער איז מיין
טאַטע, וואָלט איך געמיינט, אַז איך בין גאָר זיין טאַטע!

— ווייס איך וואָס! — האָט די שוועגערן באַמערקט — ער איז
גאָרנישט פאַכאָזשע אויף דיר; ער זעט גיכער אויס ווי אַן אָפּערע־
זינגער, ווי מאַרטינעלי.

דער שוואָגער האָט אויסגעהערט מיט פריידן זיין ווייבל און איז
געוואָרן גרעבער ווי לענגער: ער האָט זיך אַליין געוואָלט אַ קניפּ טאָן
אין באַק פאַר זיין געניאַלן איינפאַל...

מען וואַרט אויף מיין טויט

איך בין, ניט פאר אייך געדאכט, א שרייבער מיט א נאָמען. קו־מען איין מאָל אריין צו מיר צוויי אידן אָן בערד און אָן שכל: „וואוינט דאָ דער און דער שרייבער?"

— יאָ, זאָג איך.

— איז גוט!

— וואָס איז די גוטסקייט?

— ווייל מיר ווילן מיט אייך רעדן וועגן א וויכטיקן ענין.

איך האָב זיי אונטערגערוקט צוויי שטולן און זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט.

איינער פון זיי, דער עלטערער, האָט זיך אויסגעהוסט און געזאָגט:

— מיר זיינען א קאָמיטע פון די סטופּאיצער, זיינען מיר. מיר זיינען געשיקט געוואָרן צו אייך מיט א בקשה. מיר האָפן, אז איר וועט אונדז ניט אָפּזאָגן. איר וועט דערביי גאָר ניט פארלירן און פאר אונדזער פאריין וועט דאָס זיין די גרעסטע טובה.

— וואָס א שטייגער?

— די זאך דערפון איז אזוי: מיר האָבן א סעמעטערי, האָבן מיר. איז זי שוין אלט א יאָר צען און אפשר עלף. האָבן מיר שוין דאָרטן, קיין עין הרע, באַגראָבן א שיין ביסל פון אונדזערע ברידער. איז דאָך דאכט זיך גוט! טויג עס ערשט ניט. אזוי, אז מען וויל רעדן צוריק, טויג עס דוקא יאָ. וואו דען זאָלן ליגן אונדזערע ברי־דער אויב ניט אויף אונדזער בית עולם? איז אָבער פאראן א גרויסער חסרון: צווישן אלע מתים, וואָס ליגן דאָרט, וועט איר ניט געפינען קיין איין לייטיש מת: סאמע גראָבע יונגען, אויסוואורפן, פערד־גנבים, ביטל־שניידערס און פראַצעגטניקעס. טאָמער האָבן מיר שוין יאָ געהאט איין לייטישן מענטשן, א מוהל און א מסדר קדושין איז ער געווען, און מיר האָבן געהאט אן אויג אויף אים, אז ער וועט אונדז היינט־מאָרגן באַשיינען דאָס בית־עולם, פארגלוסט

זיך אונדזער פאַריין אים אַוועקשיקן אין יוראָפּ אַלס שליח. פאָרט ער, דער שוטה, דוקא אַריין אין אַ שטעטל וואו עס איז אַ פּאָגראָם און ער לאָזט זיך דערהרגענען, אַזאַ בהמה. אומגליקלעך האָט ער אונדז געמאַכט.

— וואָס זשע האָט דאָס מיט מיר צו טאָן? וואָס ווילט איר פון מיר?

— אָט וועט איר הערן: זינען מיר געקומען אייך פאָרליגן אַ פּלאַן, אַ ביזנעס פּראָפּאָזישאָן! אַזוי ווי מיר האָבן געהערט, אַז איר פילט זיך די לעצטע צייט ניט אַזוי פויגלדיק אין געזונט, אַז איר ריכט זיך איינגיכן צו גיין אַ גאַנג, וועט מען דאָך אייך מוזן ערגעץ מקבר זיין, ווילן מיר, דאָס הייסט אונדזער פאַריין, האָבן דאָס גרויסע פאַרגעניגן, אַז איר זאָלט ליגן אויף אונדזער בית עולם. אַזאַ מת ווי איר, אַ שרייבער, אַ דאָס... וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אונדזער פאַריין. און מיר וועלן אייך זאָגן דעם ריינעם אמת: עס גייט אונדז פשוט אין לעבן אייך צו באַגראָבן.

— ע... ע... ע... אנטשולדיקט, איך האָב, ברוך השם, ווער עס זאָל מיך באַגראָבן אָן אייך. ערשטנס, באַלאַנג איך צום אַרבעטער רינג, און דער אַרבעטער רינג האָט עטלעכע סעמעטערים. צווייטנס, באַלאַנג איך צום שרייבער־פאַריין. און אַז שרייבער ווילן באַגראָבן זייערן אַ קאָלעגע, קענען זיי אים באַגראָבן. אוי, קענען זיי! און ווען אפילו קיינער זאָל מיך ניט וועלן באַגראָבן — האָב איך דאָך אַ שוויגער.

— עט, אַ שוויגער איז בלאָטע! עס ווענדט זיך ווער עס באַגראָבט און ווי אַזוי מען באַגראָבט און וואו מען באַגראָבט. ווען איר וואָלט אַ קוק געטאָן אויף אונדזער סעמעטערי, וואָלט איר באַקומען חשק דאָרט צו ליגן. אַ קליייניקייט. פעטע ערד, די פיינסטע גראָזן, פּלענטי סאָן לייט... ווען איר זאָלט, למשל, אַ שטאַרב טאָן, לאָמיר זאָגן, אַרום פּסח־צייט, גאַראַנטירן מיר אייך, אַז אויף שבועות וואָלט אייער קבר שוין געווען באַוואַקסן מיט די שענסטע גראָזן. עס וואָלט אייך זי־כער צוגעקומען אַ שטיק געזונט! הייַנט די נעיבאָרהוד, די לאָקיישאָן, נאָענט צו אַ פּאַרק, צוויי בלאָק פון אַ סאַבוויי סטיישאָן, דריי בלאָק פון אַ מואווי, עלעקטריק לייטס, אַ לעיק, „סוערס" און אַ חוץ דעם בויט מען דאָרטן פון איין זייט אַן אויטאָמאָביל פּעקטאָרי און פון דער

אַנדערער זײט אַ הײ־סקול. איר װעט זען, אַז איר װעט קײן חרטה ניט האָבן. פאַרקערט: איר װעט אונדז נאָך דאַנקען!

אױסגעהערט די צװײ אידן, האָב איך זײ געענטפערט, אַז איך בין נישט בײ זיך אין דער האַנט. איך האָב אַ װײב און עס איז מער ניט װי רעכט, אַז איך זאָל זיך מיט איר מיישב זײן. טאָמער איז זי ניט צופרידן.

— אײ, װאָס דרײט איר אַ מוח? זי װעט זיכער זײן צופרידן! אַ סעמעטערי מיט אַזעלכע אימפּרואװמענטס!

הקיצור, די צװײ אידן האָבן מיך אַזױ לאַנג געמוטשעט, ביז איך בין מיט זײ מושוה געװאָרן: זיך מיט זײ צעשריבן „שװאַרץ אױף װײס", אַז אױב זײ װילן מיך מקבר זײן אױף זײער סעמעטערי, מוזן זײ מיר צאָלן, כּל זמן איך לעב, אַכצן טולער אַ װאָך, קעש, קײנע טשעקס.

זײנען זײ אַװעק צופרידן, מיט דער האָפנונג, אַז איך װעל לאַנג ניט לעבן.

און זינט דאַמאָלסט, װען עס איז געקומען דאָנערשטיק, האָט דער טרעזשורער פון סטופּאַיעצער פאַרײן, אַ איד מיט אַ פּאַרװאַקסן נאָז־לעכל, מיר אַרײנגעטראָגן די אַכצן דאָלער. און אײדער ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס געלט, האָט ער בשעת מעשה געפרעגט:

— נו, װאָס הערט זיך? װי פילט איר אײן געזונט?

— אַ דאַנקען גאָט!

— געזונט! אױ, װײ איז מיר. װאָס װעט זײן דער סוף? אױף װען װאַרט איר? איר װעט דאָך אונדז בדלות שטעלן; מיר זײנען דאָך אַן אָרימע סאָסײטי. װאָס טראַכט איר זיך, װאָס? זאָג איך:

— װאָס האָב איך זיך צו אײלן? עס ברענט? אימיצער װעט עס אױסכאַפּן? און אױב יאָ, אַרט מיך אױך ניט. אױב איר קענט קריגן אַן אַנדער גדול װאָס איז צופרידן צו שטאַרבן פאַר מיר, געזונטערהײט! זאָל יענער מאַכן אַ לעבן!

אַזױ איז דאָס אָנגעגאַנגען צװײ יאָר.

אױפן דריטן יאָר האָב איך געלאָזט װיסן דעם טרעזשורער פון די סטופּאַיעצער, אַז זײ װעלן מיר מוזן געבן אַ רעיז. פאַר 18 טאָלער אַ װאָך לױנט זיך מיר ניט צו שטאַרבן.

דער טרעזשורער איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און גענומען טענה'ן:

— ווי איז דאָס אַ איד אַזאַ גזלן? שוין צוויי יאָר אַז איר ציט אַרויס פון אונדז די עצמות. יעדע וואָך 18 טאָלער. וואו זאָלן מיר דאָס נעמען? די קאַסע איז שוין ליידיק; מיר מוזן ביי יעדן מיטינג מאַכן קאָלעקשאָנס. די ברידער ווילן שוין מער ניט געבן. זיי שרייען: עס איז שוין צייט אַז איר זאָלט שטאַרבן, אָדער אונדז באַפרייען פון דעם קאָנטראַקט.

— נעווער מיינד, באַפרייען! — קאָנטראַקט איז קאָנטראַקט! — האָב איך זיך צעבייזערט. אויב איר האָט ניט קיין געלט, קען איך באַשטיין, אַז איר זאָלט פאַרקויפן אייער סעמעטערי מיט אייערע טייערע מתים! וואָס מיינט איר זיך, וואָס? איר וועט מיך נעמען אויפן זיכער? אויב איר וועט מאַכן מיט מיר אַזעלכע מאָנקי ביזנעס, וועל איך אייך באַגראָבן, ניט איר מיך.

זיינען זיי געוואָרן אין כעס און איבערגעגעבן די געשיכטע צו אַ לאָיער. קריג איך אַ לאָיער לעטער. לעז איך איבער, שטייט געשריבן: אָדער גיט צוריק אָפּ דאָס געלט צו דער סאָסייטי אָדער שטאַרבט.

בין איך אַוועק צו מיין לאָיער. האָט ער אויסגעהערט מיינע טענות און מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און מיר געזאָגט שטיל אויפן אויער:

— ש... ש... פאָלג מיך און פאַרפיר נישט קיין פראָצעסן. דו וועסט זיכער פאַרלירן.

פרעג איך: — וואָס זשע זאָל איך טאָן?

זאָגט ער: — אַזוי ווי דאָס געלט האָסטו שוין אויסגעגעבן, איז די געזונטסטע זאַך פאַר דיר, אַז דו זאָלסט שטאַרבן.

האָב איך אים געענטפערט: איך וועל מיך מישב זיין... עס ברענט נישט, עס גייט מיר ניט אַזוי אין לעבן...

ווינציק מתים

... ווי איר ווייסט, בין איך אַן אונדערטייקער, אַ קברן. אַ איד וואָס באַגראָבט אַנדערע אידן. קיין גרויסער אויסקלייבער בין איך ניט; איך באַגראָב וועמען עס לאָזט זיך: מענער, ווייבער, קינדער, ליטוואַקעס, גאַליציאַנער, רעכטע, לינקע — עס זאָל נאָר זיין אַזוי־פיל וויפיל איך קען באַגראָבן.

איז אָבער די צרה, וואָס די ביזנעס טויגן אין דר׳ערד; וואָס כ׳האָב ווינציק מתים. אַזאַ ביטערע צייט, הערט איר, האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט.

איך האָב אויסגערעכנט, אַז איך מוז האָבן, וועניגסטנס, כאָטש פיר מתים אַ טאָג, נישט ווינציקער.

זעט איר, ווען גאָט וועט מיר העלפן און דער זון מיינער וועט מיר אויסשטודירן דאָקטאָר, וועט ער מיר אַ סך ארויסהעלפן אין די ביזנעס. ער וועט, זאָגט ער, אַזוי באַהאַנדלען זיינע פּאַציענטן, אַז זיי וועלן מוזן אריינפאַלן אין מיינע הענט. און מיין זון ווייס וואָס ער רעדט... אָבער וואָס קומט אַרויס וואָס אַמאָל וועט זיין? דערווייל איז היינט ביטער.

נו, פרעג איך אייך: קען מען לעבן? ווען ס׳זאָל אַזוי אָנ־האַלטן, חלילה, אַ זעקס חדשים, וועל איך דאַרפן אויפגעבן די ביזנעס, אָבער איך האָף, אַז ס׳וועט אַזוי נישט אָנהאַלטן. גאָט איז אַ גוטער; אַז ער העלפט אַ וואָרעם אונטער אַ שטיין, וועט ער מיר אויך העלפן.

אָט האָב איך, מיט אַ האַלב יאָר צוריק, אָנגענומען אַ גרויסע סאָסייטי. די סאָסייטי האָט אפשר זעכציק טויזנט מעמבערס. דער אָפּמאַך איז זייער אַ ביליקער. איך דאַרף קריגן 75 טאָלער פּאַר יעדן מעמבער וואָס איך וועל באַגראָבן.

איך האָב עס געלאָזט ביליק, ווייל איך האָב גערעכנט, אַז, ווי גאָרנישט, וועל איך האָבן פון דער סאָסייטי כאָטש דריי מתים אַ

טאָג. דריי טויטע פון אזא גרויסע מעמבערשיפּ, איז נישט קיין סך. אָבער ווי זאָגט איר: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. שטימט נישט דער חשבון. ווי אויף להכעיס ווילן די מעמבערס ניט שטאַרבן. זיי האָבן צייט, זאָגן זיי; היינט פאָלגט מיך א גאנג און מאַכט פון זיי א לעבן! נעכטן אין אָוונט בין איך אוועק צום פּרעזידענט פון דער סאָסייטי. ער וואוינט אין פלעטבוש, וואוינט ער. ער האָט מיר געהייסן זיצן, מיך מכבד געווען מיט א גלעזל טיי און מיך געפרעגט וואָס איך וויל, נאָך וואָס איך בין געקומען.

— איך בין אייך געקומען פרעגן, — זאָג איך — אלעמאַי די ביזנעס זיינען אזוי סלאָן? אלעמאַי איך האָב אזוי ווינציק מתים? איך האָב אויסגערעכנט, זאָג איך, אז אין דורכשניט האָב איך פון אייך נישט מער ווי צוויי בר מינן'ס א וואָך און דאָס איז פאַרדאַמט ווייניק! וואָס קאָן איך, אזא גרויסער בעל הוצאה, טאָן מיט צוויי מתים? ס'איז, זאָג איך, נישט אהער, נישט אהין...

האָט זיך דער פּרעזידענט צעלאַכט.

זאָג איך: — איר לאַכט, און פון מיר טריפט דאָס בלוט. אייך, — זאָג איך — איז גרינג צו לאַכן; ווען איר וואָלט געווען, — זאָג איך — אין מיינע בוטס, וואָלט איר, — זאָג איך — נישט געלאַכט.

זאָגט דער פּרעזידענט: — איך לאַך, וויל איר האָט טענות צו מיר אלעמאַי אונדזערע מעמבערס ווילן ניט שטאַרבן. דערפאַר לאַך איך. די מעמבערס פאַרשטייען, הפּנים, אז שטאַרבן איז ניט קיין גרויסער פּלעזשור. די מעמבערס — זאָגט ער — קענען זיך גאַנץ שיין אויסלעבן זייערע יאָרן און ניט שטאַרבן.

— אָבער מיינע ביזנעס ליידן דאָך דערפון — זאָג איך, — איך ווער דאָך — זאָג איך — אַן אָרימאַן, אַן אביון.

— אמת — זאָגט ער, — אייערע ביזנעס ליידן דערפון, אָבער ס'איז נישט אונדזער שולד. מיר קענען דאָך צוליב אייך נישט אויס־הרגענען די מעמבערס, אָדער זיי פאַרסמען; אזעלכע זאַכן דאַרף מען איבערגעבן צו אַ רעפערענדום, און ווי די מאַדזשאָריטי באַשטימט, אזוי בלייבט עס. אין אונדזער קאָנסטיטושאָן איז וועגן דעם גאָר־נישט דערמאָנט; שטאַרבן איז, ווי איר ווייסט, א פּריוואַט זאַך און מיר ווילן זיך אין פּריוואַטע זאַכן נישט אריינמישן; מיר גיבן אונדזערע מיטגלידער אלע פרייהייטן.

אויסגעהערט דעם פּרעזידענט, זאָג איך: — אָבער נאָך וואָס זאָלט איר מיר לעבן, בין איך שולדיק? איך קאָן דאָך פּאָרט נישט מאַכן קיין לעבן פון צוויי מתים א וואָך.

זאָגט ער: — איך האָב פאַר אייך אַן עצה: נעמט אָן נאָך א פּאָר סאָסייטיס, וועט איר האָבן מער מתים. פון אונדז אביסל, פון זיי אביסל, וועט איר מאַכן בעסערע געשעפטן.

זאָג איך: — וואָס טויגן מיר די סאָסייטיס, אז די מעמבערס ווילן ניט שטאַרבן.

— דאָס קאָן מען נישט העלפן, —זאָג דער פּרעזידענט. — יעדער איינער טוט ווי ער פאַרשטייט; מען קען קיינעם ניט צווינגען. ווען מיר לייגן אַמאָל ארויף אויף די מעמבערס א „טעקס", האָבן מיר א רעכט אויף דעם, אָבער זאָגן א מעמבער: דו מוזט שטאַרבן, ווייל דער אָנדערטייקער טוט נישט קיין ביזנעס, דאָס טאָרן מיר נישט.

מער האָט דער פּרעזידענט מיט מיר נישט געוואָלט ריידן.

אהיים גייענדיק, האָב איך אויפן וועג אָנגעטראָפן א באַקאַנטן דאָקטאָר. האָט זיך דער דאָקטאָר אויך באַקלאָגט פאַר מיר, אז ער מאַכט שלעכטע געשעפטן: דער עולם וויל ניט קרענקען; ווען דער עולם, זאָגט ער, זאָל קרענקען, וואָלט פאַר מיר אויך גוט געווען. דער דאָקטאָר איז נישט קיין גרינגער, ער פאַרשטייט א געשעפט.

היינט, זעט איר, האָב איך דוקא געהאַט א נישקשהדיקן טאָג. היינט זיינען מיר אריינגעפאַלן דריי מתים מיט אַמאָל. קיין גרויסע גליקן וועל איך נישט מאַכן, אָבער בעסער ווי גאָרנישט.

וואָס מיר פעלט, איז א... א... מגפה, נאָר א מגפה! דאָס וואָלט מיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. ווי אַמאָל די אינפלוענציע.. יענע אינפלוענציע האָט מיך געשטעלט אויף די פיס. איך האָב דעמאָלט חתונה געמאַכט מיין עלטערע טאָכטער; איר געגעבן 5 טויזנט טאָלער נדן; איינגעפיקסט מיין איידים, דעם לאָיער, א שיינעם אָפיס, געמאַכט מיין פרוי א פּרעזענט א דיימאָנט רינג, זיך געקויפט אַן אָטאָמאָביל. פופצן און צוואַנציק מתים א טאָג פלעג איך האָבן. די ביזי איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט געאַרבעט אָווערטיים.

איר וואונדערט זיך, וואָס איך בעט אויף אַלעמען דעם טויט? וועלל, איך מוז דאָך מאַכן א לעבן...

איך בין ניט געשטאָרבן

איך האָב געלייענט אין אַ פּאַריזער צייטונג, אַז איך בין גע־שטאָרבן.

אַז איך האָב געהאַט אַ שיינע לויה, אַז אפשר פופציק אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן צוגעשיקט בלומען מיט אויפשריפטן.

אַז די גרעסטע שריפטשטעלער, דיכטער און קריטיקער האָבן גע־האַלטן רעדעס ביי מיין קבר.

אַז איך ליג נישט ווייט פון די גרעסטע שרייבער, אויף די קרקע פון ארבייטער רינג.

אַז זייט ניויאָרק שטייט אין דרויסן איז נאָך אַזאַ לויה ניט געווען.

אפילו קליינע קינדער אין די וויגן האָבן געוויינט און געכליפּעט.

און אַלט בין איך געווען נישט מער ווי 51 יאָר מיט דריי וואָכן.

אַז איך האָב איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט אַכט יתומים.

דער אינגסטער פון די יתומים איז נאָך קיין פיר יאָר ניט אַלט.

ווייטער איז איבערגעבליבן מיינע אַ מוטער פון אריבער זיבע־ציק, וואָס הערט נישט אויף צו וויינען נאָך מיר.

ביים אָפענעם קבר האָט זיך מיין געזעצלעכע פרוי געוואָלט נעמען דאָס לעבן, אָבער מיינע קאָלעגן האָבן זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ יונגן טויט.

דערביי איז געווען אויסגערעכנט די ביכער וואָס איך האָב אָנ־געשריבן.

וועדליק די פּאַריזער צייטונג האָט אָנגעגעבן, האָב איך אָנגעשריבן איין און פערציק ביכער. איין און צוואַנציק מיט הומאָר, צען ביכער מיט לידער, פינף ביכער וועגן אַלערליי וויסנשאַפטן און צוויי ביכער וועגן אַלבערט איינשטיין.

אַ חוץ וואָס איך האָב אָנגעשריבן פּיעסן: דראַמעס, קאָמע־דיעס, טראַגעדיעס און לייכטע אָפּערעטעס.

ווי געזאָגט, האָב איך וועגן מיין טויט געלייענט אין א פאַריזער אידישער צייטונג.

פאַרשטייט זיך, אז דער עסק האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן.

ווי וואָגט עס א צייטונג אויסצוטראַכטן אויף א שרייבער אזא זאַך?

דערווייל זיינען אָנגעקומען צו מיין פרוי טרויער־טעלעגראַמעס פון אַלע עקן לאַנד, וואו מען דריקט אויס סימפּאַטיע צו דער יונגער אַלמנה און אַכט בידנע יתומים.

א פּאָר טעלעגראַמעס האָבן געפּרואווט טרייסטן מיין פרוי:

„זייט נישט אזוי דערשלאָגן", האָט מען איר געשריבן, „איר זייט נאָך א גאַנץ אַפּעטיטנע ווייבל, איר וועט קריגן אַן אַנדער שריפט־שטעלער; אפשר א שענערן, א געזינטערן, מיט מער טאַלאַנט; זייט ניט אזוי פאַרצווייפלט".

די ערשטע זאַך וואָס מיר איז איינגעפאַלן, איז אַנצוקלאָגן די פאַריזער צייטונג אין פופציק טויזנט דאָלער.

האָב איך זיך מיישב געווען מיט אַן אַדוואָקאַט. האָט מיר דער אַדוואָקאַט געזאָגט: „מאַכט זיך נישט לעבערלעך! די צייטונג איז אָרעם ווי די נאַכט, האָט חובות איבערן קאָפּ, שרייבער קריגן ניט קיין שכירות און אַלע טאָג שיקט מען אַרוים עטלעכע פּאַטריאָטן מאַכן קאָלעקציעס — טאָ טשעפּעט איר ניט".

„וואָס זשע זאָל איך טאָן?" — פרעג איך דעם אַדוואָקאַט.

„גאָרנישט", זאָגט ער, „מאַכט א דערקלערונג אין דער פּרעסע, אז די געשיכטע וועגן אייער טויט איז נישט אמת, לייקנט עס אָפּ און פּטור".

האָב איך געפאָלגט דעם אַדוואָקאַט און אָנגעשריבן די דאָזיקע דערקלערונג פאַר אַלע אידישע צייטונגען אין אַמעריקע, קענעדע און אייראָפּע:

„צו אַלע מיינע לעזער, פריינט, חברים, קאָלעגן און קרובים!

„איך, ב. קאָוונער (י. אַדלער), דער גאַליציאַנער ליטוואַק, לאָז אייך ווּיסן, אז איך בין נישט געשטאָרבן!

„איך לעב און איך רעכן נאָך אזוי צו לעבן ביז... ביז... איך וועל שטאַרבן.

זאָלן אידן לאָבן

איך וויל, אַז איר זאָלט עס מיר גלויבן, ווייל קיינער ווייסט נישט אַזוי דעם אמת ווי איך אַליין.

איך לייקן אויך אָפּ, אַז איך האָב געהאַט אַ שיינע לויה, אַז פּופּציק אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעשיקט בלומענקראַנצן מיט אויפֿשריפֿטן.

„עס איז אויך נישט אמת, אַז די גרעסטע דיכטער און שריפֿטשטעלער האָבן געהאַלטן הספדים ביי מיין קבר.

„איך האָב גאָרנישט אַזעלכע פריינט צווישן מיינע קאָלעגן!

„עס איז אויך נישט אמת, אַז מען האָט מיך מקבר געווען לעבן די גרעסטע שרייבער.

„איך לייקן אויך אָפּ אַז קינדער אין די וויגן האָבן געוויינט.

„אפשר האָבן זיי געוויינט, ווייל זיי האָבן געוואָלט זויגן און אפשר זיינען זיי געווען נאַסלעך...

„מאַלע פאַרוואָס קינדער וויינען!

„עס איז אויך נישט אמת, אַז איך בין אַלט געווען 51 יאָר. איך בין מיט פינף יאָר עלטער, און איך האָף נאָך צו ווערן עלטער מיט דרייסיק יאָר.

„איך האָב קיין מאָל נישט געהאַלטן פון שטאַרבן און הלוואי ווייטער.

„ווערליק איך באַגרייף דאָס שטאַרבן, פאַרשאַפט עס נישט קיין גרויסן פלעזשור; איך האַלט, אַז שטאַרבן איז די לעצטע זאַך וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן. די אַלע מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן ביז היינט, האָבן שטאַרק חרטה.

„איך האָב אויך נישט איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט אכט יתומים.

„מיין ווייבל האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם גוטן טעם פון ווערן אַן אלמנה, און זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אכט קינדער. האָבן קינדער אָן מיין ווייסן איז נישט אין איר לאַין. ווען זי וואָלט, חלילה, געהאַט אכט קינדער, וואָלט איך זיכער געוואוסט דערפון.

„עס איז אויך נישט אמת, אַז מיין פרוי האָט זיך געוואָלט נעמען ס׳לעבן ביי מיין קבר. אַט לוינט זיך איר טאַקע צו סטאַפּן אַ האַלבן טאָג צוליב אַזאַ נאַריקייט!

„מיין ווייבל איז גאָרנישט אזוי פארליבט אין מיר, אז זי זאָל אָן מיר נישט וועלן לעבן.

„גלויבט מיר, אז דאָס וואָס זי וואוינט מיט מיר שוין 35 יאָר, איז פאר איר ערגער ווי דער טויט!

„און דאָס, וואָס די פאריזער צייטונג האקט א טשייניק, אז איך האָב איבערגעלאָזן איין און פערציק אָנגעשריבענע ביכער, איז דער גרעסטער ליגן וואָס א צייטונג האָט ווען עס איז געוואגט צו זאָגן!

„איך האָב סך הכל אָנגעשריבן אכט ביכער, טויגן זיי אַלע אויפן פייער; קיינער נעמט זיי נישט אין האנט.

„און פון מיינע אַלע פיעסן האָט מען אויפגעפירט סך הכל צוויי, צו וועלכע די מענעדזשערס האָבן דערלייגט דעם קאָפּ.

„עס איז א סברה, אז דאָס וואָס די טעאַטערס שאָקלען זיך אזוי, זיינען אין דעם שולדיק מיינע צוויי פיעסן.

„אפילו די אַקטיאָרן און די אַקטריסעס, וואָס האָבן געשפּילט אין מיינע פיעסן, זיינען אויך ארויס פון דער פּראָפעסיע: איין אַק־טיאָר איז אריין אין די גאראדזש ביזנעס; א צווייטער איז געוואָרן א קארפּענטער; א דריטער האנדלט מיט לאָטערי צעטלעך און דער פערטער האָט זיך געעפנט א בארבער שאַפּ.

„און די הויפּט־אַקטריסע, די סוברעטין, האָט חתונה געהאַט פאר א שאָופער און זי מוטשעט זיך נעבעך...

„און וועגן אַלבערט איינשטיין האָב איך קיינמאָל ניט געשריבן.

„חשובע לעזער, חברים, אידן, פריינט און קאָלעגן!

„איך שטרייך נאָך אמאָל אונטער מיינע ערשטע ווערטער:

„איך בין נישט געשטאָרבן!

„אז איך וועל אמאָל שטארבן אויף אן אמת, וועל איך אייך פערזענלעך לאָזן וויסן וועגן מיין טויט.

„נ. ב. — אַלע צייטונגען פון דער וועלט, עס מאכט נישט אויס אין וואָס פאר א לשון זיי גייען ארויס, זיינען געבעטן איבערצו־דרוקן די דאָזיקע ערקלערונג.״

טויב ווי די וואַנט

„געערטער פריינט!

„מיר ווילן אייך האָבן אין אונדזער שטאָט פאַר אַ פאַרלעזונג. עס איז אונדז אומעטיג אויפן הארצן. די געשעפטן זיינען אין דר'ערד, די פרויען אונדזערע יאָדען אונדז, דערגייען אונדז די יאָרן. ווילן מיר זיך אַ קאַפּעטשקע אויפמונטערן.

„לאָזט אונדז וויסן וויפיל איר פאַרלאַנגט. אָבער האָט גאָט אין הארצן, פאַרגעסט נישט, אַז איר זייט נאָך ביי אונדז אין שטעטל קיינ־מאָל נישט געווען. מיר ווילן אייך אי זען, אי הערן".

האָב איך באַלד געענטפערט:

"געערטער פריינט!

„איך וויל האָבן 50 דאָלער מיט אייערע הוצאות. מיין פּרייז איז אַ סך מער, נאָר אַזוי ווי איר האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט און ס'איז אייך אומעטיק, נעם איך ביי אייך אַ קלײנעם פּרייז. איך טו דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל איך האָב אויף אייך רחמנות.

„מיט גרויס דרך ארץ,

ב. ק אָ וו נ ע ר".

אין אַ וואָך אַרום קריג איך אַן ענטפער אויף מיין בריוול:

„מיר נעמען אָן אייערע קאָנדישאָנס מיט גרויס שמחה; די אונטערנעמונג וועט זיין מיטוואָך אָוונט, דעם 1טן אַפּריל, אין האָצמאַך'ס קאַסינאָ, 211 דלות פּלעים. לאָזט אונדז וויסן ווען איר פאָרט אַרויס, וועלן מיר אייך אָפּוואַרטן ביים סטיישאַן מיט אַ מאַשין.

ד י ק אָ מ י ט ע".

דערהערט אַז דער קאָנצערט וועט זיין דעם ערשטן אַפּריל, איז מיר איינגעפאַלן אָפּטאָן די חברה אַ שפּיצל: איך וועל זיך מאַכן, אַז איך בין טויב, טויב ווי די וואַנט.

צוויי טעג פאַר'ן ערשטן אַפּריל שרייב איך זיי אַ בריוול:

„זייט וויסן, אַז איך פאָר אַרויס דעם ערשטן אַפּריל איינס אַזייגער.

נאָכמיטאָג, וועל אָנקומען אין אייער שטעטל צוואַנציג מינוט נאָך פינף, וואַרט מיך אָפּ ביים סטיישאָן און גרייט אָן פאַר מיר אַ האָטעל.

„ווייטער לאָז איך אייך וויסן, אַז איך בין זייער טויב! מען מוז שרייען זייער הויך, איך זאָל קאָנען הערן... און כדי איר זאָלט וויסן ווער איך בין, וועל איך טראָגן אין לאַץ אַ רויט בלימל.

אייער,

ב. קאָוונער".

דעם ערשטן אַפּריל, צוואַנציג מינוט נאָך פינף, בין איך אָנגעקומען אין יענעם שטעטל.

אַ קאָמיטע פון דריי מענער מיט איין פרוי האָט מיך אָפּגעוואַרט. איך האָב זיי אַלע פיר געגעבן די האַנט און אַלע מיט אַמאָל האָבן גענומען שרייען מיט די העכסטע קולות:

—העלאָו! העלאָו! געהאַט אַ גוטע רייזע?

— איך הער ניט...

בויגט זיך איינער צו צו מיר זייער נאָענט און שרייט מיט אַלע זיינע כוחות:

— ווי איז געווען אייער יאַזדע?

— מיר'ן האָבן אַ שיין פּעקל מיט אים, — באַמערקט אַ פרוי — ער וועט אונדז אַלעמען מאַכן הייזעריק! גיי וויים, אַז ער איז אַ טויבער. ווען מען לייענט זיינע זאַכן, פילט מען עס גאָר ניט.

— וואָס האָט שרייבערײַ צו טאָן מיט טויבקייט? — פאַלט אַריין איר געזעצלעכער מאַן — אָט איז בעטהאָווען, דער גרויסער מוזיקער, אויך געווען טויב, פונדעסטוועגן האָט ער געשריבן די שענסטע מוזיקאַלישע ווערק.

און אָט זיצן מיר שוין אין דער מאַשין און חברה רעדן צווישן זיך:

— מיר'ן נעמען אַ ביליקן האָטעל; פאַר אַ דאָלער וועט ער זיך אויסשלאָפן.

— און עפּשער זאָל ער גאָר שלאָפן ביי אונדז אין הויז? אויב מען קאָן איינשפּאָרן אַ טאָלער, פאַרוואָס ניט?

— ביי דיר זיינען דאָך אָבער פאַראַן בייסערלעך... און מער פעלט אונדז ניט, נאָר ער זאָל אונדז שפּעטער באַשרייבן!

— דער האָטעל איז אויך ניט קיין ריינער, — זאָגט די פרוי —

דער רעדנער, וואָס איז דאָ געווען מיט א יאָר צוריק, האָט זיך די גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין קראַצן...

— וועל איך אים נעמען צו זיך; איבערציען העשעלע׳ס בעט אויסלופטערן דאָס קישן און פּאַרטיג.

און מען האָט מיך אַריינגעפירט אין א פּריוואַט־הויז, ביי א פריינד, מיר איבערגעגעבן א טונקלן צימער מיט אָפּגעשיילטע ווענט און א סטעליע וואָס האָט געהאַלטן ביים אַרונטערפאַלן...

— איך וויל האָבן א האָטעל, — האָב איך געפאָדערט מיינס — מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט אין אונדזערע בריוו.

שרייט מיר דער בעל־הבית אַריין אין אויער:

—דאָ איז אסאַך ריינער ווי אין אונדזער האָטעל; דער האָטעל איז ניט פאַר אייך!

— וואָס זאָגט איר? — פרעג איך כלומרשט איבער — איך הער ניט.

— דער האָטעל איז ניט פאַר אייך. ער איז ניט ריין גענוג.

— מען גיט דאָרט ווייִן גענוג, זאָגט איר? איך גלייך טאַקע ווייִן, ווייִן מאַכט פילן פריילעכער.

— ניט ווייִן, נאָר ריין!

— אָ, ריין! איך גלייך טאַקע ווען ס׳איז ריין. דאָ, ביי אייך, איז ניט אַזוי ריין ווי איך האָב ליב.

— דאָ איז א סך ריינער ווי אין האָטעל. דאָרט זיינען פאַראַן וואַנצן אין די בעטן!

— וואָס פאַר א טאַנצן?

— ניט טאַנצן, נאָר וואַנצן. בייסערלעך וואָס בייסן, וואָס לאָזן ניט שלאָפן!

— ווער לאָזט ניט שלאָפן?— פרעג איך ווידער.

— די וואַנצן לאָזן ניט שלאָפן! די וואַנצן!

— איך הער ניט. רעדט,זייט מוחל, א ביסעלע העכער, — און איך ווייז איר אָן אויף אָן אויער.

הער איך ווי זי זאָגט צו איר מאַן:

— בעני, מיר דאַכט זיך, אז מיר׳ן היינט בלייבן אָן א האַרץ און אָן לונגען... איך האָב שוין ניט קיין קרעפטן צו שרייען.

— איך אויך ניט.

— טאָ לאָמיר איינגאַנצן ניט רעדן צו אים און פּאַרטיק.
— נאַדיר אַזאַ אומגליק! ווען מיר ווייסן דאָס פריער...
— וואָס זשע וואָלט געווען?
— וואָלט מען זיך מיט אים ניט אָנגעהויבן. ווער האָט עס געזאָלט ווייסן?
— ער האָט דאָך געשריבן אין בריוו, אַז ער איז אַ טויבער.
— אמת, אָבער מיר האָבן ניט גערעכנט, אַז ער איז אַזוי טויב!
וואָס טויג אייך מעשיות מיט געשעפטן, דער קאָנצערט איז געווען אַ גרויסער סוקסעס.
נאָכן קאָנצערט האָט מען געמאַכט אַ שטיקל באַנקעט פאַר מיר. עס זיינען געווען אַרום הונדערט מענטשן, כמעט אַלע מיינע חסידים, פּאַטריאָטן. די אַלע רעדעס האָט מען געמוזט שרייען, ניט רעדן — זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל הערן. יעדער איינער,וואָס האָט באַ־קומען דאָס וואָרט, איז צוגעקומען נאָענט צו מיר און געשריען מיט די לעצטע כחות.
כמעט אַלע רעדנער זיינען געוואָרן הייזעריק און כמעט אַלע האָבן געשוויצט...
צולעצט האָב איך באַקומען דאָס וואָרט. אַלע האָבן זיך אויפ־געשטעלט און גענומען פּאַטשן מיט אַלע קרעפטן, כדי איך זאָל הערן. ווען ס׳איז שטיל געוואָרן,האָב איך אָנגעהויבן רואיק און געלאַסן:
„פריינד, חסידים, פּאַטריאָטן און גוטע מענטשן!
„איצט, ווען דער באַנקעט ענדיקט זיך און מיר צוגייען זיך שוין, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, וואָס וועט אייך זיכער הנאה טאָן: איך בין ניט טויב, און איך בין קיינמאָל ניט געווען טויב, און איך האָף אויך אויף ווייטער צו בלייבן ניט קיין טויבער. איך האָב בלויז גע־וואָלט, אַז איר זאָלט געדענקען, אַז קאָוונער איז געווען ביי אייך. דאַצאָל...

אין דער פינצטער.

ווען איך האָב אריינגעצויגן אין דער נייער דירה, האָט זיך באַלד געיאָוועט א שכן א נודניק, מיט א ווייב און דריי קינדער, וואָס פלעגן קומען צו גאַסט יעדע נאַכט. ווי נאָר גאָט האָט אַרונטערגעשיקט א נאַכט אויף דער ערד. די נאַכט האָט געמעגט זיין א קורצע, א לאַנגע, א קאַלטע, א הייסע, א ליכטיקע אָדער א פינצטערע, איז דער שכן מיט זיין ווייב און קינדער געקומען צו מיר און אָפּגעזעסן ביז עלף און צוועלף, און זייער אָפּט ביז איינס אזייגער נאָך האַלבע נאַכט.

די גאַנצע צייט איז ער געזעסן און געפּלוידערט נאַרישקייטן און דערציילט אַלטע אויסגעדראָשענע וויצן, וואָס זיינען עלטער ווי די עלטסטע אידן פון „מושב זקנים". און אַלע נעכט האָט ער גערעדט דיזעלבע חכמות און אַלע נעכט האָט ער דערציילט דיזעלבע וויצן.

דערוויילי האָבן זיי, די געסט, אָנגעבראַכט אין הויז א ים מיט בלאָטע, מיט מיסט. כמעט אַלע פלעגן זיך אויפן נייעם קאַרפעט אָפּווישן די שיך. אין צוויי חדשים צייט איז שוין דער נייער קאַרפעט געווען אַן אַלטער קאַרפעט.

די געסט אַליין האָבן זיך געוואונדערט, וואָס דער קאַרפעט זעט אויס אַזוי אַלט. „סטייטש, מ'האָט דאָך אים ערשט געקויפט."

איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן פון ערגערניש, פון גריזאָטע. איך האָב א שיין ווייבל, טייערע קינדער, א נייע ראַדיאָ, א שראַנק מיט די פיינסטע ביכער. איך האָב זיך געקענט פאַרברענגען אין הויז מיט מיין פאַמיליע, הערן שיינע קאָנצערטן, לעזן א גוטן בוך, אָנשרייבן א ליטישע מעשה'לע, אָדער גלאַט ליגן אויף דער ווייכער סאָפע און חלומ'ען שיינע חלומות פון מיין יוגנט, פון אַמאָל, פון יענער צייט, ווען די ליבע האָט זיך גענומען אויפפיקן, ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט מיין איצטיקער ווייבל, ווען זי איז נאָך געווען א יונגע מיידל, בלוט און מילך, שיין און געזונט, נאָך קיין 15 יאָר נישט אַלט געווען;

פון די ערשטע ליבעס־נעכט אויף הויכע בערג, צווישן קוסטעס און סקאַלעס, צווישן סאָסנעס און וואַסער־פאַלן. יאָ, אין אַזעלכע ערטער האָב איך פאַרבראַכט מיינע ערשטע ליבעס־נעכט. און ווען איך האָב נאָר צייט, ליב איך נאָך אַמאָל איבערצו'חלום'ען יענעם וואונדערלעכן חלום פון מיין יוגנט.

וועדליק מיין שכל, איז ניט פאַראַן קיין שענערער חלום ווי אָט־אָ דער חלום. נאָר טאָמער איז פאַראַן אַ מענש וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ חלום, איז ער אַ מלמד, אַ יאַלד, אָדער גלאַט אַזוי אַ בהמה.

ביי מיר איז אָט־אָ דער חלום דער טייערסטער אין מיין לעבן. איך צי שוין דעם חלום 38 יאָר און איך בין נאָך ניט מיד געוואָרן.

נאָר גיי און חלום און האָב הנאה, אַז מען לאָזט דיך נישט; אַז מען קומט יעדע נאַכט צו גאַסט און מען שטערט דיר!

און ווער? ווילד־פרעמדע מענשן; עפּעס אַ איד אַ גודניק מיט אַ נערוועזע אידענע, מיט נערוועזע קינדער!

און ווייסט איר, ווען זיי פלעגן אריינפאַלן אין הויז? אַרום 10 אָדער 11 אַזייגער ביינאַכט. קיין מאָל נישט פריער. זייער אָפט פלעגט דער שכן מיר אָפּטאָן אַן אַנדער שפּיצל: ער פלעגט לאָזן די קינדער ביי מיר און ער מיט זיין פרוי פלעגן אוועק אויף אַ חתונה אָדער אויף אַ ברית, אָדער אין אַ אידישן טעאַטער, און מיר האָבן באַדאַרפט היטן די קינדער ביז מען איז געקומען זיי אַהיים נעמען. האָט מען גע־דאַרפט וואַרטן מאַנכעס מאָל ביז איינס אַזייגער פאַרטאָג.

אַ סך מאָל האָט די מאַמע געלאָזט וויסן דורכן טעלעפאָן, אַז ס'איז צו שפּעט. די קינדער מעגן שלאָפן ביי אונז, ניש־קשה, זיי זיינען אין אַ ריין הויז, אין ריכטיקע הענט. און אויף מאָרגן אין דער פרי זאָלן מיר זיי אויפוועקן אַרום זיבן אַזייגער, זיי געבן אַ באָד, אָנטאָן, אויס־קעמען די קעפּלעך, געבן עסן און זיי אוועקשיקן אין סקול.

אָט אַזוי, ווי איר הערט, האָט זיך דאָס געשלעפּט אַריבער אַ יאָר. יעדע נאַכט איז פאַר אונז געווען אַן אָפּקומעניש. מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מענשן קענען האָבן אַזאַ חוצפה, אַזוי אָנוואַרפן זיך אויף יענעם און צונעמען יענעמ'ס נעכט.

און פאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן זיי קיין מאָל נישט איינ־געלאַדן. קומען צו יענעם נישט געבעטענערהייט — דאָס דאַרף מען קענען, און מיין שכן האָט עס געקענט.

זאָלן אידן לאַכן

נישט איין מאָל האָב איך געבעטן גאָט, אז ס׳זאָל עפּעס טרעפן מיט אים. אָדער מען זאָל אים שיסן, אָדער ער זאָל זיך אויסגליטשן און אויסלענקן א פוס, אָדער זיין הויז זאָל אוועק מיט א פייער, ער זאָל ערגעץ אוועק און נישט צוריקקומען, אָדער מען זאָל אים גלאַט אזוי אַרעסטירן, מעג זיין אויף א בלבול, אבי מען זאָל אים אוועקשיקן אויף עטלעכע יאָר אין פּריזאָן.

אָבער דערווייל האָט גאָר ניט פּאַסירט און דער נודניק פלעגט אזוי קומען יעדע נאַכט אָפּזיצן מיט ווייב און קינדער ביז צוועלף אזייגער ביינאַכט, און צוליב זיינע קינדער האָבן מיינע קינדער ניט געוואָלט גיין שלאָפן און מיר אַליין האָבן אודאי נישט געקאָנט שלאָפן.

איז ביי אונז געבליבן:

מיר זאָלן נישט אָנצינדן קיין ליכט. נישט זומער, נישט ווינטער. אז דער שכן וועט זען, אז ס׳איז פינצטער, וועט ער נישט אריינקומען.

און מיין ווייבל האָט גענומען דורכפירן דעם פּלאַן.

מיר פלעגן אָפּעסן סאַפּער און בלייבן זיצן אין דער פינצטער.

האָבן מיר געזען, אז עס העלפט, אז זיי קומען נישט, איז געבליבן מיר זאָלן אויך אויף ווייטער אָנהאַלטן די פינצטערניש, אבי פּטור ווערן פון דעם נודניק מיט זיין פאַמיליע.

אומעטום איז ליכטיק; אין אַלע הייזער ברענען עלעקטרישע לאָמפּן, ס׳איז פריילעך, מען זינגט, מען שפּילט, מען טאַנצט, מען האָט הנאה פונ׳ם לעבן. מען דערציילט זיך שיינע מעשיות, מען לייענט גוטע ביכער, מען הערט זיך צו צו שיינע קאָנצערטן אויף די ראַדיאָס, נאָר ביי מיר אין הויז איז פינצטער; חושך ווי אין מצרים. טאָמער וויל א קינד אָנצינדן א ליכט, סטראַשעט מען עס, אז מען וועט עס ממית׳ן. עס איז שוין באַלד א יאָר ווי מיר זיצן יעדע נאַכט אין דער פינצטער.

צווישן די אַנדערע שכנים גייט ארום א סלוך, אז מיר האָבן נישט באַצאָלט אונזערע בילס צו דער עלעקטריק קאָמפּאַני, האָט מען אונז פאַרשלאָסן דעם „מיטער״.

זאָלן זיי זאָגן וואָס זיי ווילן, אבי מיר זיינען פּטור געוואָרן פון די נישט־געבעטענע געסט; אבי זיי קומען נישט מער.

ווי לאַנג מיר וועלן אזוי זיצן אין דער פינצטער, איז שווער צו זאָגן. עס ווענדט זיך ווי לאַנג מיין שכן, דער נודניק, וועט לעבן.

ווען ער שטאַרבט מאָרגנדיקן טאָג, צינד איך באַלד אָן די עלעקטריק ביינאַכט; עס וואָלט באַלד געוואָרן ליכטיק ביי מיר אין אַלע ווינקעלעך! און ווידער וואָלט מיין ראַדיאָ געשפּילט, און ווידער וואָלט איך געלייענט אַ גוטן בוך און ווידער וואָלט איך געשפּילט מיט מיין ווייבל אַ קאַסינאָ אויף אַ פּעני אַ געים.

כל־זמן דער שכן וועט זיין געזונט און לעבן, וועט ביי מיר זיין פינצטער.

און מאָדנע — מיין ווייבל האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש, אַז זי קען שוין אפילו ניט פאַרטראָגן די לבנה. קוים מאַכט זיך אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט, ציט זי אַרונטער די פירהענגלעך פון די פענצטער. „ס'איז צו ליכטיק, זאָגט זי, צו ליכטיק.״

און ווער איז שולדיק אין אונזער פינצטערניש? — אַ שלעכטער שכן.

צוליב אַ גאָלדענע פאָונטעין־פען

איך האָב פארלאָרן א גאָלדענע פאונטעין־פען, א מתנה פון א פאראיין, מיט מיין נאָמען אויסגעקריצט.

מילא, פארלאָרן איז פארלאָרן.

וועל איך שרייבן מיט א ביליקע פען.

דער עיקר איז דאָך נישט די פען, נאָר דאָס שרייבן.

האָב איך פארגעסן אָן דער גאנצער געשיכטע און פטור.

פלוצים עפנט זיך די טיר און עס באווייזט זיך א מאן פון א יאָר 50, א דארער, הויט און ביין, מיט א לאנגער אויסגעצויגענער נאָז, מיט קליינע וואָנצעלעך, א שוואכער, מיט איינגעבויגענע קני און קראנקע אויגן כמעט אָן ווייעס.

איך האָב דעם דאָזיקן פארשוין פריער קיינמאָל נישט געזען.

— איר האָט עס פארלאָרן א פאונטעין־פען? — פרעגט דער פארשוין.

— יאָ, איך.

— א גאָלדענע?

— א גאָלדענע!

— לאָז איך אייך וויסן, אז איך האָב זי געפונען און אָט איז זי.

— א גרויסן דאנק אייך, מיין אומבאקאנטער פריינט!

— מיר וועלן באלד ווערן באקאנט; עס וועט לאנג נישט נעמען.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אז מיר'ן זיך באלד באקענען — זאָגט דער פארשוין.

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר און גענומען רעדן:

— אייער פען האָב איך געפונען טאקע דאָ, אין דער גאס, אויף אייער בלאָק, וואו איר וואוינט. און אזוי ווי איך האָב געזען אייער נאָמען, האָב איך באלד פארשטאנען, אז מען דארף זי אייך אָפּגעבן. פון אייך האָב איך געהערט. איצטער וועל איך אייך זאָגן ווער איך בין: איך בין אייערער א לאנדסמאן. מיין פרוי וויל נישט וואוינען מיט מיר. דער זון מיינער וויל מיך נישט קענען, א קראנקער בין איך,

וואו צו זיין האָב איך נישט און אַ סענט ביי דער נשמה פאַרמאָג איך נישט, און וואָס צו עסן איז נישטאָ און וואו צו שלאָפן האָב איך אויך נישט — אָט האָט איר אייך מיין ביאָגראַפיע קורץ און שאַרף. וועט איר דאָך פרעגן, וואָס איך וויל פון אייך? וועל איך אייך ענטפערן: איך וויל פון אייך עטלעכע זאַכן: ראשית, וויל איך האָבן ביי אייך אַ פּלאַץ אויף צום שלאָפן ביז איך וועל געזונט ווערן און ווידער אָנהויבן עפּעס צו פאַרדינען. וויל איך האָבן ביי אייך אַ פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן און עסן... די אַנדערע קלייניקייטן, וואָס אַ מענש ווי איך דאַרף האָבן, איז שוין גרינג צו קריגן, ווי, למשל, אַ סוטל, אַ העמד, אַ פּאָר שיך, אַ מאַנטל און אַ פּאָר סענט אין קעשענע; מען איז דאָך אַ לעבעדיקער מענש; מען גייט אַמאָל אין אַ טעאַטער, אין אַ טאַקסי, מען דאַרף אַמאָל האָבן געלט פאַר אַ טעלעפאָן, סטעמפּס, אַמאָל דאַרף מען גיין אין אַ טוירקיש בעטה, צו אַ דאָקטאָר, אַוועקפאָרן אין די בערג אויף אַ פּאָר וואָכן, איז ווען אָט די אַלע זאַכן האָב איך קיין זאָרג נישט, דאָס איז אַלץ לוקסוס־זאַכן, דער עיקר איז עסן און אַ געלעגער און אַ פּאָר סענט אין קעשענע. פאַרלאַנג איך פון אייך אָט־אָ די דריי זאַכן: עסן, אַ געלעגער און אַ פּאָר טאָלער אין קעשענע. איך וויל האָפן, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן — און דאָס וועט דערנענטערן אונזער פריינטשאַפט... קען איך אייך פרעגן, וואו איז אייער פרוי? אָ, זי איז אַוועק איינקויפן? נו, וועט זי דאָך באַלד זיין צוריק. יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן. איך מוז אָפּרופן ניו היוואַן; איך האָב דאָרט אַ פריינט, אויב ער וועט מיר שיקן רייזע־קאָסטן, פאָר איך אַהין צו אים, וועל איך אייך נישט באַדערן... וועט איר מיר דערלויבן אייער טעלעפאָן? ווען איך זאָל האָבן געלט, וואָלט איך אַוועק אין אַ דראָג־סטאָר. נאָר איך האָב נישט קיין סענט ביי מיין לייב און לעבן. וועט איר מיר דערלויבן צו טעלעפאָנירן? אַ גרויסן דאַנק. פאַראַן גוטע מענשן...

ער האָט אָפּגערופן זיין פריינט פון ניו היוואַן:

„העלאָ, מעשל, דו ביזט דאָס, מעשל? דאָס רעדט צו דיר, העלאָ, דאָס רעדט צו דיר מנשה, יאָ, מנשה, דיין פריינט; הער, מעשל, איך וויל אַריבערקומען צו דיר אויף עטלעכע וואָכן. אויף אַ פינף אָדער זעקס וואָכן; האָב איך נישט קיין סענט ווען דו קוילעסט מיך. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט געזונט, גאַלסטאָונס, יאָ, גאַל־

סטאַונס און דאָס האַרץ איז אויך שוואַך, און דער בלאַד־פּרעזשור איז נידעריק, קיין פּולע הונדערט נישט. מוז איך האָבן אַ שטיקל היים און אַ ביסל הילף. שיק מיר אַרויס אַ צענערל, וועסטו נאָך מאָרגן מיך האָבן פאַר אַ גאַסט אויף עטלעכע וואָכן, שיק... העלאָו!... העלאָו... שיק דאָס געלט טעלעגראַפיש; יאָ, טעלעגראַפיש! האַ, איך הער נישט!... העלאָו!... וואָס, איך זאָל דיר אַרויסהעלפן מיט אַ פּאָר טאָלער? איך דיר? ביזטו משוגע? איך זאָל דיר באָרגן עטלעכע טאָלער? דו מאַכסט חוזק פון מיר, האַ? איך זאָל דיר אַרויסהעלפן?... העלאָו!... העלאָו!... איך רעד נישט פון קיין בוט, איך רעד אין אַ פּריוואַטע הויז, ביי אַ געוויסן שרייבער אין הויז. יאָ, אויף זיין טעלעפאָן. ווי איך קום צו דעם שרייבער? העלאָו, דו הערסט דאָך, ער האָט פאַרלאָרן אַ גאָלדענע... העלאָו, דו הערסט נישט וואָס איך רעד? איך זאָל רעדן העכער, שאַרפער? ער, דער שרייבער, האָט פאַרלאָרן אַ גאָלדענע פאָונטעין־פּען, האָב איך זי געפונען, האָב איך זי אים אָפּגעברענגט. פון וואַנען האָב איך געוואוסט, אַז די פּען איז זיינע? ער האָט געהאַט אויסגראַווירט זיין נאָמען, יאָ, אויסגראַווירט, אויסגעקריצט, האָב איך געוואוסט; רעד איך איצט פון זיין הויז. אודאי וועט ער האָבן דעם קאָל אויף זיין ביל!... וואָס־זשע זאָגסטו, מעשל? דו האָסט נישט אַ סענט? העלאָו! אויב דו קענסט ערגעץ לייען פאַר מיר אַ צענערל, וואָלט איך אַריבערגעקומען צו דיר; צוזאַמען וואָלט זיין פריילעכער, יע, גוד־באַי, וועסט טראַיען?... זייער פיין, איך דאַנק דיר! גוד־באַי! גריס דיין ברודער עליע און דיין שוועסטער צירל און דיין שוועגערין רחל. גוד־באַי, גוד־באַי!"

דער דאָזיקער קאָל האָט מיך געקאָסט אַ טאָלער מיט 90 סענט.

און דער גאַסט ווענדט זיך ווידער צו מיר:

— ווי געפעלט אייך דער פריינט מיינער? איך בעט ביי אים צען טאָלער בעט ער ביי מיר 50. הייסט עס, אַז איך וועל שוין מוזן בלייבן ביי אייך אין הויז ביז די צייט וועט ווערן בעסער... דערווייל, ביז וואָס־ווען, וויל איך עפּעס עסן.

צוויי וואָכן איז דער איד אָפּגעוועזן ביי מיר אין הויז. נאָך די צוויי וואָכן האָב איך אים געגעבן 5 טאָלער, ער זאָל פון מיר אַרויס־מופן.

אַ קאָנצערט אין פאָלסבערג

דער קאָנצערט איז געווען אַנאָנסירט אויף אַלע בוימער און שטיינער און טעלעגראַף־סלופּעס.

די פּאָוסטערס זענען געווען אויסגעפּוצט מיט די בילדער פון אַלע טאַלאַנטן און נישט־טאַלאַנטן.

איינטריט: 25 סענט פאַר פרויען; 35 סענט פאַר מענער און 50 סענט פאַר פאַרמערס.

קינדער ביי דער ברוסט — אומזיסט.

די האָל איז געווען קליין און נידעריק און בלויז די וואַנט צו דער פראָנט האָט געהאַט פענצטער.

אַרום ניין אַזייגער איז מען שוין געשטאַנען אויף קעפּ!

און כדי עס זאָלן אַריינגיין וואָס מער מענשן, האָט מען באַשלאָסן צוצענעמען אינגאַנצן די טשערס.

נשקשה, דער עולם קען שטיין; מען זיצט גענוג ביי די קאָרטן אַ גאַנצן טאָג.

יאָ, די האָל איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז די פאָרלעזערס און די מוזיקער און דעם דעקלאַמאַטאָר האָט מען אינגאַנצן נישט געוואָלט אַריינלאָזן — „מענשן וואָס צאָלן נישט פאַר קיין טיקעטס, קענען שטיין אין דרויסן" — האָט די קאָמיטע געזאָגט — „אַז מ'עט זיי דאַרפן, וועט מען זיי אַריינרופן."

צוואַנציק מינוט נאָך ניין האָט דער טשערמאַן, אַ פאַרמער, געעפנט דעם קאָנצערט:

„אידן און להבדיל, ליטוואַקעס! — האָט ער אויסגערופן — „איך לאָז אייך פריער וויסן, אַז מישא עלמאַן וועט דאָ היינט נישט שפּילן, און חפץ אויך נישט; און חזן הערשמאַן און חזן דוד רויט־מאַן און שאַליאַפּין אויך נישט — זיי ווילן צו פיל געלט, ווילן זיי; זיי זיי ווילן באַלד אַזויפיל, וויפיל אונדזערע פאַרמערס און האָטעל־קיפּערס פון סאָלעווען קאַונטי זענען שולדיק אין חובות, פאַר ערשטע און צווייטע און דריטע מאָרטגיידזשעס און — נאָך מער, אַ סך מער;

האָבן מיר געמוזט באַשטעלן ביליקע טאַלאַנטן; די ביליקסטע וואָס מען האָט געקענט קריגן אָן געלט... זיי שטייען איצט אַלע אין דרויסן און וואַרטן מען זאָל זיי אַריינרופן.

אמת, זיי טויגן אין דר'ערד, אָבער מיר קענען זיך נישט העלפן; אַז מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אַפּ פון דער תליה.

איצט, מיינע פריינט, וועלן מיר אָנהויבן דעם קאָנצערט. זייט שטיל; טומלט נישט!

און איינער פון די מאַכערס האָט געעפנט אַ פענצטער און אַרונטערגעשריען: „העי, מיסטער מיטן פידל, קומט אַרויף, האַריאַפּ, מען וואַרט אויף אייך!"

האָט זיך דער מיסטער מיטן פידל קוים דורכגעשפּאַרט דורכן עולם און מען האָט אים, מיט געוואַלד, אַרויפגעשטופּט אויפן סטיידזש. נאָר אַזוי ווי דער סטיידזש איז געווען באַזעצט מיט מענטשן, האָט זיך דער „מיסטער מיטן פידל" אַוועקגעשטעלט ביים ברעג און ער איז טאַקע באַלד אַרונטערגעפאַלן.

האָט ער זיך, אַ פאַרשעמטער, אויפגעהויבן און גענומען שפּילן.

האָט אים, עמיצער פון עולם, געפרעגט: „וואָס ער שפּילט?"

האָט ער געענטפערט: „איך ווייס נישט; מיין שוועסטער ווייסט; נאָט אייך איר אַדרעס, זי וואוינט אין עלענוויל, פאָרט אַהין און געפינט אויס ביי איר וואָס איך שפּיל."

איז געוואָרן אַ געלעכטער.

האָט דער טשערמאַן גענומען שרייען מיט קולות:

„זאָל זיין שטיל; לאַכט נישט און טומלט נישט; האַלט זיך ווי מענטשן... איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דער פידל שפּילער איז נישט קיין רעגעלער מוזיקער, נאָר אַ בעקער ביים טרייד, און נישט גלאַט אַזוי אַ בעקער, נאָר אַ געטרייער יוניאָן־מאַן; ער איז נישט שולדיק אַ פעני דיוס... אי, פאַרוואָס־זשע שפּילט ער? ווייל דאָס געלט גייט פאַר אַ קראַנקן אַרבעטער."

דער בעקער מיטן פידל האָט דערוויייל געענדיקט די ערשטע זאַך, אָבער ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין אַפּלאָוז און ווידער גענומען סטרויען דעם פידל. ער האָט אַריינגעשפּיגן אין דער זשמעניע, אַ פיר געטאָן דעם שמיטשיק איבערן פידל, וואָס האָט מער נישט פאַרמאָגט

ווי די צוויי גראָבע סטרונעס. ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער גייט שפּילן „אָריענטאַל“, וואָס אפרים צימבאַליסט שפּילט.

אָבער עס איז אַרויסגעקומען גאָר אַן אַנדער זאַך...

האָט דער עולם ווידער גענומען לאַכן.

האָט זיך דער פידל שפּילער ווידער פאַרשעמט און אויסגערופן, צו זיך אַליין: „ניין, ס'איז נישט דאָס.“

האָט דער עולם גענומען לאַכן נאָך שטאַרקער, נאָך געדיכטער.

האָט דער טשערמאַן ווידער אַ קלאַפּגעטאָן אין טישל און גע־בעטן מען זאָל אין זינען האָבן, אַז דער שפּילער איז נישט מער ווי אַ בעקער און פאַר אַ בעקער איז דאָס גאַנץ שיין.

נאָכן פידל שפּילער האָט מען אַרויפגערופן פון גאַס אַ מאַן מיט אַ לאַנגן טראָמבאָן. אַזאַ מין אינסטרומענט, וואָס, אַז מען שפּילט אויף אים, דאַרף מען מאַכן הין־און־צוריק מיט דער רעכטער האַנט. און אַזוי ווי ס'איז געווען זייער ענג, האָט זיך דער מאַן מיטן טראָמ־באָן נישט געקענט אַ ריר געבן. איז אַ פאַרמער געפאַלן אויף אַ שכל: מען זאָל עפענען אַ פענצטער און דער מאַן זאָל אַרויסשפּילן אין דרויסן.

האָט מען געעפנט אַ פענצטער און דער מאַן מיטן טראָמבאָן האָט אַרויסגעשפּילט אין דרויסן.

וואָס ער האָט געשפּילט, ווייס איך נישט; מחמת איך האָב זיך, די גאַנצע צייט, צוגעהאַלטן די אויערן איך זאָל נישט טויב ווערן.

אָבער גאָר אַ סך שפּאַס האָבן מיר געהאַט מיטן דעקלאַמאַטאָר: ער איז געווען זייער אַ הויכער, האָט ער נישט געקענט שטיין אויפן סטיידזש, ווייל די האַל איז געווען צו נידעריק, און זעצן זיך האָט ער נישט געהאַט וואו, סיידן ביים טשערמאַן אויפן שויס — און דאָס האָט ער נישט געוואָלט — איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל אינגאַנצן נישט דעקלאַמירן.

האָט זיך דער דעקלאַמאַטאָר געפונען באַליידיקט: „אַז איר האָט מיך איינגעלאַדן אַהער, דאַרף איך דעקלאַמירן“ — האָט ער גע־טענה'ט — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין כבוד, האָט ער זיך אויס־געהוסט און גענומען דעקלאַמירן: „דאָקטאָר גראַן“ — פון דוד עדלשטאַט.

זאָלן אידן לאַכן

דערנאָך האָט מען פאָרגעשטעלט דעם הויפּט גאַסט פון אָוונט: א אידישן הומאָריסט.

האָט דער הומאָריסט דערקלערט דעם עולם, אז ער האָט ביי זיך נישט זיינע שריפטן, און געדענקען עפּעס אויף אויסנווייניק, געדענקט ער נישט; נאָר וואָס־זשע דען? ער האָט ביי זיך א בריוול פון זיין טאַטן פון יוראָפּ, וועט ער עס פאָרלעזן.

איז געוואָרן שטיל און דער הומאָריסט האָט גענומען לייענען מיט אַן אבל׳דיק קול:

„מיין ליבער זון! איך לאָז דיר וויסן, אז איך גיי אוים פאַר הונגער און איך בין טויט־קראַנק; דיין עלטערע שוועסטער, רחל, ליגט אין א סאַניטאַריום און זי פּאַכעט מיט דער נשמה; דער פעטער בייניש איז אוועק מיט א טאַרבע איבער די הייזער בעטלען.

„דאָס שטעטל איז אָפּגעברענט געוואָרן און מען וואַלגערט זיך ממש אין די גאַסן.

„דער הונגער איז שרעקלעך! גאַנצע מנינים אידן קומען אָפּ זייערע טעג מיט א לאָך פון א בייגל.״

אָט אַזאַ מין בריוול האָט דער הומאָריסט פאָרגעלעזן און דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער און פאַרלאַנגט נאָך: — „גיט אונז נאָך עפּעס וויציקס״ — האָט מען געשריען — „מיר ווילן לאַכן, לאַכן איז געזונט!״

אהיימגייענדיק, האָב איך געהערט ווי א פאַרמער זאָגט: „אָט־אָ דאָס הייסט א הומאָריסט! מען פאַרגעסט אויף א ווײַלע אַלע טראָבלס!״

און נאָך איינער האָט פּאַטאַקעוועט: „א טאַלאַנטליוזער מענש — א ניכפּה אויף אים!״

גדליה דער פאָרלעזער

גדליה דער פאָרלעזער, אַזוי רופט מען אים, אַזוי הייסט ער און אַזוי וועט מען אים רופן כל זמן ער וועט הייסן גדליה.

אפילו נאָך זיין טויט וועט מען אויף זיין מצבה (אויב מען וועט אים שטעלן אַ מצבה) אויך אויפשרייבן גדליה.

לעבן לעבט גדליה פון קאָנצערטן און ליטעראַרישע אָוונטן. אויב אַן אָרגאַניזאַציע פּראַוועט אַ קאָנצערט און אַ ליטעראַרישן אָוונט און זי וויל אירע מיטגלידער אַמוזירן, שיקט מען נאָך גדליהן. און אַז גדליה גדליהט זיך אַריין — ווערט פריילעך.

גדליה איז ניט גלאַט אַ פאָרלעזער; ער איז אַ הומאָריסטישער פאָרלעזער; ער מאַכט דעם עולם צום לאַכן.

און דער עולם, ווערליק מיר קאָנען אים, האָט ליב, אַז מען מאַכט אים צום לאַכן.

איינער פון עולם האָט אַמאָל געזאָגט צו גדליהן: „ווען איר לייענט אייערע זאַכן, פאַרגעס איך, אַז איך האָב אַ פרוי.״

איז גדליה טאַקע געוואָרן שטאַרק באַליבט ביי דעם עולם. אַז ער לייענט ערגעץ, איז געפּאַקט, שטייט מען קאָפּ אויף קאָפּ.

און אונזערע אידן, אַ לעבן אויף זיי, האָבן זייער ליב צו קריכן יענעם אויפן קאָפּ... דאָס איז אַ ריין אידישע טבע.

פאַרשטייט זיך, אַז גדליה קריגט באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. ער קאָן דאָך ניט מאַכן צום לאַכן אַן עולם בחנם.

— אויב איר ווילט לאַכן און זיין געזונט און הנאה האָבן פון אייער לעבן, מוזט איר באַצאָלן — אַזוי טענהט גדליה.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיט גדליהן אין אַ אידיש טעאַטער.

— וואָס מאַכסטו, גדליה? ווי גייען דיר דיינע געשעפטן?

— נישט אַזוי פריילעך! — האָט גדליה געענטפערט מיט אַ זיפצל.

זאָלן אידן לאַכן

האָט עס מיך שטאַרק געוואונדערט: סטייטש גדליה דער הומאָ־ריסטישער פּאָרלעזער, דער וואָס מאַכט פריילעך א וועלט מיט מענשן, וואָס ציט אַרויס אַ געלעכטער אפילו פון אַ שטיין, ער זאָל זיפצן?

פרעג איך אים:

— גדליה, וואָס פאַר אַ זיפצעניש איז אויף דיר?

האָט גדליה אויסדערציילט פאַר מיר זיינע צרות:

„ווי דו ווייסט, איז די קאָנקורענציע אין דער היינטיקער וועלט זייער גרויס. אפילו אין מיין פרנסה האָבן זיך די לעצטע צייט אויך באַוויזן קאָנקורענטן, שטאַרקע קאָנקורענטן; עס זענען צוגעקומען יונגע חברה, וואָס לעזן די זעלבע הומאָריסטישע זאַכן פאַר שפּאָט־ביליקע פרייזן. ביי די יונגע שנעקעס איז רעכט צו מאַכן לאַכן 5 הונדערט מענשן פאַר 5 דאָלער. עס קומט אוים אַ סענט אויף אַ מענשן.

„איז דאָס נישט אַ פאַרברעכן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? נעמען טאַקע די אָרגאַניזאַציעס די דאָזיקע שנעקעס צו זייערע קאָנצערטן און איך דאַרף לייגן די ציינער אויפן פּאָליצע. און ווי אויף להכעיס האָב איך נאָך אַ גוטן אַפּעטיט צום עסן. חוץ עסן דאַרף מען נאָך האָבן דירה געלט, און אַ בגד און זייער אָפּט אַ דאָקטאָר.

„בקצור:

„געזען, אַז די קאָנקורענציע איז גרויס, אַז די יונגע שנעקעס פאַרכאַפּן אַלע אָרגאַניזאַציעס, האָב איך זיך אריינגעלאָזט אין אַן אַנדער צווייג: אין יאָרצייטן. ווען די אידישע וועלט פייערט עפּעס אַ יאָרצייט נאָך אַ גרויסן מענשן, אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ רעדנער, נעמט מען מיך; איך דאַרף פאָרלעזן ביי די יאָרצייטן זאַכן פון דעם גדול וועמעס יאָרצייט עס ווערט געפייערט. פון הומאָריסטישע אָוונטן בין איך אַריבער צו טרויער־אָוונטן. פון געלעכטער צו טרערן. אויב מען וויל רעדן דאָס אייגענע אויף צוריק, איז דאָס פאַר מיר נישט אַזוי טרויעריק. ראשית, באַצאָלט מען מיר, און והשנית, געפין איך אין די יאָרצייטן אַ ים מיט הומאָר.

„ווּעסטו דאָך פרעגן: וואו ליגט דאָ דער הומאָר? וועל איך דיר ענטפערן: דער הומאָר ליגט אין די דרשות פון די רעדנער. עס שטעלט זיך, למשל, אַוועק אַ רעדנער, אַ אידישער שרייבער, אָדער אַ קריטיקער, און ער רעדט וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם גדול ווי ער

וואָלט געווען אַ גאָט. ער זשאַלעוועט ניט קיין ווערטער. דער איז געווען אַ אידישער שעקספּיר; יענער — אַ טאָלסטאָי, אַ דריטער אַ פּושקין, און אַזוי ווייטער. און איך הער און איך לאַך צו זיך אַליין. מחמת דער אייגענער בעל־דרשן האָט דעם זעלבן גדול געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע, בעת יענער האָט געלעבט. און אַמאָל טוט עס איצט אויך; נאָר נישט דעמאָלט ווער ער שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע און רעדט. אָבער ווען ער גייט אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע, באַרעדט ער דעם טויטן שרייבער נאָך ערגער, ווי ער האָט אים באַרעדט ביים לעבן.

„עס טרעפט אָבער פאַרקערט אויך: בשעת דער גדול האָט געלעבט, האָט דער קריטיקער אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן טאַלאַנט, און איצטער מאַכט ער אים אויסצודרייען. שפּעטער ווייזט זיך אַרויס, אַז איידער דער גדול איז געשטאָרבן, האָט ער געהאַט עפּעס אַ שטיקל מחלוקה מיט דעם קריטיקער, רעכנט זיך איצט דער קריטיקער אָפּ מיטן בר מינן.

„ווייטער טרעפט, אַז מען זאָל פּראַווען אַ יאָרצייט נאָך אַ שרייבער, וואָס איז ביים לעבן געווען אַ פריידענקער, אַן אַפּיקורס, און צו זיין יאָרצייט זאָלן זיינע קאָלעגן־שרייבער איינלאַדן אַ חזן, אים צו מאַכן אַן אל מלא רחמים. און בשעת מעשה טראַכט איך: ווען דער טויטער פריידענקער זאָל זיך איצטער אויפכאַפּן און זען די דאָזיקע קאָמעדיע, וואָלט ער אויסגעוואָרגן אַלע זיינע חברים.

„יאָ, פאַראַן אַ היבש ביסל הומאָר ביי הספּדים און יאָרצייטן.”

און גדליה האָט געענדיקט: „דער וואָס לעבט אייביק, פאַרלאָזט נישט זיינע קינדער.”

וואָס לעקטשור, ווען לעקטשור

דערציילט מיר אַ שרייבער:

זינט איך האָב חתונה געהאַט, שוין דער אַכטער חודש, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז מיין הויז פול מיט געסט. די טיר פאַרמאַכט זיך גאָרניט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע געסט זענען ווילד־פרעמדע. פאַראַן צווישן זיי פעטערס, מומעס, קאָזינס, קוזינעס, שוועסטער־קינדער און גליד־שוועסטער־קינדער. נאָר די מייסטע פון זיי זענען גוטע ברידער, אָדער גלאַט חברה, מיט וועמען איך אַרבעט אין איין רעדאַקציע.

און כמעט אַלע קומען זיי אָנקוקן מיין נייע דירה, מיט מיין שיינע ווייבל.

מיין ווייבל איז די שענסטע ווייבל פון אַלע שרייבערשע ווייבליך. איך אַליין וואונדער זיך, ווי עס קומט צו מיר אַזאַ ווייבל. אירע באַקן זענען ווייס ווי שניי, נאָר אין דערמיט בליען רויטע בלומען. זיי קוקן אויס ווי צוויי טעלערלעך מילך אין וועלכע מען האָט אַריינגע־טריפט עטלעכע טראָפּנס רויטן וויין...

הקיצור, די מייסטע פון מיינע געסט קומען באַוואונדערן מיין שיינע ווייבל, און דערוויייל איז דאָס הויז מיינס תמיד פול.

און פון די פריינט, פון וועלכע איך האָב נאָך באַקומען אַ שטיקל חתונה מתנה, פון זיי קען מען גאָר ניט פּטור ווערן. זיי האָבן שוין ביי מיר אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען זעקס מאָל אַזוי פיל וויפיל די מתנות זייערע האָבן די ווערט.

די אונטערשטע שורה איז, אַז אין די אַכט חדשים זינט איך בין פאַרהייראַט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין איין טאָג פאַר מיר. אַ טאָג, וואָס איך זאָל בלייבן מיט מיין ווייבל אַליין אין הויז.

פאַרגאַנגענעם שבת, אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט, האָבן אַלע מיינע געסט מיר געזאָגט אַ „גוטע־נאַכט" און זיי זענען זיך צעגאַנגען און צעפאָרן.

איך בין געבליבן אַליין מיט מיין ווייבל אין הויז. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און געשמייכלט. אין אונזער שמייכלען איז גע־לעגן אַ ים מיט פרייד; די שמייכלען האָבן גערעדט: „ענדלעך, ענדלעך, וועלן מיר האָבן אַן אָונט פאַר זיך אַליין. ווי גוט מיר וועלן היינט פאַרברענגען!"

און איך האָב געהאָלפן מיין ווייבל ריין מאַכן דאָס הויז. (מיינע געסט ברענגען אָן דריי מאָל אַזוי פיל בלאָטע ווי אייערע געסט).

ווייטער האָב איך געהאָלפן אַרונטערנעמען פון טיש די טעפּלעך מיט די טעלערלעך, מיט די לעפעלעך, מיט די ניס־קנאַקערס און די שאָלעכץ פון די ניס און דעם ווייסטן טישטוך מיט די פרישע פּלעקן פון איינגעמאַכטס.

ווען מיין ווייבל האָט געוואַשן דאָס געשיער און עס אַריינגע־שטעלט אין אַלמער, האָב איך דערווייל, אונטער דער צייט, אויס־געקערט די קיך און אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט — דאָס הויז האָט ממש געשפּיגלט.

דערנאָך האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט און מיר האָבן גענומען אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם ווי אַזוי מיר זאָלן דעם היינטיקן אָונט פאַר־ברענגען צווישן זיך, אונטער פיר אויגן.

דער פּראָגראַם האָט געזאָלט זיין זייער אַ גוטער און אַ העכסט אינטערעסאַנטער... פּלוצים... אַ חורבן, אַן אומגליק! דער טע־לעפאָן האָט גענומען קלינגען; דאָס האַרץ האָט גענומען זעצן. פון מויל איז אַרויסגעלאָפן אַ וואָרט, וואָס איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געוואָלט זען אין דרוק און דאָס טעלעפאָנדל, געהרגעט זאָל ער ווערן, האָט ניט אויפגעהערט צו פאַרדורען דעם קאָפּ.

קורץ, איך בין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן ווי אַ וואַלד־גזלן, גענומען דעם רעסיווער אין האַנט: העלאָ! ווער איז דאָס? זלמן? וועלכער זלמן? אָ, זלמן, דער דראַמאַטורג. העלאָ! צי איך וועל היינט זיין אין דערהיים? איר ווילט אַביסל אַריבערקומען... ניין... ניין... איך האָב היינט אַ לעקטשור אין בראָנזוויל... איך דאַרף רעדן „אויב אידיש איז אַ שפּראַך". איך קריג 25 דאָלער. ווען איך פאַרלאָז דאָס הויז? אַרום זיבן אַזייגער. האַ? איך הער ניט, איר וועט דאָ זיין איידער איך פאַרלאָז דאָס הויז? איר דאַרפט

מיט מיר רעדן זייער וויכטיקס? און דאַן? — פרעג איך — דאַן וועט איר מיט מיר צוזאַמען פאָרן צום לעקטשור?

עס אז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זאָל זיין אזוי — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און זיך געוואַקלט ווי אַ שכור.

אויפגעהאַנגען דעם רעסיווער, בין איך געבליבן שטיין אַ פריט־שמעלעטער. וואָס טוט מען? וואָס האָב איך אים דאָ אריינגעבלאַפט וועגן אַ לעקטשור? וואָס פאַר אַ לעקטשור, ווען מיר אַ לעקטשור? ווער קען לעקטשורן, ווער? אז די פּראָפעסיאָנעלע לעקטשורערס קענען ניט, וועל איך קענען?

און אָט איז ער שוין דאָ, דער מלאך המות פון מיין פאַרגעניגן.

און אין קאָפּ באַמבלט זיך מיר אַ פראַגע: וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך, צו וואָס פאַר אַ לעקטשור זאָל איך אים נעמען, אז איך האָב גאָר ניט קיין לעקטשור? פאַלט מיר איין אַ געדאַנק:

— זלמן, ברודער, זאָג איך צום דראַמאַטורג — וואָס דאַרפסטו זיך שלעפּן מיט מיר אַזש אין בראָנזוויל און הערן מיין לעקטשור? בלייב בעסער אין הויז מיט מיין ווייבל, פאַרברענג זיך מיט איר ביז איך וועל צוריקקומען. אַרום עלף אָדער האַלב נאָך עלף וועל איך זיין צוריק — — —

און צו מיין ווייבל האָב איך געזאָגט:

— מאַך סאַפּער, דערלאַנג ניס, איינגעמאַכטס, קיכעלעך, פּרוכט און וואַרט אויף מיר.

דער דראַמאַטורג, זלמן, איז געוועזן העכסט צופרידן מיט מיין אָרדער. „איך וועל שוין דיין ווייבל ניט לאָזן גענעצן" — האָט ער מיר געענטפערט. „מעגסט גיין."

און איך בין אוועק.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן פינף שעה אויפן זייגער. נישט געהאַט וואו אַריינצוגיין. און צו אַלע גליקן האָט זיך נאָך אַרונטערגעלאָזן אַ שלאַקס־רעגן.

און ער, דער דראַמאַטורג, איז געזעסן ביי מיר אין הויז מיט מיין ווייבל.

אַז מיין האַרץ האָט יענע נאַכט ניט געפּלאַצט, וועט עס שוין קיינמאָל ניט פּלאַצן.

אַ בענעפּיט

אַ שרייבער איז קראַנק געוואָרן; אַן אָרעמער שרייבער; אַ גוטער שרייבער.

ניט קיין באַוווּסטער, ניט קיין באַקינדלטער, אַ פרייער מענש; אַ פרייער, אָבער אַ קראַנקער.

האָבן מיר, די קאָלעגן זיינע, דאָס אויסגעפונען; האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אין דעם וועגעטעריאַנער רעסטאָראַן און באַשלאָסן מאַכן פאַר דעם קראַנקן שרייבער אַ בענעפיט.

וואָס פאַר אַ בענעפיט? וועגן דעם וועלן מיר באַשליסן מאָרגן, טאַקע אין דעם וועגעטעריאַנעם רעסטאָראַנט.

אויף מאָרגן האָבן מיר באַשלאָסן: אַ טעאַטער־בענעפיט.

וואָס פאַר אַ טעאַטער? וועגן דעם וועלן מיר באַשליסן מאָרגן. טאַקע דאָ, אין זעלבן רעסטאָראַנט.

אויף מאָרגן האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען דאָס גרעסטע אידישע טעאַטער, אויסקלייבן אַ פרייליכע אָפּערעטע און שטאַרק אַדווערטייזן און אַרויסקריגן ביי די צייטונגען אַ סך אומזיסטיקע נאָטיצן. עס איז דאָך פאַר אַ קראַנקן שרייבער. וועלן מיר מאַכן אַרום פינף הונדערט דאָלער פּראָפיט; וועלן מיר אים פאַרזאָרגן מיט אַ שטיקל ביזנעס: אָדער מיט אַ צייטונגס־ראַוד, אָדער מיט עפּעס אַנדערש.

דאַרפן מיר, הייסט עס, האָבן אַ קאָמיטע דורכצופירן די אונטערנעמונג.

ווער־זשע זאָל זיין אין דער קאָמיטע? וועגן דעם וועלן מיר אַ שמועס טאָן מאָרגן, טאַקע דאָ, אין דעם זעלביקן רעסטאָראַנט.

אויף מאָרגן האָבן מיר נישט געהאַט קיין מיטינג, מחמת דריי פון די קאָלעגן זענען ניט געקומען, ביי איינעם איז גראַד די פרוי געלעגן געוואָרן, ביי אַ צווייטן איז אַ קינד אַרויסגעפאַלן פון פענצטער און געבליבן הענגען אויף אַ וועש־ליין און ביי אַ דריטן האָט מען יענעם טאָג גראַד אַרויסגעשניטן די „מאַנדלען."

דאָס האָט פאַרלענגערט דעם מיטינג אויף אַכט טעג.

אויפן ניינטן טאָג זענען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען און דיסקוטירט די פראַגע: ווער עס זאָל זיין אין דער קאָמיטע, מחמת מען דאַרף האָבן אָנגעזעענע מענשן; מענשן, וואָס די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען האָבן ליב. אַז נישט, וועלן מיר קיין נאָטיצן ניט קריגן.

און גאָט האָט געהאָלפן. מיר האָבן שוין אַ שטאַרקע קאָמיטע. איצט בלייבט די פראַגע:

— וואָס פאַר אַן אָפּערעטע זאָל די קאָמיטע אויסקלייבן?

זאָגט די קאָמיטע:

פאַרלאָזט זיך אויף אונזער געשמאַק. מיר ווייסן וואָס גוט איז. גייט אוועק אַ וואָך און צוויי און שטיל און שאַ.

אויף דער דריטער וואָך קריג איך צואווייסן, אַז מיר דאַרפן זיך ווידער צונויפקומען, אין דעם וועגעטעריאַנער רעסטאָראַנט. די קאָמיטע האָט שוין אַ רעפּאָרט.

הערן מיר אוים דעם רעפּאָרט פון דער קאָמיטע:

— נעמען דאָס גרויסע טעאַטער מיט אַ ליטישער אָפּערעטע מיט אַ פּאָר פון די סטאַרס, דאַרף קאָסטן זעקס הונדערט דאָלער; אַדווער־טייזמענט און אַנדערע אויסגאַבן — צוויי הונדערט דאָלער; האָבן מיר איניינעם אַכט הונדערט דאָלער. און אויב עס זאָל, חלילה, די נאַכט רעגענען, זענען מיר אויף צרות. קענען מיר איינעמען הונדערט דאָלער און דערלייגן זיבן.

בלייבט: די זאַך צו באַטראַכטן מאָרגן, טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן רעסטאָראַנט.

אויף מאָרגן רעדן מיר אַרום די גאַנצע זאַך פאָדראָבנע און עס בלייבט: אויפגעבן דעם געדאַנק פון אַ טעאַטער און בעסער מאַכן אַ גרויסן קאָנצערט. אַ קאָנצערט האָט נישט אַזעלכע גרויסע עקס־פּענסעס.

פרעג איך אַ פראַגע:

— וואָס פאַר אַ קאָנצערט? אַ פּשוטן, אָדער אַ קלאַסישן?

הערט מען אוים מיין פראַגע און מען באַשליסט וועגן דעם צו רעדן מאָרגן, טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן רעסטאָראַנט. אַלע זאָלן קומען; מחמת דער קראַנקער שרייבער איז שוין אַזוי קראַנק, אַז ער האָט שוין באַלד נישט קיין כח צו זיין קראַנק.

אויף מאָרגן קומען מיר זיך ווידער צונויף און מיר באַשליסן די זאַך צו מאַכן וואָס גיכער; די צייט שטייט ניט.

רעדן מיר און מיר רעדן און מיר רעדן ווידער, ביז מיר דער־רעדן זיך: אַ קאָנצערט מיט זינגערס, חזנים, טענצערקעס און אַ גוטן רעדנער.

פּיפּטי־פּיפּטי, קלאַסיש און ניט קלאַסיש. נישט אַהין, נישט אַהער. דאַרף מען, הייסט עס, אַ קאָמיטע וואָס זאָל ניט שלאָפן. ווייל קיינער ניט אָננעמען.

רופט מען זיך איינער דעם צווייטן אידיאָט און עס בלייבט: מאָרגן פאָרטזעצן די אַרבעט. טאַקע אין זעלבן רעסטאָראַנט.

אויף מאָרגן רופט מען זיך ווידער אידיאָט און מען דערוויילט אַ קאָמיטע פון פינף.

און מען גיט זיי דאָס פולע רעכט. די צייט איז קורץ און דער קראַנקער שרייבער גייט „באַרג אַראָפּ."

איידער מיר צעגייען זיך, וויל בלויז די קאָמיטע וויסן, אויב זי זאָל קריגן טאַלאַנטן אומזיסט, אָדער מען זאָל צאָלן. אומזיסט, זאָגט די קאָמיטע, איז זייער שווער צו קריגן טאַלאַנטן. טאַלאַנטן הייסן זיך גוט באַצאָלן.

ענטפערט מען זיי, אַז זיי האָבן „פול פּאַוער" און דאַצאָל.

און מיר צעגייען זיך צופרידענע; מיר פילן, אַז דער קראַנקער קאָלעגע איז שוין אַ פאַרזאָרגטער.

באַלד האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן שיינע פּאָסטערס, מיט בילדער פון באַרימטע חזנים, זינגערינס, טענצער, אַ פעסט־רעדנער און אַ טשערמאַן.

דער קאָנצערט איז געווען אַ געלונגענער. אַריבער הונדערט מענטשן זענען צוריקגעגאַנגען.

אויף מאָרגן קומען מיר זיך ווידער צונויף אין וועגעטעריאַנער רעסטאָראַנט אויסהערן וויפיל פּראָפיט מיר האָבן געמאַכט. און אָט איז דער רעזולטאַט:

דער האָל — 50 דאָלער; חזנים — 100 דאָלער; אַ זינגער — 100 דאַלער; אַ זינגערין — 50 דאַלער; פּרינטינג — 100 דאַלער; טענצערס — 100 דאָלער, קליינע עקספּענסעס — 100 דאָלער. סך־הכל 600 דאָלער.

זאָלן אידן לאַכן

הכנסה איז געווען אַרום און אַרום 400 דאָלער, האָבן מיר, סך־הכל, דערלייגט 200 דאָלער.

ווילט איר דאָך אודאי וויסן, וואָס מיר וועלן טאָן מיט אונזער קראַנקן קאָלעגע, איז אָט וועגן דעם דאַרפן מיר זיך צונויפקומען מאָרגן, טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן וועגעטעריאַנער רעסטאָראַנט.

שימעלע פּיפּערנאָטער

שימעלע פּיפּערנאָטער איז א דיכטער. אזוי זאָגט ער און אזוי זאָגט זיינע א שוועסטער, וואָס מען רופט זי ביילע־גיטל.

איך קאָן שוין שימעלען זייט איך האָב זיך באַקענט מיט אים.

פריער, איידער איך האָב זיך באַקענט מיט אים, האָב איך אפילו נישט געוואוסט, אז אזא שימעלע לעבט אויף דער וועלט; און פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן?

ווינציק שימעלעך, וואָס שרייבן לידלעך בלאָנדזשען ארום אויף דער וועלט וואָס מען קען זיי נישט?

האָט זיך ארומגעבלאָנקעט נאָך א שימעלע, א קליין, דאַר, אויס־געטריקנט שימעלע.

איצטער קומט ער צו מיר אין הויז אריין כמעט צוויי מאָל א וואָך.

דאָ, ניט לאַנג צוריק, פאַרטרויט מיר שימעלע א סוד:

„איך האָב פּאַרטיק פּופציק לידער ארויסצוגעבן אין א ביכל. איך האָב עס אייך נישט אויסגעזאָגט ביז אהער, ווייל איך בין נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט דער אַרבעט; דאָס ביכל האָט נאָך נישט קיין נאָמען, און איך רעכן עס רופן:

„שימעלעס געזאַנגען",

„עס קען זיין אז איך זאָל עס א נאָמען געבן נאָך מיין גאָטזעליקער מוטער. א פיינע פרוי געווען, די מאַמע מיינע".

— פאַרוואָס גיט איר נישט ארויס דאָס ביכל? — פרעג איך שימעלען. — איר האָט נישט קיין געלט?

— פאַראַן געלט, — ענטפערט שימעלע — מיין שוועסטער וויל מיר געבן, נאָר איך וואַרט.

— אויף וועמען וואַרט איר?

— איך וואַרט ביז די קריטיקער וועלן אויסשטאַרבן. איך האָב זיי פיינט ווי דעם טויט, די קריטיקער. זייערע געשעפטן ווי איינער שרייבט! גיט זיי א שיינעם אידיש, א שיינעם סטיל, אן אויסגע־

האַלטענעם ריטם, נייע פאָרמען, אָריגינעלע טעמעס. אנדערש פּאַסט זיי נישט!

— וואָרט איר, הייסט עס, ביז אַלע קריטיקער וועלן אויסשטאַרבן?

— יאָ, — ענטפערט שימעלע.

— וואָס אַרט אייך, אַז זיי לעבן? זיי זענען דאָך טאַטעס פון קינדער.

— דאָס ווייס איך, — ענטפערט שימעלע, — אָבער איך האָב זיי פיינט. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ווי נאָר זיי וועלן דערזען מיין ביכל, וועלן זיי עס באַלד אַרונטעררייסן, מיך מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלייך: איינער וועט זאָגן, איך בין אַ גנב; אַ צווייטער, איך בין אַ נאָכמאַכער; אַ דריטער, אַז איך בין אַ ווייסטער קאַליקע. איז אַ סך גליַיכער, אַז די לידער זאָלן דערווייל בלייבן נישט אַרויסגעגעבן

אָט האָב איך געוויזן מיינס אַ לידל צו אַ היגן קריטיקער. האָט ער עס איבערגעלייענט און מיך באַלד געפרעגט:

— ווי לאַנג האָט אייך גענומען איבערצושרייבן דאָס ליד? און פאַרוואָס האָט עס דער פאַרשטאָרבענער משה־לייב האַלפּערן געהאַט געדרוקט מיט פינף יאָר פריער פאַר אייך?

נו, פרעג איך אייך, קען מען דאָס אויסהאַלטן? זייערע חזירישע געשעפטן. אומעטום שטופּן זיי אַריין זייערע נעזער — ווי זיי דערשמעקן דאָס!

און אַ צווייטער קריטיקער האָט מיך גלאַט באַליידיקט:

— איר מאַכט קאַליע פּאַפּיר, טינט און צייט, — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איר הערט ווערטער? ווי דאָס פּאַפּיר מיט דער טינט וואָלט באַלאַנגט צו אים!

נאָר זיי טשעפּען זיך, נאָר זיי דערגייען די יאָרן! אַ מענש שרייבט לידער, זאָל ער שרייבן! גוטע לידער, שלעכטע לידער, גע־גנבעטע לידער — אַבי מען האָט קיינעם נישט געהרגעט.

איך זאָג אייך, דאָס ערגסטע געזינדל זענען די קריטיקער. אומעטום וואַקסן זיי אויס ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן; איבעראַל מישן זיי זיך אַריין, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין קונסט, אין מאַלעריי און נאָר זיי זאָגן דעות, נאָר זיי גיבן עצות!

אַ מענש אַרבעט יאָרנלאַנג ביז ער שרייבט אָן אַ בוך, לייגט אַריין

שווערע פּראַצע, בלוט און שוויים; עסט נישט, טרינקט נישט, איז אויף גאַנצע נעכט; גיט אוים די לעצטע עטלעכע דאָלער, קומען זיך צוגיין די קריטיקער און רייסן אים אַרונטער!

ווער בעט זיי דאָס? ווער פאַרלאַנגט עס פון זיי? זייער עסק, אַז אַ שרייבער קען נישט שרייבן!

אָדער נעמט, למשל, אַ דראַמאַטורג. ער אַרבעט אָפּ שווער און ביטער ביז ער באַשאַפט אַ פּיעסע. קומט זיך צוגיין אַ קריטיקער, אַ ווילד־פרעמדער מענש, און רייסט אַרונטער די פּיעסע.

דער טעאַטער־מענעדזשער האָט אַריינגעלייגט אַ ים מיט געלט. ער האָט געלאָזט מאַכן נייע סינערים, קליידער, באַשטעלט נייע מוזיק, גענומען 40 יונגע מיידלעך פון בראָדוועי צום טאַנצן, קומען זיך צוגיין די קריטיקער און מאַכן פון אַלעם אַ תל. ס'איז שונד, זאָגן זיי; בורלעסק; ביליק, נישט ליטעראַריש.

און דוקא אָט־די קריטיקער גייען אין טעאַטער אויף אומזיסטע פּעסעס.

זיי זענען דאָס די אמתע טראַמבעניקעס!

און מיינט נישט, אַז זיי גייען אַליין. זיי נעמען מיט פרעמדע און אייגענע. ווער עס רוקט זיך אונטער, שלעפּן זיי מיט אין טעאַטער.

זייט־זשע דזשענטליויט: מען גיט אייך אומזיסטע בילעטן, שווייגט, מישט זיך ניט אַריין אין יענעמס געשעפטן. לאָזט צורו ס'טעאַטער. ווילן זיי נישט!

אָט דעריבער וועל איך די לידער מיינע אַזוי גיך נישט אַרויסגעבן. איך וויל נישט די קריטיקער פאַרשאַפן דאָס גרויסע פאַרגעניגן מיך אַרונטערצורייסן!

מיין פעטער עליע זאָגט אַפילו, אַז איך זאָל דאָס ביכל לידער אַרויסגעבן אויף זיין נאָמען. זאָל מען אים, זאָגט ער, אַרונטער־רייסן. אים וועט עס נישט אַרן, זאָגט ער. אָבער מיר פּאַסט עס נישט. עס איז ניט שיין, ניט עטיש. וועל איך בעסער וואַרטן ביז די פּאָר קריטיקער וועלן אויסשטאַרבן.

איך האָב צייט צו וואַרטן. עס ברענט נישט.

אָט אַזוי האָט זיך שימעלע פּיפּערנאָטער, דער דיכטער, אויס־גערעדט פאַר מיר זיין פּאָעטיש האַרץ.

דער באַרימטער לעקטשורער

(אַ סאַרזש)

„אידן און פרויען:

„מיט גרויס פרייד לאָזן מיר אייך וויסן, אַז דער וועלט־באַרימטער לעקטשורער דר. תנחום וועט דעם קומענדיקן זונטיק אָונט, 9 אזייגער שאַרפ, האַלטן אַ לעקטשור וועגן ברוך שפּינאָזעס פילאָזאָפיע.

„קומט אין גרויסע מאַסן, זונטיק אָוונט אין פּיזעמס האָל אויפן דריטן פלאָר. איינטריט אַ קוואָדער. צוויי פּאַר 50 סענט.

„אַראַנזשירט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס טוט אויף זייער אַ סך פאַר די אומווייסנדיקע מאַסן: די בוכציאַנער סאָסייעטי.

חיים שלאָנדרע, סעקרעטאַר."

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף זונטיק אָוונט.

יעדע שעה איז ביי מיר געווען אַ יאָר מיט אַ דינסטיק.

אַרום ניין אַזייגער איז שוין פּיזעמס זאַל געווען געפּאַקט מיט אידן און ווייבער און קינדער.

די מערסטע פון די קינדער זענען אַרומגעלאָפן מיט לאַליפּאַפּס אין די מיילער און האָבן געטומלט, און די גאָר קליינע קינדערלעך זענען געלעגן ביי די מוטערס בריסט און זיך געלאָזן וואוילגיין מיט מילכיקס.

אַ פירטל נאָך ניין, האָט דער טשערמאַן, אַ איד וואָס שטאַמלט אַ ביסל (בלויז ווען ער רעדט), פאָרגעשטעלט דעם לעקטשורער דר. תנחום.

האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ אידל מיט אַן אָנזאָג אויף אַסטמאַ, דאַר ווי אַ באָקסער און מיט אַ קראַנקער שטים אָנגעהויבן:

„חברים! דער גרויסער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזע איז געווען זייער אַ קלוגער מענש: דאָס אליין, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט, איז שוין אַ באַווייז, אַז ער איז געווען אַ חכם גדול; קיין ענגליש האָט ער נישט געקענט, קיין אידיש אויך נישט, דער ברוך שפּינאָזע.

„איצט, אַז מיר זענען שוין, מער־ווינציקער, באַקאַנט מיט זיין כאַראַקטער, וועלן מיר אייך איבערגעבן זיין פילאָזאָפיע. איך בין נישט זיכער, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין, מחמת ער האָט געשריבן בלויז פאַר קלוגע, אינטעליגענטע מענשן, נישט פאַר מענער וואָס שלאָפן, נישט פאַר פרויען וואָס זייגן קינדער און קייען ראַזשינקעס, און נישט פאַר קינדער וואָס לעקן לאַליפּאַפּס. אים דאַרף מען קענען פאַרשטיין — און איר, זאָלט איר מיר טויזנט מאָל מוחל זיין —

„חברים! וואָס הירזשעט איר? וואָס כאַכאַטשעט איר? לאָזט אויסרעדן אַ וואָרט, לאָזט אויסרעדן!

„פייפט נישט; הוסט נישט, אַז איר וועט זיך אַזוי אויפפירן וועל איך מוזן סטאָפּן; האָלעדריגעס, אַ פינצטער לעבן אויף אייך!

„וואָס, איר פייפט טאַקע? אָל־ראַיט; פייפט אייך געזונטער־הייט; ווער לאָזט אייך נישט פייפן, ווער? אָבער צו וואָס זאָלט איר מיר געזונט זיין, דאַרפט איר נאָך וואַרפן אויף מיר שאָלעכץ פון באַנאַנעס און שטיקער וואַטערמעלאָן? וואו איז אייער עטיק?

„חברים! פריינט! אויב איר ווילט דוקא וואַרפן אויף מיר שאָלעכץ פון באַנאַנעס און שטיקער וואַטערמעלאָן, קען איך אייך נישט פאַרווערן; אָבער צו וואָס זאָלט איר מיר לעבן, דאַרפט איר נאָך וואַרפן אויף מיר באַטלס פון זעלצער־וואַסער און בענקלעך?

„חברים און חבר׳טעס!

„אָט גייט מען שוין וואַרפן אויף מיר דאָס טישל אויך! פע; איך האָב פיינט אַזעלכע קאַטאַוועסלעך; ס׳איז גוט אַמאָל אַ וויץ, אַ שטיפעריי, אָבער וואַרפן אויף אַ מענשן באַטלס פון זעלצער און טישן מיט בענק — איז שוין אַ קאַפּיטשקע צופיל!

„ע־ה, איר סטאַפּט טאַקע נישט? אויב אַזוי, זייט איר דאָך טאַקע גראָבע יונגען; האָב איך דאָך טאַקע רעכט, אַז איר קענט נישט פאַרשטיין ברוך שפינאָזען.

„הע, רוצחים! איר קענט דאָך מיך אָט־אַזוי־אַ אוועק׳הרג׳ענען! וואו איז אייער יושר, אייער מענשלעכקייט? איך בין דאָך עפּעס אַ טאַטע פון 5 קליינע קינדער!

„ליבע חברים! צי זענט איר משוגע געוואָרן, צי גלאַט אַזוי אַרונטער פון זינען! וואָס שלעפּט איר מיך עפּעס פאַר די הויזן? לאָזט אָפּ די הויזן, לאָזט אָפּ! איך האָב נישט מער ווי די איינע פּאָר

הויזן, איך שווער אייך! לאָזט אָפּ די הויזן, לאָזט אָפּ!... און וואָס שלעפּט איר מיך עפּעס פאַרן קאָלנער? וואָס בין איך עפּעס אייערער? שטופּט מיך נישט אַזוי! איר'ט מיך אַרונטערוואַרפן פון די טרעפּ! לאָזט מיך אָפּ; כ'על אַליין אַרונטערגיין; איך האָב פיינט אונטער־פירערס! וואָס שטורכעט איר מיך? איך בין אַ שלאָפער מענש, איך לעב קוים, ניטע! וואָס האָט איר זיך היינט אַזוי צעיוזשעט, וואָס? הע, הערט זיך דאָרט אויף צו בריקענען; סטאָפּט! איך האָב דאָס פיינט! איר וועט שוין געגוג וואַרטן, ביז איך וועל נאָך אַ מאָל קומען פאַר אייך לעקטשורן... געוואַלט, מיין זייגערל! אַ פּרעזענט פון מיינע קאָלעגן!

אויף מאָרגן האָב איך באַגעגנט דעם לעקטשורער אין דער קאַפע ראָיאַל, טו איך אים אַ פרעג: „ווי איז געווען דער נעכטיקער לעקטשור וועגן ברוך שפּינאָזע?"

„איר מיינט ביי די בוכציאַנער?"

„יאָ."

„אַ גרויסער סוקסעס! מען האָט מיך, ממש אַרומגעטראָגן אויף די הענט!"

אַ מעשה מיט אַ צענערל

דערציילט פון מיינעם אַ שטאַרקן קאָנקורענט, ל. מעזריטשער, און איבערדערציילט אַ קאַפּיטשקע אַנדערש און, אפשר מער ווי קאַפּיטשקע.

אַ שרייבער פון אונזער שטעטל איז איינמאָל משוגע געוואָרן און אָנגעשריבן אַ ליד וועגן זיינע אַ געוועזענע כלה.

דאָס ליד האָט ער אַ נאָמען געגעבן: „רבקהלע."

האָט ער פאַרקויפט דאָס ליד צו אַ רעדאַקטאָר פאַר צען דאָלער, מזומנע געלט, נישט קיין טשעק.

באַקומען דאָס צענערל, איז ער אַוועק איבערן שטעטל מען זאָל עס אים אָפּ־בייטן. ער האָט זיך געוואָלט ארומצאָלן אביסל; זיך באַפרייען פון זיינע חובות, ער זאָל ווייטער קאָנען באָרגן.

לאָזט ער זיך ארום מיטן צענערל אין האַנט איבערן שטעטל. גייט ער אריין, צוערשט, צו זיינעם אַ שכן: מיסטער טאַרשיש, טוט אַ טובה און בייט מיר אָפּ דאָס צענערל" — בעט זיך דער דיכטער.

ווערט דער שכן אין כעס: „מען דאַרף באַזיצן אַ ים מיט חוצפה אריינצוקומען צו מיר מיט אַ צענערל אין האַנט; וועלכער מענש דאָ, אין שטעטל, האָט עס צו טוישן אַ צענערל?"

לויפט דער דיכטער אריין אין שפּייז־קרעמל: „אפשר קענט איר מיר אָפּ־בייטן צען דאָלער?"

„וואו זאָל איך נעמען געלט? ווייסט איר דען נישט, אַז איך גיב אַלעמען אויף באָרג" — זיפצט דער שפּייז־קרעמער.

כאַפּט זיך דער דיכטער אריין אין אַ דראָג־סטאָר:

„מיסטער אַפּטייקער! איך בעט אייך, בייט מיר אָפּ צען דאָלער אויף קליינגעלט."

נעמט דער אַפּאָטייקער שמייכלען מיט אַ דין שמייכעלע: „ווען איך האָב צען דאָלער, מאַך איך היינטיקן טאָג צו דאָס געשעפט! אויב איר ווילט, קען איך אייך געבן פאַר די צען דאָלער קאַסטאָראייל."

דערהערט, אַז דער אַפּאָטייקער וויל אים געבן פאַר די צען דאָלער

קאַסטאַראַייל, האָט ער באַלד גענומען לויפן — שטעלן פּיס, הייסט עס, און ער איז אַריינגעלאָפן צו אַ אידן, וואָס האָט אַ שיינע טאָכטער אָבער נישט קיין יונגע.

„טוישט מיר אָפּ דאָס צענערל!" — בעט זיך דער דיכטער — „איך מוז האָבן קליינגעלט."

טוט זיך דער איד אַ גלעט די באָרד מיט דער גאַנצער האַנט און ער זאָגט: „אויב איר האָט אַזאַ מאַטניאַ מיט געלט, וויל איך אייך רעדן אַ דאָס, אַ שידוך; טאַקע מיט מיין טאָכטער"...

ווען ער איז אַרויס פון דעם אידן מיט דער באָרד, טרעפט אים אָן זיינער אַ גוטער פריינט, אַ חבר.

„עס הערט זיך אין שטעטל, אַז דו האָסט אַ צענערל, איז דאָס אמת?"

„אמת" — ענטפערט דער דיכטער — „אמת, אָבער וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך קען עס נישט אָפּ־בייטן.

„דו וואָלסט מיך דערהאַלטן ביים לעבן, ווען דו באָרגסט מיר אַ פינפערל" — זאָגט דעם דיכטערס חבר — „איך וואָלט ממש די אויגן געעפנט."

האָט זיך דער דיכטער, ווי עס איז, אַרויסגעדרייט און ער איז אַריין אין אַ שניידער־געשעפט:

„ראַטעוועט, טוישט מיר אָפּ דאָס צענערל, אַ גוט צענערל, באַ־קומען פאַר מיינס אַ ליד."

„האַ? וואָס? איך הער נישט, איר האָט אַ צענערל?" — און ער נעמט שרייען הויך, אויפן קול: „חיה, יענקל, נח, משה, קומט אַלע אַהער, שנעל, וועט איר זען אַ אידן מיט אַ ריכטיק צענערל; אַלע אַהער, לאָמיר מאַכן אַ „שהחיינו!"

ווען דער דיכטער איז אַרויס פונם שניידער, האָט שוין אין דרויסן געוואַרט אויף אים זיינער אַ קאָלעגע, אויך אַ דיכטער: „איז דאָס אמת וואָס מען זאָגט? מען זאָגט, אַז דו האָסט ביי זיך אַ צענערל; אויב ס'איז אמת, וויל איך עס זען, באַטראַכטן, עס גלויבט זיך מיר נישט; אַנו, לאָז אַ קוק טאָן מיט מיינע אויגן."

ווייזט ער אים דאָס צענערל; נעמט עס דער צווייטער דיכטער אין האַנט אַריין, באַטראַכט עס, באַטאַפּט עס מיט די פינגער, דרייט

עס פוןביידע זייטן; קוקט עס דורך ווי עס וואָלט געווען פון גלאָז און ער זאָגט:

„אויב ס'איז אַן אמת צענערל, ביזטו דער גרעסטער עושר אין שטעטל; אפשר קענסטו מיר באָרגן דערפון כאָטש אַ דרייערל?"

האָט ער געלאָזן שטיין דעם קאָלעגע אָט־אַזוי־אַ, און איז אַריין מיט גיכע טריט אין אַ פּרוכט־געשעפט:

„איך בעט אייך, טוט מיר אַ טובה און בייט מיר אָפּ דאָס צענערל; אויב מעגלעך, אויף איינציקע דאָלערס."

לאַכט דער בעל־הבית פונם פּרוכט־געשעפט: „ביי מיר איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי לעגער־געלט. אויב ס'קלייבט זיך אַמאָל אָן אַ פּאָר דאָלער אין קעש, ווערט באַלד אויף דעם אַן אויסכאַפּעניש..."

אַרויסקומענדיק מיטן צענערל אין גאַס, איז אונטערגעלאָפן איינער מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און אַרונטערגעכאַפּט אַ בילד פון אים.

„העי, מיסטער, וואָס נעמט איר עפּעס אַרונטער בילדער פון מיר?"

„עס איז גאָרנישט, מיר ווילן אייך אַריינשטעלן אין אונזער צייטונג; אַ קלייניקייט, אַ איד מיט אַ צענערל אין אונזער שטעטל!"

דערווייל האָט זיך אונטערגעריקט אַ איד און געפרעגט אונזער דיכטער: אויב ער וואָלט געוואָלט ווערן אַ שותף צו זיינע געשעפטן; ער זוכט טאַקע אַ מענטשן מיט געלט...

אין דעם טומל זענען אויסגעוואַקסן צוויי דעטעקטיווס, אים גע־וויזן די „בעדזשעס" און אים אַוועקגעפירט אין פּאָליס־סטיישאָן. דאָרט האָט מען אים גענומען אויפן צימבל:

„ביי וועמען האָסטו געגאַנבעט דאָס צענערל? זאָג דעם אמת: ביזטו שוין אַמאָל געזעסן אין דזשייל?"

און מען טראַכט נישט קיין סך און מען נעמט אַרונטער זיינע „פינגער־פּרינטס" און מען טרייסלט אויס אַלע זיינע קעשענעס און מען גיט אים אַ פּאָר גוטע בוכצעס:

דערציילט דער דיכטער די גאַנצע געשיכטע: „איך בין אַ דיכטער, איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען: „רבקהלע"; האָב איך עס פאַרקויפט פאַר צען דאָלער, איצט וויל איך דאָס צענערל אָפּ־בייטן, דאָס איז אַלעס."

ווילט איר דאָך וויסן דעם סוף? וועל איך אייך זאָגן: דאָס

זאָלן אידן לאַכן

צענערל האָט מען אָפּגעביטן טאַקע אין פּאָלים־סטיישאָן, און בשעת מען האָט אים אויסגעצײלט די צען אײנציקע בילס, האָט מען אים גע'עצהט: „נאָכאמאָל נישט אַרומצוגיין מיט קיין צענערל אין גאַס; מען איז דאָ נישט זיכער מיטן לעבן; עס דרייען זיך אַרום אויף טריט און שריט האָלדאַפּניקעס, גנבים...

„היט זיך די ביינער!" — האָט אויסגערופן דער קעפּטן פון די פּאָלים — „קענסט נאָך ווערן מיט אַ קאָפּ קירצער!"

אַ יובילעאום מתנה

תנחום איז אַ באַרימטער דיכטער. באַרימט און באַליבט. ווען מען האָט געפייערט זיין פופצן־יעריקן יובילעאום, האָבן אים די שרייבער פון די צייטונגען געמאַכט אַ מתנה אַ זיידענעם רעגן־שירם און אַ שטעקן.

האָט מען ביי אים דעם רעגן־שירם צוגעגאַנבעט אין אַ רעסטאָראַן און דעם שטעקן האָט ער איבערגעבראָכן אויף העלפט שלאָגנדיק אַ קריטיקער.

דער קריטיקער איז נאָך דער געשיכטע אָפּגעלעגן אַ וואָך אין בעט.

מיט פינף יאָר שפּעטער איז געפייערט געוואָרן תנחומס צוואַנציק־יעריקער יובילעאום. האָבן אים די זעלבע שרייבער געמאַכט אַ מתנה אַ פאָונטן־פּען, אַ בוקעט בלומען און אַ גאָלדן זייגערל.

האָט ער די פאָונטן־פּען פאַרלאָרן, די בלומען אָוועקגעשאָנקען אַ מיידל און דאָס זייגערל האָט ער פאַרזעצט.

די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און דער דיכטער האָט געשריבן, און דער עולם האָט געלייענט און די קריטיקער האָבן אים געלויבט. געלויבט און באַוואונדערט.

בלויז איין קריטיקער האָט אים אַרונטערגעריסן. דאָס איז געווען דער, איבער וועמעס פּלייצעס תנחום האָט איבערגעבראָכן דעם שטעקן... דער קריטיקער האָט געהאַלטן אין איין באַווייזן, אַז תנחום האָט קיין טאַלאַנט ניט; אַז ער האָט גיכער געדאַרפט זיין אַ הינט־שלעגער איידער אַ דיכטער.

דער אינטעליגענטער עולם האָט געלייענט און געלאַכט פון דעם נאַרישן קריטיקער, און אים אויף להכעיס האָט זיך תנחום געעלטערט, און מען האָט גענומען פייערן זיין פינף־און־צוואַנציק־יעריקן יובילעאום.

מען האָט געדונגען דעם גרעסטן זאַל פון שטאָט, באַשטעלט גרויסע מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע טאַלאַנטן, אַנאָנסירט די גרעסטע

אידישע רעדנער, און אַלע צייטונגען און זשורנאַלן זענען דערשינען מיט דעם דיכטערס בילד און מיט לויב־געזאַנגען.

די שרייבער פון די צייטונגען האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט און ווידער באַשלאָסן צו מאַכן דעם דיכטער אַ מתנה.

וואָס פאַר אַ מתנה?

האָט איינער געזאָגט, מען זאָל אים געבן הונדערט דאָלער מזומנ׳ע געלט.

האָט אַ צווייטער געזאָגט, אַז קעש האָט ביי תנחומען קיין ווערט ניט. געלט איז ביי אים בלאָטע.

האָט אַ דריטער געזאָגט, אַז מען זאָל אים די הונדערט דאָלער געבן ניט מיט אַמאָל, נאָר צוביסלעך, אַ דאָלער אַ וואָך.

הקיצור, מען האָט זיך אַרומגעריסן אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז געבליבן מען זאָל אים קויפן אַ גילדן זייגערל, נאָר מען זאָל אים אָנזאָגן פריער ער זאָל דאָס זייגערל ניט פאַרזעצן.

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הומאָריסט, און גענומען דאָס וואָרט.

— חברים און קאָלעגן! — האָט ער אויסגערופן — אָנזאָגן אונזער באַליבטן דיכטער, ער זאָל דאָס זייגערל ניט פאַרזעצן, איז נאַריש. ערשטנס, וועט ער אונז ניט פאָלגן, ער איז אַ מענש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. צווייטנס, האָט ער גלאַט פיינט, אַז מען זאָגט אים אַ דעה. דריטנס, איז דאָס זיין געשעפט: זאָל ער טאָן מיטן זייגערל וואָס זיין האַרץ גלוסט. פערטנס, האָב איך אַן עצה: אַנשטאָט צו קויפן אים אַ ניי זייגערל, זאָל מען אים בעסער אויסלייזן פון פאָנ־שאָפּ דאָס אַלטע זייגערל.

דאָ האָט אַן ערנסטער שרייבער איבערגעשלאָגן דעם הומאָריסט, אַז מען קען ניט רעדן וועגן אויסלייזן דאָס אַלטע זייגערל, מחמת תנחום האָט נאָך, מיט צוויי יאָר צוריק, פאַרקויפט דעם פאָנ־טיקעט פאַר צוויי דאָלער.

איז געוואָרן אַ געלעכטער און דער הומאָריסט האָט ווייטער גערעדט:

— אויב אַזוי, איז מיין עצה, אַז מען זאָל אים טאַקע קויפן אַ גאָלדן זייגערל, נאָר מען זאָל עס אים ניט אָוועקגעבן. מיר זאָלן

דאָס זייגערל אַליין פאַרזעצן און אים, תנחומען, באַלד אָוועקגעבן דעם פּאָון־טיקעט.

— אונטערשטיצט! אונטערשטיצט! — האָבן זיך געהערט שרייבערישע קולות פון אַלע זייטן —אַ טייערער פּלאַן!

און אַזוי איז טאַקע געבליבן.

אין דעם אָוונט פון יובילעאום האָט אים אַ קאָמיטע, פון צוויי שרייבער, איבערגעגעבן דעם פּאָון־טיקעט פון דעם גילדענעם זייגערל.

דער דיכטער האָט באַדאַנקט דער קאָמיטע פאַר דעם גרויסן כבוד און זיך מיט ביידע שרייבער צעקושט...

ער פאָרט קיין קאַלעפאָרניע

מיין חבר אווראמל איז א גרויסער דיכטער, א באַרימטער שריפט־שטעלער און א גוטער פאָרלעזער.

קריגט ער איינמאָל א בריוול אַזש פון סאַן־פראַנציסקאָ, קאַלי־פאָרניע, אַז ער זאָל אהינקומען פאַר א פּאָר ליטעראַרישע אָוונטן. מען האָט אים צוגעזאָגט צו הונדערט דאָלער אַן אָוונט, חוץ אַלע הוצאות.

און אַזוי ווי מיין באַרימטער חבר האָט זייער געוואָלט זיין אין קאַלעפאָרניע, אין דעם לאַנד פון בלויע הימלען און אייביקן זונשיין; וואו עס וואַקסן פּאָמעראַנצן און פייגן — האָט ער באַלד אוועקגעשריבן א לאַנגן בריוו און נעפאָדערט: „מען זאָל אים אַרויסשיקן געלט פאַר א באַן־בילעט. ער קען נישט אויסליינן אַזוי פיל געלט.״

האָט מען אים צוגעשיקט הונדערט דאָלער. איז ער אַרומגע־גאַנגען צווישן אַלע קאָלעגן און נישט אויפגעהערט ביי יעדן איינעם צו פרעגן: „וואו קויפט מען א בילעט, און ווען דאַרף מען גיין צו דער באַן און פונוואַנען וועט דער קאָנדוקטאָר וויסן וואו ער דאַרף אים אַרונטערלאָזן?״

האָט מען אים באַרואיקט: „זייט נישט צעטראָגן. עס וועט קומען דער טאָג ווען איר וועט דאַרפן פאַרלאָזן נויאָרק, וועט מען פאַר אייך אַלצדינג פאַרזאָרגן; מען וועט אייך שוין צופירן; זייט רואיק.

א טאָג פאַרן פאָרן, האָט מען אים געקויפט א בילעט און אויף מאָרגן האָט מען אים צוגעפירט צום וואָקזאַל (צום סטיישאָן, הייסט עס, אין אידיש) און מען האָט אים אַריינגעפירט אין א וואַגאָן, דער־לאַנגט דעם בילעט און אויך א פּעקל מיט עסן אויפן וועג — מען קען דאָך נישט לאָזן א אידישן דיכטער אויסגיין פאַר הונגער.

מיר האָבן זיך אַלע מיט אים געזעגנט, זיך האַרציק צעקושט, אים געוואונשן א גליקלעכע נסיעה און די באַן איז אוועק מיט א פּייפעריי.

ארום נואַרק גייט שוין אונזער דיכטער צו צום קאָנדוקטער און ער פרעגט ביי אים:

— ס'איז נאָך ווייט קיין קאַלעפאָרניע?

דער קאָנדוקטער קוקט אים אָן ווי ער וואָלט זיין חסר דעה; ער וויל אים אפילו נישט ענטפערן.

פרעגט ער אים נאָכאמאָל:

— ס'איז נאָך ווייט קיין קאַלעפאָרניע?

— סיט־דאון! — שרייט דער קאָנדוקטער — סיט דאון! — דריי נישט קיין היטל.

זעצט ער זיך אוועק, אָבער ער קען נישט איינזיצן: „ווער ווייסט וואו די באַן קען מיך אזוי פארפירן?" — טראַכט ער — „א קלייני־קייט, די אמעריקאַנער באַנען; זיי לויפן דאָך ווי שדים, ווי בייזע רוחות!"

אין א פּאָר מינוט ארום, גייט ער ווידער צו צום קאָנדוקטער און ער פרעגט מיט א רחמנותדיק קול: „קאַלעפאָרניע?"

ווערט דער קאָנדוקטער גוט אין כעס און שרייט אויס:

— סיט דאון! סיט דאון!

טראַכט זיך אונדזער דיכטער: „מיט וואָס איז דאָס אמעריקע בעסער פאר דייטשלאַנד? אומעטום זענען פאראַן אנטיסעמיטן; אומעטום האָט מען פיינט דעם אידן."

און אָט זעט ער אין זעלבן וואַגאָן זיצן צוויי פּשוטע אידן, איינער פון זיי לייענט א אידישע צייטונג.

איז ער זיך מחיה; גייט ער צו צו די אידן און ער פרעגט ביי זיי:

— עס איז נאָך ווייט קיין קאַליפאָרניע?

קוקן אים די צוויי אידן אָן מאָדנע: א מענש איז ערשט ארום נואַרק און ער פרעגט שוין אויף קאַלעפאָרניע!

„מיסטער, איר האָט נאָך זייער א סך צו פאָרן" — לאָזט מען אים וויסן — „איר קענט זיך נאָך גוט אויסשלאָפן."

„איך וויל טאַקע כאַפּן א דרימל" — זאָגט דער דיכטער — „איך חלש שלאָפן."

און ער זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט און ער נעמט פּאמעלעך איינשלאָפן און באַלד — שנאָרכן.

זאָלן אידן לאַכן

שאַ, וואָס איז דאָס? אונזער דיכטער שפּרינגט אויף נישט טויט, נישט לעבעדיק. וואָסי? ער האָט געהערט פון שלאָף ווי מען האָט אויסגערופן: קאַלעפאָרניע."

ער כאַפּט אויף גיך זיין רענצל מיט די זאַכן — און בשעת מעשה טראַכט ער זיך: „כ'האָב נישקשה אריינגעשלאָפן; שוין אין קאַלעפאָרניע!"

און אָט הערט זיך אַ פייפן פון דער באַן, זי זאָגט עס אָן, אַז זי קומט, און אָט שטעלט זי זיך אָפּ ביי אַ סטאַנציע.

אונזער דיכטער פרעגט נישט ביי קיינעם קיין פראַגעס און ער לויפט אַרונטער.

די באַן גייט באַלד אַוועק און ער בלייבט שטיין מיטן רענצל אין האַנט ווי אַ מטושטשער.

ער קוקט זיך אַרום — וואָס טוט זיך דאָ? וואו איז ער? זאָל דאָס זיין קאַלעפאָרניע? וואו זענען די בלויע הימלען? די פּאָמע־ראַנצן־וועלדער? די פייגן־ביימער? די ליכטיקע זון וואָס איז אַזוי באַרימט? און פאַרוואָס איז דאָ אַזוי קאַלט, אַזוי נאַס? און פאַר־וואָס שטיקט דאָ אַזאַ רויך? און פאַרוואָס זעט זיך אַזעלכע איינגע־פאַלענע הייזלעך? אַזאַ אָרעמקייט?

און אָט באַווייזט זיך אַ מענטש, הלואי זאָל דאָס זיין אַ איד — טראַכט ער — מיט אַ אידן קען מען רעדן, ער פאַרשטייט.

יאָ, טאַקע אַ איד! דער דיכטער גייט אים אַקעגן, באַגריסט אים, זאָגט אים: „גוט־מאָרגן" און ער פרעגט אים: איז דאָס קאַלע־פאָרניע? איך האָב אַליין געהערט ווי דער מאַן, וואָס פאַרקויפט פרוכט אויפן באַן, האָט אויסגערופן: „קאַלעפאָרניע".

האָט זיך דער איד צעלאַכט: „דער מאַן וואָס פאַרקויפט פרוכט, האָט ניט אויסגערופן קאַלעפאָרניע, נאָר „קאַלעפאָרניע פּעירס" — דאָס זענען אַזעלכע באַרן וואָס קומען פון קאַלעפאָרניע; איר האָט אַפּנים פאַרהערט, איר האָט אַפּנים געדרימלט. אויב איר פאָרט קיין קאַלע־פאָרניע, מוזט איר דאָ וואַרטן עטלעכע שעה צייט ביז די צווייטע באַן וועט זיך אָפּשטעלן — דערווייל געפינט איר זיך ערשט אין טרענטן, ניו דזשוירזי; יאָ, אין טרענטן."

מיין פרויס געבורטסטאָג

א שרייבער, וואָס האָט מער צרות פון שרייבן ווי נחת, האָט מיר דערציילט דידאָזיקע געשיכטע:

ווען מיין פרוי איז אַלט געוואָרן 40 יאָר, האָט זי געוואָלט, איך זאָל איינלאַדן געסט צו אַ מאָלצייט; מאַכן פאַר איר, הייסט עס, אַ שטיקל יום־טוב.

מיינע טענות, אַז זי איז שוין עלטער, אַז זי איז שוין 46, האָט נישט געהאָלפן. זי האָט געמאַכט קולות און געוואָלדן און גע־סטראַשעט מיט חלש'ן.

האָב איך געמוזט צושטימען צו איר פאַרלאַנג.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה וועמען זאָל מען יאָ איינלאַדן און וועמען נישט. זי וויל האָבן די פיינסטע, די רייכסטע, די וואָס קענען ברענגען פּרעזענטן.

זיך פאַרלאָזן אויף מיר וויל זי נישט. איך קען נאָך, האָט זי געזאָגט, פאַרבעטן מיינע חברים־שרייבער און שרייבערקעס. און דאָס געזינדל האָט זי פיינט ווי דעם טויט.

ערשטנס, רעדן זיי די גאַנצע צייט וועגן ליטעראַטור, מוזיק, פּאָעזיע, מאַלעריי און טעאַטער.

צווייטנס, זיינען זיי אַלע גרויסע אָרעמעלייט און ברענגען נישט קיין פּרעזענטן.

דריטנס, האַלטן זיך די שרייבער נישט זייער ריין. מען טראָגט לאַנגע האָר, צעשויבערטע; די הויזן זענען קיינמאָל נישט אויסגע־פּרעסט, זיי וויסן נישט פון נעמען זיך אַ שעיוו אין צייט. און דאָס איינענע איז מיט די שרייבערקעס. זיי גייען אָפּגעלאָזן, רויכערן סיגאַרעטלעך און נאָר זיי רעדן וועגן ראָמאַנען.

— וויל איך דיינע לאַבודרעס ביי מיין געבורטסטאָג נישט האָבן.

— הייסט עס, דו שעמסט זיך מיט אידישע שרייבער?

— איך שעם זיך נישט, נאָר זיי האָבן צו מיין פּארטי וויל איך נישט.

— וועמען־זשע דען ווילסטו איינלאַדן?

— נעם אַ פּענסל און פאַרשרייב: מיסטער און מיסיס שאַלע־מויז, פון יאַנקערס. זיי וועלן זיכער ברענגען אַ שיינעם פּרעזענט. אמת, זיי קענען מיט אַ מענשן נישט רעדן, קענען נישט לעזן און שרייבן, אָבער פּרעזענטן וועלן זיי געבן. האָסט שוין פאַרשריבן? איצטער שטעל אוועק מיסטער און מיסיס פלאַקסנער. זיי זענען אויך פּראָסטאַקעס, אָבער פּרעזענטן גיבן זיי. איך האָב נאָך די זיידענע שאַל, וואָס די פלאַקסנערס האָבן מיר געגעבן מיט פינף יאָר צוריק. האָסט שוין פאַרשריבן די פלאַקסנערס? גוט! איצטער פאַרשרייב מיסטער און מיסיס קאַצמאַן, פון פלעטבוש. אויך פּראָסטע מענשן, נאָר זיי באַרעדן. מיך אַליין האָט זי שוין אויך באַרעדט. זי האָט אַ ווערמדיק מויל, האָט זי, אָבער איך האָב זי טיף־טיער אין דר׳ערד. אבי זי גיט אַ שיינעם פּרעזענט.

האָסט שוין פאַרשריבן די קאַצמאַנס? גוט! איצטער פאַר־שרייב די צינגלס פון קוני איילאַנד; נישט די צינגלס פון פּעטער־סאָן. די פּעטערסאָנער צינגלס זיינען שוין אויס נגידים. זיי האָבן אַלץ פאַרלוירן. אָבער די קוני איילענדער צינגעלס האַלטן זיך נאָך ווי עס איז אויף די פיס.

אמת, זיי זענען גראָביאַנעס; דער עיקר, ער... אז ער דערזעט מיך, גייט אים אזש די שלינע פון מויל... עס עסט מיך ממש אויף מיט די אויגן... דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט פיינט ווי דעם טויט זיין אייגן ווייב... און ס׳איז טאַקע דאָ וועמען פיינט צו האָבן. ווען איך בין אַ מאַן, וואָלט איך מיט אזא חיה נישט געוואָלט זיין אונטער איין דאַך. קליין און דאַר און פול מיט זומער־שפּרינקעלעך, און זי רעדט אונטערן נאָז און נאָר זי שלאָפט. ווען מען קוקט זי אָן — בייטאָג, ביינאַכט, אין סאָבוועי, אין טעאַטער — נאָר זי כראָפּעט! און אז זי כראָפּעט, מאַכט זי כסדר מיטן צונג ווי אַ קינד ווען עס זויגט.

מיין ווייבל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און ווייטער געזאָגט:

— איצטער פאַרשרייב מיסטער און מיסיס פינקעל. אויך ניש־קשה׳דיקע חזרים, גראָשנדיקע נשמות. איך געדענקט, ווען איך האָב

אַמאָל געמאַכט אַ קאָלעקשאָן פֿאַר אַן אָרעמע קראַנקע פֿאַמיליע, האָט ער מיר אַפֿילו ניקל נישט געוואָלט געבן; אַ פּאַסקודניאַק מיט אַ מעדאָל; אָבער זי איז אַביסל אַנדערש. אויך אַ גאָרנישט, אַן אומ־ווויסנדע. נאָר אַ שטיקל פּרעזענט וועט זי ברענגען... איך וואָלט אויך איינגעלאַדן מיסטער און מיסים מאַנדל. איז אָבער די צרה, וואָס אין צוויי וואָכן אַרום איז איר געבורטסטאָג; זי ווערט אַלט, זאָגט זי, 35 יאָר. וועט זי דאָך מיך אויף איינלאַדן; וועל איך דאָך איר אויך מוזן געבן אַ פּרעזענט, און מיין פּרעזענט וועט זיכער זיין אַ בעסערער ווי אירער. דער לעצטער פּרעזענט, וועלכן זי האָט מיר געגעבן, איז ווערט געווען 50 סענט: זעקס נאַז־טיכלעך, ביליקע... וועל איך זיך באַגיין אָן איר. איצטער שטעל אוועק אויפן צעטל מיסטער און מיסים פּילקע, דיין געוועזענע געליבטע. איך וויל, זי זאָל קומען און צעפּלאַצט ווערן פֿאַר הארצוויייטיק. זאָל זי זען ווי דו ליבסט מיך, ווי דו מאַכסט פֿאַר מיר שיינע פּאַרטים; זאָל זי זען וואָס פֿאַר אַ שיינע רומס איך האָב.

האָסט שוין פֿאַרשריבן?

איצטער וויל איך האָבן: מיסטער און מיסים האָבערמאַן, פֿון בראָנזוויל. דאָך, ווי זאָגט מען עס, אַלטע שכנים. אמת, זי איז נישט פֿון מיין טאַיפּ; זי איז אַ יענטע טעלעבענדע. נאָר זי שעלט, נאָר זי שרייט און ברענגט און טראָגט אָפּ פּאָטשטן און פּלאָטקעס. אָבער דערפֿאַר איז ער, דער מאַן אירער, אַ פֿיינער מאַן. איז אָבער די צרה, וואָס זי האָט פֿינף קינדער, און זי וועט אַלע קינדער מיטנעמען. וועט ווערן אַ כאַפּעריי פֿון די טישן, אַ געלאָף אויף די טרעפּ, אַ שפּרינגעריי אויף די נייע פֿוירניטשור, און די ראַדיאָ וועט האַלטן אין איין שפּילן דזשעז — זאָלן זיי שוין בעסער זיצן אין דער היים.

דאָס ווייבל מיינס האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט און געענדיקט:

— דאַצאָל! מער וועל איך קיינעם נישט איינלאַדן; די דאַינינג־רום איז סיי ווי צו־ענג.

— איצט, אז עס גייט דיר אַזוי שטאַרק אין לעבן, קענסטו איינ־לאַדן אַ פּאָר פֿון דיינע לאַפּאַצאַנעס, פֿון דיינע שרייבער; אָבער נישט קיין שרייבערקעס. אָבער זאָלסט זיי אָנזאָגן פֿריער, זיי זאָלן נישט רעדן וועגן ליטעראַטור, מוזיק, געזאַנג און פּאָעזיע. נישט דאָ איז דאָס אָרט פֿאַר אַזעלכע זאַכן, דו הערסט? און אויב זיי וועלן עפּעס רעדן

זאָלן אידן לאַכן

ביים טיש, זאָלן זיי נישט רעדן קיין אידיש. אין אַמעריקע דאַרף מען רעדן ענגליש. וואָס? וועסט איינגאַנצן נישט איינלאַדן דיינע שרייבער? אויב אזוי, איז נאָך בעסער! זעסטו, דעם רעדאַקטאָר דיינעם דאַרף מען יאָ איינלאַדן. גלאַט אזוי, אפשר וועט ער האָבן שכל און בלייבן זיצן אין דערהיים, אָבער איינלאַדן דאַרף מען אים.

אָט די מעשה האָט מיר דערציילט מיינער אַ חבר, אַ אידישער שרייבער.

אַ חלום פון אַ הומאָריסט

מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין, ניט פאַר אייך געדאַכט, געשטאָרבן. מילא, האָב איך זיך געטראַכט, געשטאָרבן איז געשטאָרבן. פאַרפאַלן. איך וועל זיך דאָך ניט גיין נעמען דאָס לעבן צוליב דעם.

ליג איך מיר אַזוי אַ טויטער און איך הער מיין ווייבס יללות.

אָבער דאָס געוויין האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, אפשר אַ פערטל שעה אויפן זייגער.

באַלד האָב איך דערהערט מיין ווייבס שטימע: איך הויב ניט אָן צו וויסן וואו זיינע פּאַליסים געפינען זיך, וואו זיין צוואה געפינט זיך און וואו ער האָט זיין באַנק־ביכל.

— דאָס איז פון די קלענסטע זאַכן, — האָט זיך געהערט אַן אַנדערע שטימע. דאָס איז געווען די שטימע פון מיין שוויגער. נעם זיך ניט אַזוי צום הארצן, טאָכטער מיינע, אַ מאַן קען מען אַלע מאָל קריגן. וויין וואָס ווינציקער, טרערן מאַכן אויסזען אַלט, טרערן רונצלען די הויט פון פּנים.

דערנאָך האָט מיין פרוי זיך גענומען דינגען מיט דער חברה קדישא: באַרייסט מיך ניט, האָט זי געזאָגט, מאַכט עס ביליק, וועט איר האָבן אַ סך ארבעט פון מיר. פאַרגעסט ניט, אַז איך בין נאָך אַ יונגע פרוי. איך קען נאָך אין מיין לעבן באַגראָבן אַ היבש ביסל מענער.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַמפּעריניש מיט מיינע פריינט: מיינע פריינט האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף מיר מאַכן אַ שיינע לויה, מיט אַ סך בלומען, מיט אַ סך מאַשינען און אַ באַרימטער חזן זאָל מאַכן אַן „אל מלא רחמים", און מיין ווייבל האָט געטענהט, אַז ס'איז ניט נויטיק; מען דאַרף ניט אַרויסוואַרפן קיין געלט פאַר גאָר נישט. אויב מען קען איינשפּאָרן, דאַרף מען איינשפּאָרן.

און ס'איז געבליבן: מען זאָל מער ווי צוויי מאַשינען ניט

האָבן (חוץ, פאַרשטייט זיך, דעם טויטן־וואָגן), און מען זאָל מיר אָנטאָן דאָס אַלטע פאַרלאַטעטע סוטל און די אַלטע שיך און מען זאָל מיך ניט אָפּשיווען. ס'איז רעכט, האָט מיין פרוי געזאָגט, אָן אַ שיינג אויך.

די ברילן האָט זי מיר דווקא געהייסן מיטגעבן. מחמת די ברילן, האָט זי געזאָגט, וועלן קיינעם ניט פּאַסן.

האָט מען מיר אָנגעטאָן די ברילן און איך האָב גענומען וואַרטן אויף די הספּדים פון מיינע חברים און קאָלעגן.

און איך האָב זיך, אַ דאַנקן גאָט, דערוואַרט. איינער האָט געזאָגט, אַז איך בין געווען אַ דענקער, אַ פילאָזאָף, אַ פּאָעט און אַ הייסער איד. אַ חוץ דעם בין איך געווען די ערלעכקייט אַליין. אַז איך האָב ביי אימיצן געבאָרגט אַ פּאָר דאָלער, האָב איך תיכף אָפּגעגעבן. אָפּצאָלן אַ חוב איז ביי מיר געווען די ערשטע זאַך.

אָט־אָ דער בלאָף האָט מיך זייער שטאַרק אויפגערעגט. ווען איך שעם זיך ניט פאַר דעם גרויסן עולם, וואָס איז געקומען צו מיין לויה, וואָלט איך זיך איבערגעקערט מיטן בויך אַראָפּ.

געטראָפן דעם ריכטיקן מענטשן וואָס האָט באַלד אָפּגעגעבן אַ חוב!

אַ צווייטער רעדנער האָט געזאָגט:

— די וועלט פאַרלירט אַ גרויסן מענטשן און זיין פרוי פאַרלירט דעם טאַטן פון אירע קינדער.

דאָס, האָב איך זיך געטראַכט, איז אַן אמת. דער רעדט ווי אַ נאַש־בראַט.

אַ באַרימטער קריטיקער האָט זיך צעיאַכמעט מיט אַן אבל־שטים:

— זיין וויץ איז געווען אָריגינאַל, זיין סטיל קלאַסיש און זיין אידיש — דער בעסטער און דער זאַפטיקסטער אין דער אידישער ליטעראַטור. די אידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן אַ סך מער ווי זיין פרוי און קינדער. זיין פרוי וועט קריגן אַן אַנדער שפּייזער, די קינדער אַ שטיף־טאַטן, אָבער מיר, די פאַרערער, די לעזער זיינע, וועלן נאָך אַזאַ סטיליסט, אַזאַ הומאָריסט ניט קריגן. ס'איז געווען אייגער, האָט אים דער טויט צוגענומען פון אונדז.

אויסגעהערט די דרשה, האָב איך זיך געוואָלט אויפהויבן און דעם דאָזיקן קריטיקער אונטערשלאָגן די אויגן, אָדער גלאַט אַזוי מאַכן אים פּאַר אַ קריפּל. אַזאַ זשוליק, האָב איך זיך געטראַכט, ערשט מיט

דריי וואָכן צוריק האָט ער מיך געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך, אַרונטערגעריסן מיינע שריפטן. געזאָגט, אַז איך בין אַ מענטש אָן אַ סטיל, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ פונק פון הומאָר; ווען ער וואָלט געווען אַ רעדאַקטאָר, וואָלט ער מיינע זאַכן ניט געדרוקט. און איצט לויבט ער מיך ביז אין הימל אַריין.

דאָס קען נאָר אַ שאַרלאַטאַן, אַ זשוליק! נאָר גיי שלאָג זיך מיט אים, אַז איך בין געשטאָרבן, אַז איך קען זיך ניט באַוועגן. און ווען איך וואָלט אפילו יאָ געלעבט, קען זיין, אַז איך וואָלט אים אויך געלאָזן פלאַפּלען. מאַכן אַ סקאַנדאַל ביי אַן אייגענער לויה, וואָלט ניט אויסגעזען שיין.

אָבער טיף אין האַרצן האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס איך וועל מער ניט דאַרפן אויסהערן זיינע לעקציעס וועגן ליטעראַטור און לייענען זיינע אָפּהאַנדלונגען אין זיין הילצערנעם אידיש, וואָס קיינער פאַר־שטייט ניט און וועט ניט פאַרשטיין.

פּטור געוואָרן פון די הספדים, האָב איך זיך פשוט מחיה געווען!

ענדלעך האָט מען מיך אַרויסגעטראָגן פון האָל, אַרויפגעטאַפּסקעט אויפן טויטן־וואָגן און „גוד באַי" און „גוד לאַק".

ביים קבר האָט מיין ווייבל בלויז איין מאָל געחלשט. איר מוטער האָט איר מער ניט געהייסן חלשן ווי איין מאָל. איין מאָל איז פּלענטי, האָט זי געזאָגט. אין צען מינוטן אַרום איז שוין אַלץ געווען אַריבער: איך בין געבליבן ליגן איינער אַליין און מיין פרוי האָט באַמערקט: „איצט וועל איך כאָטש וויסן וואו ער פאַרברענגט זיינע נעכט".

באַלד איז געוואָרן שטיל. טאַקע ווי אויף אַ בית־עולם.

איך האָב זיך געפילט זייער גוט. איצטער בין איך אויפן ריכ־טיקן אָרט, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין, דאָ וועל איך האָבן רו; דאָ וועל איך קענען אויסגלייכן די ביינער און ניט ווערן געבאַדערט פון אַלערליי נודניקעס; דאָ וועט מיך קיין אויטאָמאָביל ניט אי־בערפאָרן; דאָ וועל איך ניט דאַרפן גיין אין אידישן טעאַטער צו לאַנגווייליקע פּיעסן; דאָ וועל איך ניט האָבן קיין צייטונגען צו לעזן; נישט הערן קיין לעקטשורס וועגן נעכטיקע טעג און אויסגעבלאָזענע אייער. דאָ איז גוט, דאָ איז פיין, אָבער...

מיינע געדאַנקען זיינען איבערגעריסן געוואָרן אין דער מיט:

זאָלן אידן לאַכן

דער מלאך דומה האָט זיך באַוויזן צו מיר און מיך געפרעגט ווי איך הייס.

— קאָוונער! — האָב איך אים געזאָגט — ב. קאָוונער.

— מיר האָבן פיינט הומאָריסטן, — האָט ער געזאָגט — אונדזער־רע מתים זיינען זייער ערנסט, זיי גלייכן ניט קיין וויצן.

— נעוועהמיין, — האָב איך געענטפערט — ביי מיר וועלן זיי שוין לאַכן.

— זאָל דיר גאָט העלפן, — האָט ער געזאָגט און איז נעלם געוואָרן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פון קבר און געמאַכט אַ שפּאַציר אויף דעם עולם השקר.

די ערשטע זאַך האָב איך באַזוכט די רעדאַקציע. איך טו אַ קוק, ערשט אין מיין צימער, ביי מיין שרייב־טיש, זיצט שוין אַן אַנדער הומאָריסט.

לויף איך אַוועק צו מיינע קינדער, ערשט זיי זיינען אין מואַווינג פּיקטשורס. — אַט אַזוי טרערן זיי נאָך זייער טאַטן.

און די פרוי וואו איז? — די פרוי איז אַוועק אין טעאַטער מיט מיינעם אַ גוטן פריינט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוויינט ביי מיין לויה. צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט ער זי צוגעבראַכט צום הויז מיט אַ „טעקסי” און איז אַריין אין הויז מיט איר — —

— זשוליק! — האָב איך אַ געשריי געטאָן ניט מיט מיין קול — לאָז אָפּ מיין פרוי! ממזר, איך וועל דיר צעפּלעטשן די מאָרדע!

דאָ האָט מיך מיין ווייבל אויפגעוועקט...

נעמט זיך אַ וואַנע

דעם 15טן יולי.

אין גאַס ברענט ווי אַ קאַלך־אויוון. איך זיץ אין הויז אַ באַגאַסענער מיט שוויים; איך ווער שיר ניט דערשטיקט.

עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. באַלד רוקט זיך אריין אַ הויכער אויסגעטריקנטער איד מיט אַ טונקל־רויטער באָרד ווי זאַפּראַן, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ גרויסן וואַטערמעלאָן אונטערן אָרעם.

— איז אייער נאָמען אַזוי און אַזוי? — פרעגט ער, און ווישט זיך דעם שוויים מיט אַן אַרבל.

— יאָ, — זאָג איך — און ווער זיינט איר?

— איך בין, — זאָגט ער — אַ ליטוואַק.

— ווי רופט מען אייך?

— נח.

— פע! — זאָג איך — אַזאַ הויכער איד מיט אַזאַ קורצן נאָמען!

— סע מאַכט נישט, — באַמערקט ער — אַ סך שענער ווי צו הייסן פּנחס אָדער טאָדרעס.

אָט האָב איך אַ קאָזין, רופט מען אים זלמן דוד. איז ער אַ גאָרנישט־שבגאָרנישט; ער איז שולדיק די גאַנצע וועלט געלט און ער וויל נישט באַצאָלן; אַז איך זאָג אייך, אַז ער איז אַ גאָרנישט, מעגט איר גלויבן, כאָטש ער הייסט זלמן דוד און איך הייס נח. פונדעסטוועגן בין איך קיינעם נישט שולדיק אַ גראָשן; פאַרקערט: מען איז נאָך מיר שולדיק, כאָטש איך הייס נח. און —

שלאָג איך אים איבער אין מיטן די רייד און איך פרעג אים:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג?

— מיין פאַרלאַנג איז צו שרייען געוואַלד אין אַלע גאַסן קעגן די אידישע פּייפּערס.

— וואָס האָט איר צו די פּייפּערס? — וויל איך וויסן.

— וואָס הייסט וואָס איך האָב צו די פּייפּערס? זיי באַשווינדלען דאָך אַ וועלט מיט מענטשן! אַט האָב איך היינט געקויפט זעקס פּיי־פּערס אויף זעקסערליי סטענדס, אַכצן סענט געפּאַטערט, שטייען אין אַלע זעקס פּייפּערס די זעלבע ראָמאַנען, די זעלבע מעשיות און די זעלבע נייעס.

פרעג איך דעם אידן:

— האָט איר געקויפט זעקס באַזונדערע צייטונגען, אָדער זעקס פון די זעלבע?

— פון די זעלבע — ענטפערט דער דאַרער ליטוואַק — פון די זעלבע!

— אַלע זעקס פון זעלבן דאַטום?

— שור! וואָס בין איך עפּעס אַ גרינער?

דאָ האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגענומען אַ מעסערל פון די הויזן־קעשענע און צושניטן דעם וואַטערמעלאָן, מיך מכבד געווען מיט המוציא און געזאָגט:

— נאַט, עסט! ר'איז זיס ווי האָניק! ווייט צו זוכן אַזאַ וואַ־טערמעלאָן! אַכט און דרייסיק סענט האָב איך באַצאָלט פאַר אים!

און אַזוי רעדנדיק, האָבן מיר אַריינגעבלאָזעט כמעט אַ האַלבן וואַטערמעלאָן.

דאַן האָט דער איד גענומען די נאַסע קערלעך אין האַנט און גענומען שיסן מיט זיי איבערן צימער; מיט איין קערל האָט ער מיר שיר נישט אַן אויג אַרויסגענומען.

— מיסטער, — זאָג איך — וואָס שיסט איר עפּעס מיט די קערלעך?

— איך וויל זיך — זאָגט ער — באַקענען מיט אייך.

און בשעת מעשה פרעגט ער מיך:

— נו, מיסטער, איר נעמט אַן מיסטקרייבערס פאַר דעם בלאַט וואו איר שרייבט?

— יאָ, — זאָג איך.

האָט ער אַרויסגענומען צען טאָלער און געזאָגט:

— מיסטקרייבט מיך צוזאַמען מיט דעם... מיט דעם... ווי רופט מען עס... מיט דעם פּרעמיער...

— מען זאָגט נישט מיסטקרייבן, נאָר סובסקרייבן, — פאַרריכט איך אים — און מען זאָגט נישט פרימיער, נאָר פרעמיום.

טאָ נאַט אייך צען טאָלער און גיט מיר רעשטע.

און אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט ביי זיך קיין קליינגעלט, און וועמען צו שיקן אָפּבייטן די צען טאָלער האָב איך אויך נישט געהאַט, האָב איך געלאָזן דעם הויכן ליטוואַק אַליין אין הויז און איך בין אַרונטערגעלאָפן אָפּבייטן די צען טאָלער.

ווען איך בין אַרויפגעקומען צוריק, האָב איך קיינעם נישט געטראָפן; דער איד איז נישט געווען.

פּלוצים האָב איך דערהערט ווי אימיצער פּלושקעט זיך אין באָדרום.

איך עפן די טיר און טו אַ קוק — ערשט דער סובסקרייבער מיינער נעמט זיך אַ וואַנע; ער שווימט אַרום אין וואַסער ווי אַ פיש.

— סטייטש? וואָס איז דאָס?

— דאָס איז גאָרנישט, — זאָגט ער — איך נעם זיך אַ קאַלטע וואַנע; עס פרישט אָפּ דעם קערפּער. איר מעגט זיך אויך נעמען אַ וואַנע; ס'וועט אייך אסור שאַדן.

צווישן פאַרמערס

באקום איך א בריוול:

„מיר, די פאַרמערס פון נאפטאַליסקאַונטי, האָבן זיך אָרגאַניזירט און מיר האָבן באשלאָסן צו האָבן אַן אָוונט פון פּלעזשור. ווילן מיר איך האָבן. לאָזט אונדז וויסן אייער פּרייז. אויב עס וועט זיין ביים וועג, וועלן מיר אייך באשטעלן; טאָמער הייסט איר זיך געבן א הויכן פּרייז וועט מען זיך באדרייען אָן אייך.

„מיט אכטונג: מאַקס באַנדורע."

ענטפער איך צוריק:

„יאָ, איך נעם אָן. די פּרייז וועט זיין 30 דאָלער מיט מיינע הוצאות; ווי איר ווילט, דאָס איז פּונקט מיט 20 דאָלער ווינציקער ווי אין די גוטע צייטן.

„מיט דרך־ארץ: אייער לץ".

קריג איך אַן ענטפער:

„30 דאָלער איז פאַר אונדז א ים מיט געלט. פאַר 30 דאָלער קאָנען מיר קריגן 6 גוטע קעלבלעך; פאַר 30 דאָלער קאָנען מיר קריגן 200 קליינע טשיקענדלעך; פאַר 30 דאָלער קאָנען מיר קריגן א גוטע בהמה וואָס זאָל אונדז געבן 30 קוואָרט מילך א טאָג.

„אויב איר ווילט א צענערל איז גוט, טאָמער ניט, איז ניט.

„דער זעלבער באַנדורע".

ענטפער איך צוריק:

„איך וועל נעמען א צענערל, אָבער פאַר'ן אהיימפאָרן וועט איר מיר מוזן מיטגעבן עפּעס פון אייערע פאַרמערשע פּראָדוקטן, וואָס איר דאַרפט ניט קויפן פאַר געלט. זייט איר צופרידן? אויב יאָ לאָזט מיר וויסן.

אייער לץ".

קריג איך אַן ענטפער:

„מיר זיינען צופרידן; קומט ארויס נעקסטן מיטוואָך נאָכמיטאָג

מיט דער פיר אַזייגער טריין, איך און מיין ווייב וועלן אייך אָפּוואַרטן ביים סטיישן מיט אונדזער מאַשינקע.

„דער זעלבער באַנדורע".

און אַט קומט שוין אַריין די טריין אין סטיישן. איך בין מיד, צובראָכן, אויסגעהונגערט, איינגעשמירט אין סאַזשע ווי גרויס איך בין — אַ קוימענקערער.

די טריין שטעלט זיך אָפּ. איך גיי אַרונטער אַ פאַרשוויצטער, דריי דעם קאָפּ פון אַלע זייטן; מען באַפאַלט מיך מיט קולות: „מיסטער, מיסטער, קומט צו אונדז; ביי אונדז איז כשר, ביי אונדז איז ריין און ביליג!" און איינער רייסט מיך פאַר אַ האַנט, אַ צווייטער פאַר'ן קאָלנער און אַ דריטער שלעפּט מיין סעטשל.

איך שריי מיט קולות:

„לאָזט מיך אָפּ! איך בין אַהער געקומען בלויז אויף היינט אָוונט. איך בין אַ שרייבער, אַ הומאָריסט, איך זוך מיסטער מאַקס באַנדורע. ער דאַרף מיך דאָ אָפּוואַרטן!"

ווערט אַ געוואַלד פון עטלעכע פאַרמערס מיטאַמאָל:

„באַנדורע! באַנדורע! אָט איז דער לאַפּאַצאַן! אָט איז ער, אָט שטייט ער!"

עס באַווייזט זיך אַ קוויטיק מענטשל, אַ נידעריקס, אַ פּעטס, מיט אַן אָפּגעברענט פּנים, מיט בלאָטע אויפן האַלדז, אין שווערע שיך און שטעלט זיך אַליין פאָר: „איך בין דאָס באַנדורע".

און ער טוט מיך אַ שלעפּ פאַר'ן האַנד:

„קומט, די צייט שטייט ניט! איך האָב נאָך צו פאַרזאָרגן אַסאַך זאַכן".

און אָט זיץ איך שוין אויף אַן אַלטן „פעָרד", צווישן צוויי קאַנען מיט מילך און אַ שטייג מיט הינער. די צוויי קאַנען מילך וואַרפן זיך און די הינער קוואַקען און מאַכן מיך טויב.

„זייט אַזוי גוט און האַלט צו די קאַנען מילך. זיי פאַרטומלען די אויערן. איך הער ניט אַ וואָרט וואָס איר רעדט! האַ? איר ווילט וויסן וואו מיין פרוי איז? אין בעט איז זי; פּונקט היינטיקע נאַכט האָט זיך איר פאַרגלוסט געלעגן צו ווערן, אַ מיידעלע האָט זי מיר גע־ האַט, פּונקט איצט, ווען איך דאַרף האָבן איר אַרבעט; ווען מען דאַרף אַטענדן די רומערקעס. דאָס איז מיין פּרנסה. זיי קאָכן זיך

אַליין. איך דאַרף זיי פאַרזאָרגן מיט אַלע עסענס און מיט אייז און מיט קעראָסין. זייט אַזוי גוט און האַלט צו דעם קאָווער פון שטייג, די הינער וועלן נאָך אַרויס, אָט אַזוי".

זיץ איך אין דעם פּאָרד'ל און מיט איין האַנט האַלט איך צו די צוויי קאַנען מיט מילך, זיי זאָלן ניט בראַזגען און קלאַפּן, און מיט דער צווייטער האַלט איך צו די דעק פון שטייג, די עופות זאָלן ניט אַנטלויפן.

און בשעת מעשה טראַכט איך: אַך, ווען מיינע פריינד זאָלן מיך איצטער זען ווי איך קוק אויס!

און אָט בין איך שוין אין האָל. די האָל איז קליין, ענג, נידעריק און ניט זייער ריין, די בענקלעך צובראָכן.

פאַרמערס און פאַרמערקעס, רומערס און רומערקעס, און קינדער פון אַלערליי עלטער, אפילו זויג־קינדער.

אָט דאָס איז מיין עולם. פאַר זיי דאַרף איך היינט באַווייזן מיין ביסל טאַלאַנט. זיי דאַרף איך דאָס מאַכן צום לאַכן, ווי איז צו מיר!

אַרום 10 אַזייגער הוסט זיך אויס מיסטער באַנדורע און ער שטעלט מיך פאָר:

„איך האָב דעם פּלעזשור פאָרצושטעלן פאַר אייך אַ גרויסן קאָ־מיקער; דאָס וואָס טשאַרלי טשאַפּלין איז פאַר די מואַווים, איז ער פאַר די אידישע פּייפּערס; הי איז ווערי פאַני, ע ריעל קאָמידיען! זאָל זיין שטיל! און די פרויען, וואָס זויגן קינדער וויל איך בעטן, אַז זיי זאָלן פאַרדעקן זייערע בריסט".

שטעל איך זיך אוועק מיט מיין ביכל אין האַנט, און איך נעם לעזן איין מעשה נאָך דער צווייטער, אָבער מען לאַכט נישט.

פאַרטיק געוואָרן, קומט צו דער מיסטער באַנדורע און שטופּט מיר אַריין אין האַנט די צען טאַלער, און ער דריקט מיר די האַנט.

„עס איז געווען אויסגעצייכנט! אַלע זיינען צופרידן".

„פאַרוואָס־זשע האָט קיינער נישט געלאַכט," פרעג איך.

„זיי האָבן זיך געשעמט צו לאַכן פאַר אייך. זיי האָבן געדענקט, אַז איר וועט זיך געפינען באַליידיקט. האָבן זיי זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו לאַכן. איצט, אַז איר וועט אַהיימפאָרן, וועלן זיי לאַכן".

ב. קאָווגער

פאַרן אהיימפאָרן האָבן מיר די פאַרמערס געבראַכט צושלעפּן פון כל טוב: אייער, עופות, קעז, סמעטענע, סוויט־קאָרן, קאַרטאָפּעל, ציבעלעס, האָניק און א גרויסן בוקעט מיט בלומען.

איך האָב געמוזט דינגען א מאַשין אהיימצופירן די אַלע זאַכן.

ביים געזעגענען זיך מיט די פאַרמערס, האָט מיר איינער דער־לאַנגט א זעץ איבער דער פּלייצע און אויסגערופן:

„נאָך לעיבאָר דעי ברענג איך אייך א קעלבל א מתנה. גיט מיר אייער דרעקשן!"

איך האָב אים געהייסן צושיקן דאָס קעלבל אין דער רעדאַקציע, זאָלן מיינע קאָלעגן זען וואָס פאַר א הייסע פּאַטריאָטן איך האָב!

לעצטע ווערטער פאַרן טויט

איך האָב געלייענט אין א צייטונג אן ארטיקל פון א גרויסן שרייבער וואָס נעמט, נישט ווינציקער ווי א טולער פאר א וואָרט.

דאָס ארטיקל האָט פארמאָגט 4 טויזנט מיט הונדערט ווערטער.

הייסט עס, אז דער שרייבער האָט באקומען ניט קיין סך: 4 טויזנט מיט 3 הונדערט טולער מזומנ'ע געלט פאר איין ארטיקל.

האָב איך געטראַכט:

ווי גוט ס'איז צו זיין א גרויסער שרייבער אין ענגליש; ענגליש באצאָלט זיך!

אדלער — גאָלי 17 17

ווען מיין רעדאַקטאָר זאָל מיר צאָלן אזא פרייז פאר מיינע שטי־פערייען, און ווערליק איך שרייב 5 מעשה'לעך יעדע וואָך, וואָלט איך פארדינט ארום 16 טויזנט טולער וואָך־איין, וואָך־אויס.

16 טויזנט טולער א וואָך פאר א נאַש בראָט וואָלט געווען ניש־קשה.

וואָס איך וואָלט געטאָן מיטן געלט?

דאָס לאָזט איבער פאר מיר.

איך וואָלט פון די 16 טויזנט טולער ארונטערגענומען 3 הונדערט טולער א וואָך פאר זיך אין קעשענע, 2 הונדערט טולער פאר מיין פרוי, און 15 טויזנט מיט 5 הונדערט טולער וואָלט איך יעדע וואָך אריינגעטראָגן אין באַנק און — זאָל עס דאָרט ליגן.

שטעלט זיך פאר: איך האָב אין באַנק א צוויי, אָדער דריי מאָל הונדערט טויזנט טולער, און ס'ברעכט אויס א קלאָקמאַכער סטרייק, אָדער אן אנדער סטרייק, מען דארף האָבן נויטיק א פאָר טולער פאר די הונגעריקע סטרייקערס, גיי איך און נעם ארויס דאָס גאַנצע געלט און גיב עס אוועק פארן סטרייק.

איך וואָלט זיך א סענט נישט געלאָזן, ווי איך בין א גאַליציאַנער.

וואָס טויג מיר געלט, אז יעדע וואָך קריג איך אריין נייע 16 טויזנט טולער?

איצטער, מיינע ליבע, מיינע טײַערע, אַז איך האָב שוין אויס־געטיילט אַלע מיינע געלדער, ווילן מיר אייך דערציילן, פאַרוואָס דער גרויסער ענגלישער שרייבער קריגט אַ טולער אַ וואָרט, ווען איר ערשט באַגרייפן וואָס די ענגלישע ליטעראַטור איז.

דער שרייבער שרייבט נישט, חלילה, קיין פּאָעזיע, קיין עדיטאָ־ריעלס, קיין ראָמאַנען, קיין דערציילונגען, קיין הומאָר, קיין פעליטאָנען — ער גיט בלויז איבער די לעצטע ווערטער וואָס באַרימטע מענשן האָבן אַרויסגערעדט איידער זיי זיינען געשטאָרבן; פאַרן טויט, הייסט עס.

די וועלט דאַרף עס נויטיק ווּיסן; אָן די לעצטע ווערטער קען די וועלט נישט לעבן.

צום ביישפּיל: דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס לעצטע ווערטער זיינען געווען ווי אַזוי מען זאָל אים באַערדיקן:

„מאַכט מיר אַ שטילע לויה" — האָט ער געזאָגט — און איז געשטאָרבן.

ווען דער גרויסער פילאָזאָף צימבל, האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער אַרויסגערעדט סך הכל 5 ווערטער: „איך פייף אויף דער וועלט".

האָט אים זיינער אַ קאָלעגע, אויך אַ פילאָזאָף, געוואָלט זאָגן: אַז די וועלט פייפט אויף אים אויך, איז שוין געווען צו שפּעט; דער פילאָזאָף איז שוין געווען קאַלט ווי אייז.

און צו קאַלטע פילאָזאָפן קען מען נישט רעדן; זיי הערן נישט און פאַרשטייען נישט.

דער באַרימטער פראַנצויזישער קעניג, לואי דער 14טער, האָט אין דער לעצטער מינוט פאַר זיין טויט אויסגערעדט די ווערטער:

„שטאַרבן איז נישט קיין גרינגע זאַך; עס קומט אָן מיטן טויט."

נישט מער ווי 11 ווערטער, אָבער ווי שאַרף זיי זיינען; אמת'ע חלפים; בריטוועס; שפּיזן!

דער באַרימטער דאָקטאָר וועלוול טשיפּיק, האָט געזאָגט פאַרן טויט:

„אַ העלפט פון אַלע בית עולם'ס וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, זיינען פאַרנומען מיט מיינע מתים."

געטהע'ס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „מער ליכט, מער ליכט."

שילער, דער גרויסער דייטשישער דיכטער, האָט געזאָגט אַ מינוט פאַרן טויט:

„איצט הויב איך ערשט אָן אַ סך זאַכן צו פאַרשטיין."

אָט, פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן צאָלט מען דעם ענגלישן שרייבער אַ טולער אַ וואָרט.

און אָט האָב איך אויך צונויפגעזאַמלט לעצטע ווערטער, וואָס גרויסע אידן און אידישע שרייבער און מיינע קלוגע לאַנדסלייט האָבן ארויסגערעדט אויף זייער טויטן־בעט און — גאָרנישט; איך בין זיכער, אַז קיין צייטונג וועט עס אפילו ניט וועלן דרוקן; און אויב יאָ, וועל איך נאָך דאַנקען גאָט, אַז דער רעדאַקטאָר וועט זיך נישט הייסן צוצאָלן.

ס'טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן.

נאָר לאָמיר צוטרעטן צו דער ארבעט; צו די לעצטע ווערטער פון מיינע באַקאַנטע.

מיינער אַ קאָלעגע, אַ דיכטער, האָט פאַרן טויט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף זיין שוויגער און ארויסגערעדט סך הכל דריי ווערטער: „טרייבט זי ארויס."

אַ ראָמאַנען שרייבער פון אַ אידישער צייטונג האָט אַ מינוט פאַרן טויט, אַן עפן געטאָן פריער דאָס רעכטע אויג, דערנאָך דאָס לינקע, אויסגעצויגן די פיס און אַ זאָג געטאָן: „פאָרטזעצונג פאָלגט"...

אַ מאָדערנער דיכטער האָט אויפן טויטן־בעט זיך געהייסן צו־פירן אַ מיידל, האָט ער זי ארומגענומען, איר אַ קוש געטאָן, און ארויסגערעדט:

„ווען דער רעדאַקטאָר ווארפט מיך נישט ארונטער פון אַלע שטיגן, וואָלט איך נאָך אפשר געלעבט; ער, דער ממזר, האָט מיך דער'הרג'עט."

דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן בײדע פיס און אויס.

אַ גרויסער אידישער שוישפּילער האָט פאַרן טויט ארויסגערעדט עטלעכע ווערטער, אָבער זייער אינטערעסאַנטע און אמת'ע:

„דאָס גאַנצע לעבן מיינס איז באַשטאַנען אין מאַכן בולבעס.

איך האָב אָפּגעלעבט אַ בולבענעם לעבן, סיי אַליין און סיי מיט מיינע ווייבער".

גאָלדענע ווערטער!

אַ באַרימטער חזן האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער:

„די וועלט באַשטייט פון פאַלשע טענער, פּאַסקודנע באַאַמטע און גרילצנדיקע קולות."

נאָך אַ גרויסער חזן האָט געזאָגט:

„צעברעכט אַלע מיינע רעקאָרדס."

און אַ דריטער חזן האָט, אַ סעקונדע פאַרן טויט, אַ זאָג געטאָן:

„אַט איצט וואָלט איך ערשט געוואָלט אָננעמען אַ לייטישע שטעלע."

מיינער אַ פעטער, ירוחים סענדער, האָט פאַרן טויט אַ פרעג געטאָן ביי מיר:

„וואו נעמט מען אויף שבת?" — און ער איז באַלד אויסגע־גאַנגען.

און ווען איך זאָג: „אויסגעגאַנגען", מיין איך נישט, אַז ער איז, חלילה, אויסגעגאַנגען מיט אַן אשת איש, אָדער שמונה עשרה — ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

נאָך אַ פעטער מיינער, וואָס איז געשטאָרבן אין אַ סאַניטאַריום, האָט פאַרן טויט אַ זאָג געטאָן צום הויפּט־דאָקטאָר:

„מיין ווייב'ס אַרבעט וועט איר שוין קיינמאָל נישט פאַרריכטן; זי איז געווען מיין מלאך המות."

און מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ פּרעסער, האָט אַ מינוט פאַרן טויט אַרויסגערעדט 5 ווערטער:

„ס'וועט זיך מער נישט אויספּרעסן."

מיינע אַ לאַנדסמיידל האָט, אויפן טויטן־בעט, אַ זיפץ געטאָן און אַרויסגערעדט: „בעני האָט מיך חתונה געמאַכט."

און אַזוי ווי זי איז באַלד געשטאָרבן, ווייסט מען נישט וואָס זי האָט געמיינט.

הקיצור: איך וואָלט אייך געקענט צונויפשטעלן טויזנטער אַזעלכע „לעצטע ווערטער", ווען מען זאָל מיר צאָלן אַזאַ פּרייז ווי מען צאָלט דעם ענגלישן שרייבער.

פון לאָנג ברענטש

(אַ בריוול פון די בריוולעך)

טייערער חבר און קאָלעגע: —

איך האָב ניט געהאַט וואָס צו טאָן, בין איך אַוועק אין לאָנג ברענטש צום ים. ניט אַליין, מיט מיין ווייבל.

אריינגעפאַלן זיינען מיר צו אַ באַקאַנטן, אַן אַנאַרכיסט; ער איז דאָס דער באַלעבאָס פון האָטעל. דער האָטעל שטייט מיטן פּנים צום ים און הערט זיך צו צו דעם אייביקן גערויש.

דער באַלעבאָס איז שוין אין די האָטעל ביזנעס אַ שיינע ביסל יאָרן. און וואָס לענגער ער איז אין די ביזנעס, אַלץ אַ גרעסערער אָרימאַן איז ער.

מיר דאַכט זיך, אַז צווישן אַלע קבצנים, וואָס איך קען, (און קענען קען איך זיי אין די טויזנטער), איז ער דער גרעסטער קבצן.

אויף אים גייט טאַקע אַרום דאָס באַרימטע ווערטל: טאָמער וויל ער אַמאָל אָפּבייטן פינף טאָלער, האָט ער נישט די פינף טאָלער, וואָס ער וויל אָפּבייטן.

און ווי אָרים ער איז, האָט ער פונדעסטוועגן אַ ווייבל מיט אַ שיינער טאָכטער.

דאָס גאַנצע ווייבל וועגט נישט מער ווי אַ הונדערט פונט (שוין אין די קליידער), און מאָגער איז זי, אַז מען מוז אויף איר קוקן פיר מאָל, ביז מען דערזעט איר איינמאָל, אָבער האָרעווען, האָרעוועט זי, ווי זי וואָלט געוואויגן 165 פונט. אַלע וואונדערן זיך, וואו עס נעמט זיך צו אַ ווייבל אַזויפיל כח.

לצים זאָגן, אַז זי וועט אַמאָל אריינפאַלן אין אַ טאָפּ מיט זופּ און מען וועט אפילו ניט וויסן, וואו איר געביין איז אהינגעקומען.

נאָר מאַלע, וואָס לצים זאָגן!

וואָס זשע טוט ער, דער מאַן אירער, דער אַנאַרכיסט? ער דרייט זיך אַרום נישט קיין אָפּגעשייוועטער, קוקט אויפן ים, זוכט אַ גמילות

חסד, שפּילט פּינאָקל, רויכערט סיגאַרעטלעך, לייענט קראָפּאָטקינס שריפטן, קריטיקירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פייפט אויף די קאָמוּניסטן מיט סטאַלינען אינאיינעם און ער קויפט איין פאַר זיין האָטעלכל, וואָס מען דאַרף: ברויט, סמעטענע, פליש, פיש, לאַקס, סאַרדינס און אַנדערע זאַכן.

טייערער חבר!

מיין נישט, אַז ער גייט צופוס איינקויפן אַט די אַלע אכילות; עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! ער פאָרט; און דווקא מיט אַ מאַשינקע, מיט אַ שברי־לב'קע. איז דאָס שוין איינמאָל אַ מאַשינקע! מילא, אַלט איז זי שוין מער ווי אַ אידישע פּרימאַדאָנאַ. עס איז אַ סברה, אַז קאָלאָמבוס האָט זי אַמאָל אָפּגעקויפט ביי די ווילדע אינדיאַנער, און די אינדיאַנער אַליין האָבן זי שוין געקויפט אַן אַלטע.

די מאַשינקע האָט אַלץ, וואָס מען דאַרף, נאָר נישט קיין „טאַיערס", נישט קיין „האָרן", נישט קיין „ברעיקס", נישט קיין „קלאָטש", נישט קיין „סטאַרטער", נישט קיין לאַיטס", און דער אינדזשען איז עפּעס אויך נישט מיט אַלעמען...

דער אינדזשען וואָלט אייך געמאַכט אַ באַנקעט ווען איר זאָלט אים מער ניט יוזן.

אָבער דער אַנאַרכיסט האַלט פון דער טעאָריע: אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט מוז אַרבעטן. ווער עס אַרבעט ניט, האָט ניט קיין רעכט צו לעבן.

טענהט ער טאַקע צו דער אַלטער טראַנטע: ווילסט אויל, ווילסט געזאָלין, ווילסט וואַסער? אַרבעט! פאָר! שלעפּ זיך אַרום מיט מיר וואו מען דאַרף.

האָט דאָס מאַשינקעלע ניט קיין ברירה און עס קריכט! נאָר אַזוי ווי עס האָט נעבעך נישט קיין כח, צוליב אַלטקייט, שטייט עס מער ווי עס שלעפּט.

איינמאָל, נאָכן אָנבייסן, זאָגט צו מיר דער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער מאַשינקע:

— געגאָסע קאָוונער, איך פאָר איצט אַריין אין שטעטל איינקויפן. אויב איר ווילט, פאָרט מיט, וועט איר אָנקוקן אונדזער מדינה און איר וועט דערוויל כאַפּן אַ „ראַיד". מיין טאָכטער פאָרט אויך.

טראַכט איך: וואָס קען איך דאָ פאַרלירן? כ'על פאָרן.

זעע איך זיך אוועק לעבן דעם באַלעבאָס און איך זיץ. אָבער עס נעמט נישט קיין סוף צו מיין זיצן! וואָס איז? גאָרנישט! דער „סטאַרטער" וויל נישט סטאַרטן. די מאַשינקע וויל זיך נית רירן פון אָרט.

דאַרף מען זי, הייסט עס, אָנקרענקען; אָנציען מיט אַזאַ שליסל, אפשר, אפשר וועט דאָס העלפן.

נעמט דער באַלעבאָס „קרענקען"... „קרענקט" ער און „קרענקט" און עס נעמט גאָר ניט קיין סוף צו זיין „קרענקען".

רופט ער אַרויס דעם פּאָלאַק, וואָס אַרבעט ביי אים אין קיך. נעמט דער פּאָלאַק „קרענקען".

העלפט עס אויך נישט! רופט ער אַ שכן.

„קרענקט" דער שכן אויך.

„קרענקען" אַלע! אַלע דרייען מיטן הענטל, אַלע שוויצן, אַלע קרעכצען.

און דאָס מאַשינדל טראַכט זיך: „קרענקט", „קרענקט" חברה, איך וועל זיך פון אייער „קרענקען" ניט אָנשטעקן!

דערווייל זיצן מיר, איך און זיין טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, אויף דער מאַשין און די זון באַקט אָן רחמנות.

שאַ, דאָס „קרענקען" האָט געהאָלפן! גיט נישט קיין עין־הרע, דאָס מאַשינקעלע נעמט זיך וואַרפן, טרייסלען, ווי עס וואָלט געהאַט אַ שטאַרקן פיבער, און עס מאַכט קולות און געוואַלדן, און עס גיט אַרויס פון זיך אַ שטיקענדן גאַז. דער באַלעבאָס נעמט דאָס רעדל אין האַנט און מיר לאָזן זיך אוועק אין שטעטל.

דאָס מאַשינדל פאַרטומלט אַלע קולות פון גאַס און דער גערויש פון דעם ים און פון אַלע ראַדיאָס.

מיר וואַנדערן זיך: וואו עס נעמט זיך צו אַזאַ אַלט, קראַנק מאַשינדל אַזויפיל כח צו שרייען.

און עפּעס גייט עס אָן אַ זייט... און עפּעס גיט עס זיך אַלע ווײַלע אַ הויב אין דער לופטן.

און אָט זיינען מיר שוין, אַ דאַנקען גאָט, אין רעכטן ביזנעס־סעקשאָן... מאַשינען פון ביידע זייטן גאַס. מאַשינען אין דער מיט, איין לאַין אַהער, איינע אַהין; איינע הינטער דער אַנדערער און פלו־צים — באַץ! אונדזער מאַשינדל בלייבט ווי געפּלעפט — עס וויל מער

ניִשט גיין. נעמען דאָך אַלע מאַשינען פון הינטן פייפן, טרובען, די באַלעבאַטים פון די מאַשינען שרייען, זידלען, סטייטש, ווי יואָגט עס אַזאַ טראַנטע, אַזאַ גאָרנישט, אָפּצוהאַלטן אַ שטאָט מיט גרויסע, טייערע מאַשינען? „פּאַקערדס", „קעדעלאַקס", „לאַסאַלס", „ראָזדראָי־סעס", דאָס איז דאָך אַ געוואַלדיקע חוצפּה!

ווערט די טאָכטער נערוועז. שרייט דער טאַטע:

— הער אויף, אַז ניט וואַרף איך דיך אַרויס דורכן פענצטער!

ענטפערט די טאָכטער:

— וואַרף בעסער אַרויס דיין טראַנטע!

שריי איך:

— מען דאַרף אייך ביידן אַרויסוואַרפן!

און די לאַין פון די קאַרס, הינטער אונדז, ווערט גרעסער און גרעסער. און אַלע טרובען, אַלע טומלען, און אונדזער מאַשינקע לאַכט זיך אויס פון גאַנץ אַמעריקע, ווי זי וואָלט זאָגן:

— טרובעט פון היינט ביז מאָרגן, איר מעגט אַפילו צעזעצט ווערן טרובענדיק, וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט; אַמעריקע איז אַ פרייע מדינה, אַז מען וויל שטיין, שטייט מען!

אָבער די מאַשינען הינטער אונדז טוען זיך זייערס: זיי טרו־בען! און אָט באַווייזן זיך אַ פּאָר בלויע רעק; געזונטע איירישע פּאָליסלייט און זיי נעמען סטראַשען: אויב מיר וועלן נישט דורכ־לאָזן די אַלע מאַשינען, וועט מען אונדז געבן אַ טיקעט, און דער עסק וועט אונדז קאָסטן 25 דאָלער, קעש — טשעקס וועט מען נישט נעמען.

האָבן מיר גאַנץ פריינטלעך געענטפערט די פּאָליסלייט: אַז וועגן געלט וועט קיין מניעה ניט זיין; מיר האָבן פּלענטע געלט — אַ סימן — אַז מיר פאָרן אין אַזאַ טייערער קאַר.

זעענדיק, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי גרינהאָרנס, מיט קאַלטע לונג און לעבערס, האָבן זיי אַליין אונטערגעשפּאַרט זייערע געזונטע אַקסלען און גענומען צושטופּן אונדזער קאַר צום סיידוואָק.

מיר זיינען געזעסן ווי די גראַפן אין דער קאַר, און די געזונטע פּאָליסלייט האָבן אונדז געשטופּט. עס איז אונדז ממש צוגעקומען אַ שטיק געזונט, זעענדיק ווי די איירישע פּאָליסלייט מאַטערן זיך און באַגיסן זיך מיט אַ שוויים!

זאָלן אידן לאַכן

מיר האָבן שוין געוואָלט אַרויסקריכן פון קאַר און זיי העלפן, אָבער די טירלעך זיינען געוועזן פאַרהאַקט; מען האָט זיי נישט געקענט עפענען: פון די אמתע טירלעך! זיינען מיר דאָך אָבער מענטשן מיט שכל, נישט קיין פּאָליסלייט, גיבן מיר זיך אַן עצה:

מיר האָבן אויסגעהאַקט אַ שויב און מיר זיינען אַלע דריי אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט — און — באַלד נעלם געוואָרן.

וואָס מיט דער קאַר איז געוואָרן, ווייסן מיר נישט און מיר ווילן ניט וויסן. נאָר מיר שטעלן זיך פאָר, אַז זי געפינט זיך ערגעץ אין אַ מוזעאום און מענטשן צאָלן 50 סענטיקעס צו כאַפּן אַ קוק אויף איר . . . און אפשר שטייט זי נאָך דאָרט לעבן סיידוואָק און די צוויי נאַרישע פּאָליסלייט היטן זי מען זאָל זי חלילה נישט צו־גנבענען?

אין אַ זומער־האָטעל

(דערציילט פון אַן עלטערן אידן)

אין האָטעל איז געווען ענג, האָט דער האָטעל־קיפּער אריינגע־געבן אין מיין צימער נאָך א אידן, א מענטשן פון א יאָר פינף און פופציק.

ער, אין איין בעטל און איך — אין צווייטן. ביידע בעטלעך אייזערנע, הארטע ווי שטיינער, און ביידע סקריפּענדיקע, שרייענדיקע.

דאָס זיינען גיכער געווען צוויי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן איי־דער בעטלעך, צוויי טשעלאָס.

נישט נאָר האָבן זיי געסקריפּעט ווען מען איז געלעגן אין זיי, נאָר אפילו ווען מען האָט געקוקט אויף זיי.

ליג איך די ערשטע נאַכט אין דעם בעטל און איך חלש שלאָפן. דער איד אָבער אין צווייטן בעטל איז אַן אויסגעשלאָפענער, אַרט אים ניט וואָס איך וויל שלאָפן.

פאַרפירט ער מיט מיר א שמועס און דאָס עלעקטרישע ליכטל ברענט מיר אוים די אויגן, איך ווער ממש בלינד.

— אפשר וואָלט איר גערעדט צו מיר אין דער פינצטער? — בעט איך זיך ביי מיין אידן וואָס הערט נישט אויף צו רעדן און צו הוסטן.

— איך האָב פיינט צו רעדן אין דער פינצטער — זאָגט דער איד — עפּעס קומען ביי מיר די ווערטער ארויס נישט גלאַטיק. ליכט איז זייער א גוטע זאַך; דאָס ערשטע וואָרט, וואָס גאָט האָט ארויסגעלאָזט פון זיין מויל, איז געווען „יהי אור!" עס זאָל זיין ליכטיק; איז גלייכער, אַז דאָס ליכט זאָל ברענען. אָט דאָס, וואָס איר ווילט שלאָפן, איז בלאָטע. איר וועט זיך שוין אויסשלאָפן. לאָמיר זיך אביסל דורכרעדן. און ער פרעגט:

— פון וואַנען איז א איד?

— פון פּעטערסאָן.

זאָלן אידן לאַכן

— וואָס איז אייער ביזנעס?

— איך אַרבעט ביי אַ זון. דער זון האָט אַ פּאָר הייזער, בין איך דער דזשעניטאָר, דער פּלאָמבער, דער עלעקטרישען, דער קאָ־לעקטאָר און דער סטים־מאַכער. אַלץ בין איך ביי מיין זון, אפילו אַ טאַטע!

— און וואָס הערט זיך מכח'ן געזונט? — וויל ער וויסן.

— אַזוי זיך.

— שעמט זיך נישט, זאָגט מיר דעם אמת, וועל איך אייך אויך זאָגן דעם אמת וועגן מיר.

— איך האָב זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן — זאָג איך.

— ווערליק אייער קול, דאַרפט איר האָבן אַ שלאָף האַרץ — זאָגט ער.

— איך האָב דוקא אַ געזונט האַרץ — זאָג איך.

— איר שעמט זיך אויסצוזאָגן. איך קען אייך שווערן, אַז איר האָט אַ שלאָף האַרץ, איר כריפּעט.

— איך האָב נישט קיין שלאָף האַרץ — זאָג איך, — קיינמאָל נישט געהאַט.

— האָט איר צרות מיטן מאָגן?

— אויך נישט. מיין מאָגן איז אויך אַ גוטער. ער באַדערט נישט.

— ער באַדערט יאָ, נאָר איר שעמט זיך אויסצוזאָגן.

— איך שעם זיך נישט.

— איר שעמט זיך יאָ!

— מיסטער, טוט מיר אַ טובה און באַדערט נישט! איך האָב שוין דריי נעכט נישט געשלאָפן.

— דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז איר זיינט נישט קיין געזונטער מענטש.

— איך וואָלט געווען פּאָלקאָם געזונט ווען איר זאָלט מיר לאָזן שלאָפן.

— ווידער שלאָפן? מען הערט נישט מער ווי שלאָפן און שלאָפן! נעמט אָט מיך, וויל איך נישט שלאָפן... זאָגט מיר, איך בעט אייך, אפשר האָבן אייך אייערע געשעפטן אַזוי מיד געמאַכט?

— איך האָב נישט קיין געשעפטן.

— איר האָט דאָך געשעפּטן מיט אייער זונס הייזער.

— מיסטער, פּליעז, לאָזט מיר פאַרמאַכן די אויגן. מאָרגן וועלן מיר זיך צונויפרעדן; מאָרגן פאַרמיטאָג, נאָכמיטאָג, אין אָוונט.

— קיינער איז נישט זיכער מיטן מאָרגן: נישט איך, נישט איר. אַט איז מען דאָ און אַט איז מען דאָרט...

— פּליעז, מיסטער!

— איז דאָס אמת וואָס דער וועיטער זאָגט וועגן אייך?

— וואָס זאָגט ער וועגן מיר?

— ער זאָגט אַז איר לײַדט פון רומאַטעס. ער קען אייך, זאָגט ער, נאָך פון פאַראַיאָרן.

— ווייסיך־וואָס!

— שעמט זיך נישט ,מיסטער, מיר קענט איר זאָגן דעם אמת, מחמת איך אַליין לייד אויך פון רומאַטעס.

— איר, אפשר יאָ, אָבער איך נישט. הלואי ווייטער.

— איר וועט מיך נישט איינשמועסן אַזאַ זאַך. אייערע הענט ווייזן מיר, אַז דער וועיטער האָט רעכט. יעס, איר האָט רומאַטעס.

— מיסטער, לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיר שלאָפן. עס איז שוין אַרום צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט.

— עס איז נאָך נישט קיין צוויי אַזייגער, עס פעלט נאָך אויס צוויי מינוט. אין די זאַכן בין איך זייער פּינקטלעך. צוויי מינוטן איז אַ סך. שטעלט זיך פאָר, ווען איר קומט אָן מיט צוויי מינוט שפּעט צום טרעין.

— מיסטער, איך בעט אייך, לאָזט מיך שלאָפן.

— איך האָב פיינט אַ מענטשן וואָס האָט נאָר אין זינען שלאָפן, וואָס וויל יענעם פאַררעדן די ציינער. אַז דער וועיטער זאָגט אַז איר האָט רומאַטעס, זאָגט איר אַנדערש. צוליב אַזאַ קלייניקייט ווילט איר, אַז דער וועיטער זאָל בלייבן אַ ליגנער? שאַ, אַט רעגנט שוין. — איר הערט ווי די רעגן־טראָפּנס קלאַפּן אין דאַך? מאָרגן וועט שוין זיין נאַס, און אַ נאַסער וועטער איז פאַר רומאַטעס זייער נישט גוט — אַ מלאך המות!

— פּליעז, מיסטער, די אויגן פאַרמאַכן זיך מיר, לעשט אויס דאָס ליכט.

— זאָל גאָט היטן! — אז אַ מענטש פאַרמאַכט די אויגן, איז ער מער אויף יענער וועלט ווי אויף דער. יאָ רומאַטעם איז זייער נישט גוט. און אויב מען האָט שוין יאָ רומאַטעם, דאַרפן די וועטערן זיין טרוקענע, וואַרימע, אַ סך זונשיין. האַ, איר האַלט זיך נאָך אַלץ ביי אייערס? איר האָט נישט קיין רומאַטעם? אויב נישט קיין רו־מאַטעם, האָט איר זיכער „נוראַלעדזשיע". דאָס איז אַ מאָדנע קראַנק־הייט. זי איז געגליכן צו אַמעריקאַנער מיידלעך: נאָר זיי לויפן אַרום; אָט זיינען זיי דאָ, אָט זיינען זיי דאָרטן. וואו מען זייט זיי נישט, וואַקסן זיי אויס. אַ לויפנדיקע חולאת . . .

— איך האָב נישט קיין נוראַלעדזשיע! — שריי איך שוין אויף דעם אידן, — וואָס ווילט איר מיר איינשמועסן נוראַלעדזשיע?

— איך פאַרשטיי אייך נישט, מיסטער, וואָס דאַרפט איר באַ־האַלטן פאַר מיר דעם אמת? גיט צו אַז איר האָט נוראַלעדזשיע און פּטור, וועל איך אייך נישט באַדערן.

— אָלראַיט, איך גיב צו.

— אויב אַזוי, זיינט איר אַ פיינער מענטש. אָבער ווייסט איר פון וואָס דאָס קומט? דאָס קומט פון די היגע וועטערס. די ערגסטע וועטערס האָט אַמעריקע, און קיינער טוט גאָרנישט צו דעם. די סי־טיזענס שווייגן און וואַשינגטאָן מישט זיך אויך נישט אַריין. דער־ווייל ווערן מענטשן קראַנק.

איך בין איינגעשלאָפן...

אַ בכבודע פרנסה...

געטראָפן האָב איך אים אין מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ, דעם לאַנדסמאַן מיינעם, וואָס מען רופט אים מנשה חיים.

ער איז געווען אויסגעמאָגערט, אויסגעמוטשעט, פאַרברענט פון דער זון, אָבער פריילעך.

נאָר ער האָט זיך געוויצלט, נאָר ער האָט געלאַכט און, לאַכנדיק, האָט ער דערווייל אונטערגעטאַנצט.

— ווי עס ווייזט אויס גייט עס דיר דאָ, אין מיאַמי, זייער גוט, וואָס דו ביזט אַזוי פריילעך.

— איך קען זיך נישט באַקלאָגן. הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן!

— וואָס טוסטו?

— אַז איך וועל דיר זאָגן וואָס איך טו דאָ, וועסטו מיר נישט גלויבן.

— למשל?

— אַנו, טרעף. דו ביזט דאָך עפּעס פון די קלוגע.

— איך בין נישט קיין נביא.

— וועל איך דיר זאָגן: איך אַרבעט נישט און איך האָב ניט גע־אַרבעט און איך וועל נישט אַרבעטן, און דאָך מאַך איך מיר צען און פופצן טולער אַ טאָג מיט עסן.

— דאָס איז זייער שיין ביי דער היינטיקער צייט; אַ סך פון אונדזערע וואָלטן זיך געוואונטשן צו זיין אין דיינע בוטס. אָבער וואָס טוסטו?

— אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו לאַכן און דו וועסט מיך האַלטן, אָדער פאַר אַ משוגענעם, אָדער פאַר אַ שווינדלער. איך שעם זיך דיר פשוט צו זאָגן.

— וואָס זשע, דו האַנדלסט חלילה מיט גנבישע סחורה, אָדער דו פאַרקויפסט שנאַפּס?

— ניין.
— ביזט אפשר א וואַרזאַגער?
— אויך נישט.
— א קאַרטנוואַרפער?
— וואָס דיר קאָן איינפאַלן!
— ביזטו אפשר א טערק, אַן אינדיאַנער, א מיסיאָנער?
— וועסיך וואָס!
— טאָ זאָג מיר שוין אויס, וואָס דאַרפסטו אַרויסציען פון מיר די עצמות?

— אָט וועל איך דיר דערציילן די גאַנצע געשיכטע: ווי דו ווייסט, בין איך אין ניויאָרק געווען א קאָסטיומער שניידער. האָב איך דריי חדשים אין יאָר געאַרבעט און ניין חדשים בין איך אַרומגע־גאַנגען און געציילט די שטיינער פון די גאַסן און געקוקט אין די פענצטער פון די גרויסע רעסטאָראַנען און געהונגערט; געהונגערט און געפאַסט תעניתים.

נאָך א גליק וואָס ניו־יאָרק האָט ברויט־לאַינס; פלעג איך זיך אוועקשטעלן אין אַזא לאַין אין פראָסט, אין שניי, אין ווינט און וואַרטן אויף א ביסן ברויט מיט א טעפעלע ציקאָריע.

האָב איך געזען, אַז פון די ברויט־לאַינס וועל איך זיך ניט אַרויפאַרבעטן, אַז דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר מיר.

ווען דאָס שטיין אין די ברויט־ליינס וואָלט געווען א געשעפט, וואָלטן ראָקפעלער, מאָרגאַן און הענרי פאָרד אויך געשטאַנען אין דער לאַין, און אַז זיי שטייען נישט, טויג עס,מן הסתם, אויף טויזנט כפרות.

בין איך אַרויס פון דער ברויט־לאַין און גענומען האַיקן קיין פלאָרידאַ. צוויי וואָכן האָט עס מיר געדויערט. אַהער געקומען בין איך מיט אַכציק סענט אין קעשענע; קיין דזשאָב האָב איך נישט געקענט קריגן; נישט ביי שניידעריי, נישט ביי עפּעס אַנדערש. און עסן דאַרף מען און שלאָפן וויל מען, און א סוט און א פּאָר שיך און א העמד דאַרף מען אויך — וואָס זשע טוט מען?

איז מיר איינגעפאַלן א וואונדערלעכער געדאַנק.

דאָ האָט דער לאַנדסמאַן מיינער, מנשה חיים, אַרויסגענומען

פון דער רעכטער הויזן־קעשענע א קליין שאַכטעלע, געעפנט עס פאַ־מעלעך און מיר געהייסן אַריינקוקן.

— וואָס זעסטו? — האָט ער מיך געפרעגט, און זיך אַרומגע־קוקט צי מען זעט נישט, ווי עס וואָלט געווען אַ געגנבעטע זאַך.

— איך זע . . . איך זע . . . עטלעכע טויטע קאַקורטשעס, אָט וואָס איך זע!

— דאַצרייט! — האָט ער אויסגערופן מיט שמחה — דאַצרייט! און אָט דאָס איז מיין פרנסה.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, מנשה חיים, עפּעס באַלבעסטו מיר האַלבע ווערטער!

— אָט וואָס איך טו: איך גיי אַריין אין אַ רעסטאָראַן, זעץ זיך אַוועק ביי אַ טישל, באַשטעל די ערשטע זאַך, גרייפּפרויט, דערנאָך טשיקן, דערנאָך פּודינג; דערנאָך ערשט די זופּ: די זופּ איז אַלעמאָל די לעצטע זאַך . . . נעם איך, שטילערהייט, קיינער זאָל נישט באַ־מערקן, אַרויס פונם שאַכטעלע אַ קאַקורוטש און לייג אים אַריין אין די זופּ . . . באַלד רוף איך צו דעם באַלעבאָס (נישט דעם וועיטער), און איך ווייז אים וואָס אין די זופּ געפינט זיך . . . ווערט ער טויט און בלאַס . . . ער האָט מורא איך זאָל נישט מאַכן אַ סקאַנדאַל. נאָך דאָס פעלט אים; דער פּלאַץ איז געפּאַקט מיט עסערס . . . טוט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע, מעשה גוטער ברודער און זאָגט מיר שטיל אויפן אויער:

—מאַכט אַ שוויג . . . זאָל זיין שאַ . . . ששש . . . פאַרן דינער וועל איך אייך נישט רעכענען און נאָט אייך נאָך צו אַ דרייערל . . . זייט איר צופרידן?

— אַ דרייערל איז צו ווינציק — זאָג איך — וואָס איז אַ דרייערל?

— טאָ נאָט אייך נאָך צוויי טולער און געסעטלט . . . ששש . . .

— בין איך אַ פיינער מאַן און איך נעם צו ביי אים דאָס פינ־פערל . . .

אַזוי ווי מיאַמי איז גרויס און ס׳זיינען פאַראַן אַ פּאָר הונדערט רעסטאָראַנען, שפּיל איך אָפּ אַזעלכע סצענעס צוויי און דריי אַ טאָג. און אָט דאָס איז מיין פרנסה.

— אַ גרינגע פרנסה! — רוף איך אויס — און איך צעלאַך

זיך הויך, אויפן קול.

— אַ גרינגע און אַ בכבודיקע, — פּאַטאַקעוועט ער, און ער ענדיקט: — דער עיקר איז שכל! אַז מען האָט שכל, ווערט מען אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן!

ביים געזעגענען זיך מיט אים, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַהיים וועט ער שוין פאָרן אין אַן אייגענער מאַשין; ער וועט מער נישט האַיקן. און אויב איכ׳ל וועלן, וועט ער מיך מיטנעמען אויף זיינע הוצאות.

אין די בערג אָדער צום ים?

(אַ געשפּרעך צווישן מאַן און ווייב)

דאָס איז געווען מיט אַ וואָך צוריק, זעקס אַזייגער פאַרטאָג. אַ שטיק הימל אין מזרח זייט האָט געברענט און געגליט און אָנגעזאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַ שיינער טאָג, מיט זון, מיט ליכט, מיט אַלע גוטע זאַכן.

פּונקט דעמאָלט כאַפּט זיך אויף מיין ווייבל, עפנט פריער איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע — ווען זי האָט אַ דריט אויג — עפנט זי דאָס אויך, און זי טוט מיך אַ נעם אויפן צימבל:

— וואָס וועט זיין מיטן היינטיקן 4טן דזשולאַי?

— איך פאַרשטיי דיך נישט, מיין ווייב; איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט.

— איך מיין... וואו וועל איך פאָרן דעם 4טן דזשולאַי — אין די בערג, אָדער צום ים?

— דאָס יאָר וועסטו מוזן זיצן אין דער היים, מיין ווייב; פון די גרויסע גליקן, וואָס מיר מאַכן, קענען מיר אפילו אין דער היים אויך ניט זיצן.

ס׳וועט נישט אויסקוקן שיין פאַר אונזערע באַקאַנטע — טענה׳ט מיין ווייבל — און זי נעמט זיפצן.

— אונזערע אַלע באַקאַנטע וועלן דאָס יאָר אויך זיצן אין דער היים; זיי זענען פּונקט אַזוי אויף צרות ווי מיר.

— די מיסיס וועפּריק האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט יאָ ערגעץ פאָרן.

— זי וועט אודאי כאַפּן אַ ראַיד מיט דער סאָבוועי אין קוני איילאַנד, אויב זי וועט האָבן 10 סענט.

— ביי דיר איז דאָס אַ וויץ, מיין מאַן, אָבער ביי מיר איז דאָס אַ טראַגעדיע. אַלע יאָרן בין איך געפאָרן און נאָך ווי געפאָרן! מיט־גענומען צוויי קופערטס מיט קליידער און שיך און זאָקן און זיידענע

אונטערוועש און סוועטערס און מאַנטלען און דזשולערי און דאָס יאָר זאָל איך זיצן אין הויז?

און זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט; איר גאַנצער קערפּער האָט געצוקט.

טראַכט איך: זאָל זי וויינען; סאַי ווי האָט זי ניט וואָס צו טאָן.

איך האָב זיך דערווייל גענומען אָנטאָן און ארויסגיין אין גאַס, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן אַ דזשאָב — אפשר? מען האָפט, מען דענקט.

און מיין ווייבל הערט נישט אויף צו וויינען און צו טענה'ן:

— ווען דו נעמסט אַ אידישן פּייפּער און דו קוקסט אריין אין די אַדווערטאַיזמענטס פון די האָטעלן, זעסטו, אז ס'איז אַזוי ביליק, אז עס לוינט זיך גאָרנישט צו זיצן אין דער היים. אָט זע איך אַן אדווערטייזמענט פאַר פיר טעג 15 טאָלער.

— דאָס הייסט ביי דיר ביליק? ווען מיר זאָלן ביידע פאָרן, מיינט עס 30 טאָלער האָטעל; 10 טאָלער טריין־געלט; טיפּס, אהין, אהער, בוידים, לאָקש, ציבעלע וועט אונז אַזאַ חתונה אריינ־טרייבן אין אַ קנאַפּן הונדערטער. און פאַר אַ הונדערטער לעבן מיר איצט צוויי חדשים. אין די גוטע צייטן, ווען אַ הונדערטער האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע, זיינען מיר געפאָרן און געהאַט פאַרגעניגן, אָבער היינט קענען מיר דאָס נישט אויספירן. די עטלעכע טאָלער, וואָס איך האָב נאָך געהאַט, זענען פאַרבליבן שטעקן אין באַנק. טאָ וואו זאָל איך נעמען געלט? — ביי וועמען? עפּעס פאַרזעצן — וואָס? אז אַלעמען איז מען שוין שולדיק און אַלץ פון הויז איז שוין פאַר'משכנט, טאָ ווי קען מען גאָר אין זינען האָבן פּלעזשור? זעסטו, רעדן וועגן פּלעזשור —דאָס קענען מיר יאָ; גלאַט אַזוי רעדן... דאָס קאָסט נישט קיין געלט.

אָבער מיין ווייבל זיצט אין בעט, די האָר אויפן קאָפּ צעפּאַטלט, צעשויבערט און פון אירע שוואַרצע אויגן רינען טרערן אַזוי ווי פּערל און זיי פאַלן אַרויף אויף איר שויס.

גיי איך שוין צו צום בעט, נעם זי אַרום, גיב איר אַ קוש, און נאָך איינעם און אַ דריטן און איך נעם זי טרייסטן:

— טייערע, איך בין ניט אַזאַ שלעכטער ווי דו מיינסט; איך בין קיינמאָל נישט געוועזן שלעכט צו דיר; און קיין קאַרגער בין איך

אויך נישט; ווען ס'איז געווען געלט, ביזטו געפאָרן און געגאַנגען איבעראַל און איך בין געווען צופרידן; אָבער איצט איז דאָך נישטאָ; איך אַרבעט נישט, איך בין שולדיק צו מענשן אַריבער 15 הונדערט טאָלער און ווייטער לייען איז נישטאָ ביי וועמען; יעדער איינער איז אויף צרות, איז אַ בעל־חוב; וואָלט זיך אונזער באַנק געעפנט, וואָלט איך דיר געגעבן אַ פופציקער דו זאָלסט אַליין פאָרן, אָן מיר; איך וואָלט דיר נישט געזשאַלעוועט; אָבער אַזוי קען איך נישט העלפן...

און דאָס האָט זי אַביסל באַרואיקט.

— אפשר קען מען קריגן אַ פופציק טאָלער ביי דיין קאַזין אין די בראָנקס? איך רעכן, אַז ער האָט נאָך אַ פּאָר טאָלער; אַזוי האָב איך געהערט — און זי האָט גענומען אויסווישן די טרערן מיט אַ ווייס טיכעלע.

— איך גלויב נישט, איך דענק, אַז ער איז פונקט אויף אַזעלכע צרות ווי מיר.

— מען קען דאָך טרייען — זאָגט ווייטער מיין ווייבל — און זי לאָזט זיך אַרונטערגיין פון בעט.

— וועל, אויב דו ווילסט אַרויספאָרן צו אים, קענסטו פאָרן; איכ'ל זיין צופרידן; אויב ער וועט דיר לייען פופציק טאָלער, וועסטו אַרויספאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין די בערג.

די זון איז אַרוים אַ ליכטיקע, אַ וואַרעמע, אַ פריילעכע און אויס־געשפרייט גאָלדענע טישטוכער אויף אַלע דעכער און גאַסן.

דער הימל איז געוואָרן בלויער און בלויער און דאָס ווינטל האָט געלאַסטשעט ווי אַ מאַמע און געבראַכט אַ גרוס פון פעלדער, פון בערג און פון בליענדיקע סעדער.

מיין ווייבל האָט זיך אויסגעפוצט אין די בעסטע קליידער, אָפּגע־רויטלט די ליפּן, אָפּגעפאַרבט די באַקן, ווייס געמאַכט דעם האַלז, אָנגעטאָן אירע רויטע קאָרעלן מיט די צוויי רויטע אוירינגלעך, מיר געזאָגט „גוד באַי" און איז אַרוים פון הויז אַ פריילעכע.

— וואו גייסטו? — האָב איך זי געפרעגט און דערביי געטראַכט ביי זיך: זי איז נאָך אַ גאַנץ שיין ווייבל, ווען זי פוצט זיך אויס; זי זעט אויס ווי אַן אמת'ע ציגיינערקע; כאָטש גיב איר אַ האַלבן דאָלער זי זאָל דיר עפּעס טרעפן.

— איר פֿאָר איצט אַרוים צו דיין קאַזין — לאָזט מיר מיין ווייבל וויסן אַ צופרידענע.

יאָ, האָב איך ווידער געטראַכט, מיין ווייבל האַלט זיך נאָך זייער פיין; די שלעכטע צייט האָט איר נאָך נישט פאַרוועלקט.

איך האָב זיך געמאַכט קאַווע, געטרונקען און צוגעביסן אַ שטיקל נעכטיקע ברויט.

אַרום אַכט אַזייגער בין איך אַרונטער אין גאַס. דער דרויסן האָט מיך באַגריסט מיט ליכט און דער הימל מיט בלויקייט און דאָס יונגי־ווינטל האָט מיך געקושט מיט וואַרעמע קושן.

איך האָב געקויפט אַ צייטונג, אַוועק אין נאָענטן פּאַרק און זיך אַוועקגעזעצט לייענען.

אַרום צוועלף אַזייגער איז מיין ווייבל צוריקגעקומען פון די בראָנקס אַ מידע, אַ פאַרשוויצטע, אַן אומעטיקע, אַ צעדרייטע.

— נו ? וואָס הערט זיך, באַקומען ?

— וואָס באַקומען, ווער באַקומען ?

— ער איז נישט געווען אין דער היים ? — פרעג איך.

— ער איז יאָ געווען — ענטפערט מיין ווייבל מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס זשע האָט פּאַסירט?

— דו הערסט דאָך, איך קום צו צום הויז וואו ער וואוינט, זע איך אין דרויסן אויפן סיידוואָק אַרויסגעשטעלטע זאַכן, לעבן זיי זיצט דיין קאַזין מיט דער ווייב און אויף אַ טישל שטייט אַ טעלער, און אין טעלער ליגן עטלעכע ניקלס, צוויי דאַימס און איינציקע פּענים; אַרום און אַרום ביי אַ 60 סענט.

— מען האָט אים, הייסט עס, אַרויסגעשטעלט אין גאַס מיט זיינע בעביכעם ?

— יאָ — זיפצט מיין ווייבל.

— וואָס־זשע האָסטו געטאָן ?

— גאָרנישט, איך האָב געהאַט ביי זיך צוויי טאָלער, האָב איך זיי אים איבערגעלאָזן ; זאָל ער דערווייל האָבן וואָס צו עסן.

— האָסט זייער גוט געטאָן !

און מיין ווייבל האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם יום טוב, צוריק אָנגעטאָן די הויז־דרעס און זיך גענומען פּאָרען אין קיך.

אַ באַנגאַלאָ ביים ים.

(אַ ווײ־געשריי פון אַ פרוי)

וואָס טוט מען, גיט אַן עצה, עס איז גאָרנישט אויסצוהאַלטן; מען קען לעבן נאָר מ׳לאָזט ניט. מענשן זאָלן נישט אויסרעכענען, אַז יענער וויל האָבן רו, זיין מיט זיך אַליין, מיט איר ליבן מאַן און קינדער, אָן פרעמדע, אָן געסט, אָן קרובים. דאַכט זיך, דיזעלבע מענשן לעזן צייטונגען, ביכער, זיי פירן געשעפטן, נעמען אַנטייל אין פּאָליטיק, באַלאַנגען צו פאַרשיידענע אינסטיטוציעס; האָבן אַ באַגריף וואָס עס טוט זיך אין דייטשלאַנד, אין וואַשינגטאָן, אין זשענעוואַ, אין רוים, אין מאָסקווע, און דאָך פעלט זיי אוים שכל; קאָמאָן־סענס.

איצטער וועלן מיר אייך ערשט די זאַך ריכטיק צעקייען, וועט איר פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך:

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן מיר אָפּגעקויפט אַ באַנגאַלאָ ביים ים, זייער ביליק: די באַנגאַלאָ האָט אין די טייערע צייטן געקאָסט 12 טויזנט טאָלער און מיר האָבן עס געקויפט פאַר 5 טויזנט.

פאַראַן 5 בעד־רומס, אַ קיך, אַן עס־צימער, אַ ליווינג־רום, אַן אָפענער פּאָרטש, אַ פאַרמאַכטער פּאָרטש און אַ גאַראַדזש פאַר צוויי מאַשינען.

עס איז אויך פאַראַן געז, עלעקטריק, הייס און קאַלט וואַסער און אַ וואַנע מיט אַ **שפּריץ**.

וואָס־זשע פרעגט איר? איז ביי מיר יעדן שבת און זונטיק, קיין עין הרע, זייער פריילעך; אַזוי פריילעך, אַז מיר ווילט זיך אַזש נעמען דאָס לעבן; פּטור ווערן פון אַלץ מיט אַן אַנדער.

ווער ס׳האָט נאָר גאָט אין האַרצן און עטלעכע סענט אויף קאַר־פּעיר אָדער אַ שטיקל אָטאָמאָביל, קומט אַרויס צו אונז אויף די צוויי טעג אין וואָך האָבן אַ „גוד־טאַים״.

אין מיטן וואָך קומט מען אויך, אָבער שבת און זונטיק איז גאָר שרעקלעך.

מען לאָזט נישט וויסן פריער צו מען קומט, מ׳שרייבט נישט, מ׳רופט נישט אָפּ, מען וויל ניט וויסן צו עס איז דאָ פּלאַץ, צי מיין מאַנס פאַרדינסטן טראָגן אויף די אַלע זאַכן; דאָס איז נישט זייער געשעפט. מען נעמט די ווייב און די קינדער, די שוויגער, די שוועגערינס, די קאַזינס און קאַזינס פון קאַזינס, און מען קומט און מען פאַלט אַריין און מען איז דאָ, און מען צעלייגט זיך ווי ביים טאַטן אין ווייגנאַרטן, און מען בעט עסן, און מען בעט דאָס נייע ביר און מען לאָזט לויפן די ראַדיאָ, און מען טוט זיך אויס, און מען טוט זיך אָן די בעידינג־סוטס און מען שפּרינגט אַריין אין וואַסער און מען כאַפּט אַ גוטן שווים און מען קומט צוריק אַ נאַסער, פול מיט זאַמד און מיט ים־גראָזן, און מען דרייט אויס דעם נאַסן בעידינג־סוט ביי מיר אויף דער וועראַנדע, און מען טוט זיך איבער און מען לאָזט ליגן דעם בעידינג־סוט מיט די זאַמד, מיט די שמוץ, אויף אַ ראַקינג טשעיר, אָדער אויפן טישל מיטן ריינעם טישטוך און מען בעט ווידער עסן.

„דאָס ים־וואַסער — זאָגן זיי — מאַכט אַפּעטיט; עס ווילט זיך עסן."

און מען באַפאַלט דעם אייז־באָקס און מען עסט אויף וואָס מען געפינט דאָרט.

און צו יעדער מאָלצייט פעלט מיר אויס פּוטער, ברויט, קעז, לאַקס, קרים, אָדער עפּעס אַנדערש. און וויפיל איך קויף איין קלעקט עס אויף איין צאָן!

עס איז רעכט, אַז צו אַ מאָלצייט ביי מיר אין הויז זאָלט איר טרעפן 25 מענשן, אַ חוץ קליינע קינדער וואָס מען דאַרף זיי נאָך דייפּערן, וואָס מען דאַרף זיי נאָך האָדעוועז מיט מילך־באָטלס; וואָס האָבן נאָך קרעמפּן און וואָס הערן נישט אויף צו וויינען און זיך רייסן אויף די גלייבע ווענט.

זייער אָפט מאַכט זיך, אַז דריי אָדער פיר זווינגדיקע קינדער זאָלן אַלע מיט איין מאָל נעמען וויינען און דרינגן מיט די פיסלעך און זיך וואַרפן ווי שלענגלעך, און די מאַמעס זייערע זאָלן פּונקט דעמאָלט זיין אין ים, אָדער זיצן און באַלאַקען מיט אַנדערע ווייבער.

און אַזוי ווי קיין דינסט קען מען איצט ניט האַלטן, מוז איך, איינע אַליין, שטיין אַ גאַנצן זומער ביים הייסן אויוון און קאָכן און

באַקן און דערלאַנגען און אַרונטערנעמען דאָס געשיער און עס אַליין אָפּוואַשן און אָפּווישן און עס אַוועקשטעלן אין פּענטרע.

און וואו מען שטעלט אַ פּוס איז נאָס פון די אויסגעדרייטע בעידינג־סוטס; דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט זאַמד: אין די טעפּ, אין די עסנס, אויף די מעבל, אויף אַלע בעטן — זאַמד און זאַמד!

וואָלטן כאָטש די אַלע געסט אַהיימגעפאָרן שלאָפן, וואָלט מען נאָך געקענט האָבן אַביסל רו; ווילן זיי דערפון נישט וויסן; בלייבן זיי נעכטיקן ביי מיר און זיי פאַרכאַפּן אַלע שלאָף צימערן און דעם פאַר־מאַכטן פּאָרטש און דעם אָפענעם פּאָרטש און די ליווינג־רום, מען פאַלט פשוט איבער שלאָפנדיקע געסט. און דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט שמאַטעס.

איך און מיין מאַן האָבן אַ סך מאָל נישט וואו צו שלאָפן.

זייט מיר האָבן די באַנגאַלאָ, האָבן מיר נאָך קיין איין נאַכט נישט געשלאָפן ווי מענשן; מיר וואַלגערן זיך אַרום יעדער נאַכט אויף אַן אַנדער געלעגער. שבת־נאַכט, אויף זונטיק אַרויף, שלאָפן מיר גאָר־נישט. און ווען די געסט פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק, שיקן זיי צו אַנדערע: „פאָרט אַרויס צו עלקען, פאַרגעסט נישט, איר'ט לעבן אַ טאָג!" אָט אַזוי שיקט מיר איין גאַסט צו אַ צווייטן — און מיט יעדן טאָג, מיט יעדער וואָך, ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער ביי מיר אין הויז.

איך וואָלט איבערגעלאָזן די באַנגאַלאָ אויף הפקר און אַנטלאָפן וואו די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן, האָב איך נישט קיין הארץ איבער־צולאָזן אַזאַ שיינע היים.

און אַרבעטן אַזוי שווער קען איך נישט; זיין אַ שקלאַף, אַ דינסט, אַ קעכין און אַ דיש־וואַשער איז נישט פאַר מיינע כחות. איך פיל, אַז איך וועל אַוועקפאַלן אין מיטן דער אַרבעט.

די באַנגאַלאָ האָט מיך אַלט און גרוי געמאַכט פאַר דער צייט; קוים וואָס איך זשיפּע. און מיין מאַן מאַכט קולות און געוואַלדן: „איך קען מער נישט אויסהאַלטן, איך מאַך אפילו נישט אַ העלפט וויפיל ביי דיר גייט אַוועק אויף עסן אַליין." און וואו איז גאַז, עלעקט־טריק, וואַסער, טעקסעס, אינטערעס, און אַנדערע אָנשיקענישן? ער האָט, נעבעך, רעכט, מיין מאַן, אָבער העלפן קען איך נישט; מענשן זאָלן דאָס נישט פאַרשטיין!

ווײַל איך אײַך בעטן, טײַערער פרײַנט, איר זאָלט מיר געבן אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן?

זאָג איך איר:

— מײַן עצה איז, אַז... אַז... איר זאָלט אַרויסהענגען אַ שילד, אַז אין אײַער הויז ליגט מען קראַנק אויף שוואַרצע פּאָקן, אָדער אויף דיפטעריע. און אויב דאָס וועט נישט העלפן, זאָלט איר פאַר־קלאַפּן די פענצטער פון דרויסן מיט ברעטער, וועט מען דענקען, אַז איר האָט אַרויסגעמופט. קײַן אַנדער עצה האָב איך ניט.

די אומגליקלעכע פרוי האָט מיך אויסגעהערט און געענטפערט מיט טרערן: „אפילו דאָס וועט אויך נישט העלפן"...

„צ'רעינינג באַ־יו"

צערעדט זיך א האָטעל־קיפּער פון די בערג מיט א טרויעריקע שטים:

„איך האָב אַלעמאָל געזאָגט, און זאָג עס היינט, און איך וועל עס זאָגן מאָרגן, אז דאָס האָטעל־קיפּעריי איז א וויסט שטיקל ברויט; די ערגסטע פּרנסה וואָס אידן האָבן זיך אויסגעקליבן. שטעלט זיך פאָר, אז מען דאַרף האָבן צו טאָן מיט עטלעכע הונדערט מענשן און יעדער מענש האָט אַן אַנדער כאַראַקטער, אַנדערע זיטן, אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע משוגעתן און קאַפּריזן.

„צווישן די עטלעכע הונדערט געסט און געסטעכעס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס מוזן האָבן רו, מוזן עסן זאַכן וואָס א דאָקטאָר האָט זיי פאַרשריבן, וואָס זיי זענען נאָך א קראַנקייט, און ווידער זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען געזונט און פריש און לעבעדיק; וואָס ווילן טאַנצן, שפּרינגען, זינגען און לעבן א גוטן טאָג.

„נאָר לאָמיר איך דערציילן א געשיכטע, וואָס עס האָט ביי מיר פּאַסירט לעצטן זומער:

„אין א שיינעם העלן, ליכטיקן טאָג קריג איך א בריוול פון א פרוי, א ליטוואַטשקע, און אָט וואָס זי שרייבט אין ליטווישן אידיש.

„מיסטער האָטעל־קיפּער! איך בין א פרוי פון א יאָר 50. ערסט נאָך א סטאַרקע אָפּעריישאָן; מען האָט ביי מיר ערסט אַרויסגענומען מיינע גאַל־סטיינער. די אָפּעריישן האָט מיך אָפּגעקאָסט אַריבער פינף הונדערט דאָלער; צוליב דער אָפּעריישן איז מיין מאַן אַוועק פון מיר. ער האָט פיינט א פרוי וואָס האָט דריי אָפּעריישנס אין איין יאָר, האָט ער געזאָגט, בין איך געבליבן בלויז מיט די צוויי קינדער,ביידע סוין פאַרהייראַטע. סיקן זיי מיך איצט אין קאַנטרי אויף א גאַנצן זומער. וויל איך קומען צו אייך, ווייל איך האָב געהערט, אז ביי אייך איז זייער א סיינער האָטעל, און ער סטייט אין א סיין אָרט, ניסט וויט פון א לעיק און צווישן הויכע בערג. וויל איך קומען צו אייך.

אָבער איך מוז האָבן אַ רום מיט פיר ווינדעס, עס מוז בלאָזן אויף מיר פון אַלע זייטן . . . און די רום מוז זיין זייער אַ סטילע ; איך זאָל ניסט הערן קיין געסריי, קיין טומל פון די יונגוואַרג ביינאַכט. עס טאָר אויך ניסט ספּילן די ראַדיאָ ביינאַכט, 9 אָ׳קלאַק מוז דער ראַדיאָ סטאָפּן ספּילן. איך טאָר ניסט הערן ביינאַכט דורכלויפן די טרעין, איך זאָל זיך ניסט אויפוועקן פון סלאָף. און עסן מוז איך וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרסריבן, און דאָס מוז ווערן אָפּגעהיט. דאָס צעטל מיטן דייעט וועל איך מיטברענגען מיט זיך און איר וועט עס מוזן איבערגעבן צו אייער קעכין. איך מוז אויך האָבן אַ ניי בעט עס זאָל ניסט סקריפּען. און דער ספּרינג מוז זיין אַ ווייכער און דער מאַטראַץ מוז אויך זיין אַ ווייכער ; איך זאָל ניסט אויפסטיין מיט צע־בראָכענע ביינער. איך טאָר אויך ניסט הערן בילן קיין הונט, ניסט זינ־גען קיין פייגל, ניסט הירזשען קיין פערד. אין דער פרי זאָלט איר מיך ניסט אויפוועקן מיט אייער גלאָק ; דעמאָלט איז די בעסטע צייט צום סלאָפן. און אויב מעגלעך, זאָלט איר זען אַזוי צו מענעדזשען, אַז עס זאָל ניסט זיין קיין ווינטן, קיין דונער און קיין בליצן. די וועטערן מוזן זיין סיינע, טרוקענע, סטילע און וואַרעמע. ניסט צו היים, ניסט צו קאַלט. מידיעם . . .

„איצט וויל איך וויסן אייער פּרייז ; אויב איר וועט מיר ניט רעכענען קיין סך, וועל איך אַרויסקומען צו אייך אויף דריי וואָכן. איר דאַרפט געדענקען, אַז די צייט איז זייער סלעכט. מענטשן אַרבעטן ניסט, היינט אַ דאָלער איז אַ גרויס פאַרמעגן. פאַרגעסט ניסט, אַז 10 מיליאָן מענטשן גייען אַרום אָן אַרבעט ; דאָס איז ניסט קיין דזאָק... קיין וויץ, הייסט עס — מוזט איר מיר צאַרזן אַ קליינע פּרייז ; וואָס ווינציקער — אַלץ בעסער פאַר מיר און פאַר מיינע קינדער, ווייל זיי וועלן באַצאָלן פאַר מיר. לאָזט וויסן דורך אַ לעטער אויב איר וועט אָננעמען מיינע קאָנדיסנס. אויב יאָ, — וועל איך זיין סאַבעת ביי אייך. סיקט מיר אַ ספּעסל דעליווערי לעטער, אָדער רופט מיך אָפּ ביים טעלעפאָן : יאַכנע, 8807. מיין דרעקסן איז : 166קוסעניריקע סטריט, בראָנקס.״

„איבערגעלייענט דאָס בריוול, זעץ איך זיך אַוועק און שרייב איר, אַז איך וועל איר נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן וואָס זי פאַרלאַנגט. דאָס הייסט, שטילקייט, רו, אַ צימער מיט פיר פענצטער און אָפּהיטן דעם

דייעט — דאָס נעם איך זיך אונטער. אָבער קאָנטראָלירן דעם וועטער — קען איך נישט: איך קען נישט אָפּהאַלטן די ווינטן, די דונערן, די בליצן, די רעגנס; איך בין נישט זייער באַלעבאָס — איך קען אויך נישט פאַרווערן אַ פערד צו הירזשען, אָדער אַ הונט צו בילן, אָדער אַ פויגל צו זינגען. דוקא די זאַכן — האָב איך געשריבן — מאַכן די קאָנטרי אינטערעסאַנט; דוקא אָט די זאַכן פעלן אייך אויס אין די בראָנקס.

„אָט אַזוי האָב איך איר געשריבן. און וועגן די פּרייז וועלן מיר שוין דורכקומען, איך בין אַ איד מיט איינזען, מיט אַ אידיש האַרץ, מיט חשבון.

„אויפן צווייטן טאָג קריג איך אַ טעלעפאָן פון דער פרוי:

„איך פאָר אַרויס מיט דער איינס אַזייגער טריין, וואַרט מיך אָפּ ביים סטעיסאָן אין צייט. קומט מיט אַ מאַסין, איך האָב צוויי גרויסע טראָנקס און אַ סעצל און עטלעכע בעגס מיט מעדיצינען. גוד־באַי".

„האַלב נאָך פינף איז די פרוי אָנגעקומען. אַ פרוי, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ מאַנסביל; אפילו די שטימע איז געווען אַ מע־נערשע. ווען זי טוט זיך אָן אַ קאַפּאָטע מיט אַ יאַרמעלקע, וואָלט זי אויסגעזען ווי אַ גאַליציאַנער בעל תפילה.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס איר מאַן איז אַוועק פון איר; נישט קיין נאַרישער מענטש — האָב איך געטראַכט.

"און אָט איז שוין די פרוי אין איר אָנגעגרייטן צימער און זי הערט נישט אויף צו טאַפּן דעם מאַטראַץ, דעם ספּרינג, שאָקלט דאָס בעט, הייסט זיך אַרויפבריינגען דריי שטיקלעך זייף, דריי האַנטיכער, הענגערס פאַר די קליידער, אָוועקלייגן אַ גרעסערן ראָג לעבן בעט, אויך וויל זי האָבן נייע ווינדע־שיידס, נייע פאָרהענגלעך, זיי טרייט אוים צי דער שליסל אַרבעט, צי עס פאַרשליסט זיך; זי בעט מיך אויך, אַז איך זאָל איר זאָגן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן עס זיינען אין דעם נעקסטן רום. אפשר הוסט אימיצער פון זיי — וויל זי נישט דעם רום; וועט זי זיך אויסקלייבן אַן אַנדערן; אויך וויל זי, אַז איך זאָל אויסרופן ביים סאַפּער, אַז מען זאָל ביינאַכט אַרויפגיין שלאָפן זייער שטיל, אויף די שפּיצן פינגער, מען זאָל נישט קלאַפּן מיט די טירן, מען זאָל נישט רעדן הויך, נישט לאַכן, נישט קוויטשען און מען זאָל נישט שנאַרכן. און טאָמער וויל

זיך אַ פּרוי קריגן מיט איר מאַן — זאָל זי דאָס נישט טאָן ווען זי וויל שלאָפן; ווייטער וויל זי, אַז איך זאָל אָנזאָגן מען זאָל פאַרטאָג נישט האַקן קיין האָלץ, נישט שאַרן קיין קוילן, נישט אַרויסשלעפּן די אַשעס און דער בעקער און דער בוטשער און דער מילך־מאַן, זאָלן נישט צוברענגען זייערע זאַכן אַזוי פרי. און אויב זיי קומען יאָ פרי, זאָלן זיי נישט לאָזן לויפן די אינדזשינס פון זייערע מאַשינען און נישט זינגען.

"ווען איך האָב איר די אַלע זאַכן צוגעזאָגט, האָט זיך פּונקט דעמאָלט דער הימל פאַרוואָלקנט; עס איז געוואָרן פינצטער, אַ דונער האָט זיך געלאָזן הערן, אַ בליץ האָט אַ שניט געטאָן אַ וואָלקן ווי מיט אַ בלויען מעסער.

"עס האָט גענומען גיסן אַ רעגן. און ווי געווײנלעך אַ רעגן אין די בערג, האָט ער זיך נישט געאײלט צו סטאָפּן; ער איז געגאַנגען און געגאַנגען.

"פּלוצים באַווייזט זיך די דאָזיקע פרוי און זי זאָגט צו מיר:

— מיסטער, אַי מוזט לוק פאַר אַן אַנדער האָטעל; צ'רעיִנינג ביי יו. אַי מוזט צעקאַוט."

"און זי האָט אויסגעטשעקט!"

פון דער קאַנטרי

ליבער חבר:

דו ווילסט וויסן, אויב איך האָב זיך אויסגערוט אין דער קאַנטרי? וועל איך דיר ענטפערן: ניין, ניין, טויזנט מאָל ניין! איך האָב נאָך פאַרלאָרן דאָס קאָפּ געזונט וואָס איך האָב געהאַט, אחוץ די 75 דאָלער אין קעש. געלט רעכן איך נישט; אַט איז עס דאָ און אַט איז עס נישטאָ. איך רעכן פּשוט געזונט; דאָס איז דער עיקר.

גאַנצע 49 וואָכן האָב איך געחלומט פון די בערג, פון דעם פּלעזשור, פון דער רו, וואָס איך דאַרף אַזוי נויטיק האָבן. דאָך, ווי זאָגט מען עס, אַן אויסגעמוטשעטער מענטש. דאָס גאַנצע יאָר דאַרף מען טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון דער ביטערער פּרנסה. ווער עס זאָל מיר אַרויסהעלפן, איז נישטאָ; אַלץ נעבעך אויף מיינע פּלייצעס: די ווייב, די קינדער, דער לענדלאָרד, דער פּיאַנאָ־טיטשער, דער היברו־טיטשער, דאָקטוירים, לאַנדסלייט, — מען ווערט דאָך שיער נישט צעמאָלן אונטער די רעדער פון לעבן; האָפט מען, טרוימט מען דאָס גאַנצע יאָר אויפן זומער, אויפן וואַקיישאָן. מען וועט אַוועק אין די בערג, וועט מען האָבן פרישע לופט, פרישע עסנס, אַ שטיל צימער מיט אַ ווייך געלעגער, וועט מען זיך אויסרוען די מידע ביינער, וועט מען אָנשעפּן פרישע כחות אויף צו קענען ווייטער שלעפּן דעם שווערן וואָגן באַרג־אַרויף.

איז דער טאָג, ווען איך בין אַוועק אין די בערג, געווען ביי מיר דער גרעסטער יום־טוב, די גרעסטע שמחה.

דער געדאַנק, אַז איך פאַרלאָז ניויאָרק מיט אירע זיבן מיליאָן מענטשן, מיט די טויזנטער אָטאָמאָבילן, סאָבוועים, עקספּרעסן, סטריט־קאַרס, עלעווייטעדס, גענגסטערס, שטויב, מיסט, טומל, געפּילדער, נויט, הונגער, ברויט לאַינס, ביליקע פּאָליטישענס, גרעפט, בודעל, שווינדל, — ווי גליקלעך מען איז, ווען מען ווערט פּטור פון די אַלע צרות כאָטש אויף אַ קורצער צייט, כאָטש אויף אַ פּאָר וואָכן.

די טרעין לויפט און פליט און גנב'עט אַוועק שטיקער דרויסן

פון אונטער די פיס, און ברענגט דיר אנטקעגן וואונדערלעכע לאַנד־שאַפטן, בערג און טאָלן און טייכן; וואסער־פאַלן און גערטנער; ווייסע פאַלאַצן מיט רויטע און גרינע דעכער; פאָנטאַנען און בלומען; שיי־נע פלויטן באַצירט מיט רויטע רויזן, — און דאָס הארץ פרייט זיך און די נשמה טאַנצט און די אויגן זאַפּן אריין אין זיך גאָטס שיינע וועלט און די וועלדער וואָס גרינען, און די פעלדער מיט זאַנגען, וואָס באַוועגן זיך פונם ווינטל; און דו זעסט קליינע אָרימע פאַרמער־הייזלעך צווישן וואַלד און פעלד און טייך, און דו ביזט זיי מקנא, די אָרימע פאַרמערס, זיי האָבן רו, שטילקייט, פרישע לופט און ווינ־ציק זאָרג.

און אָט ברענגט דיך די טרעין צו דיין סטעישאָן און דו געפינסט זיך שוין אין דיין האָטעל.

דו קוקסט זיך ארום — שלעכט, ביטער! די זעלבע מענטשן, וואָס אין שטאָט, די זעלבע געשרייען, די זעלבע רייד, דער זעלבער גערודער. מען טראָגט די זעלבע קליידער; מען שפּילט אין קאָרטן; מען פרעסט צו דריי פּאָרציעס טשיקן און מען הייסט זיך געבן דריי מאָל קישקע און מען גרעבצט און מען נעמט ביטערזאַלץ. אנט־לאָפן פון ניויאָרק און אריינגעפאַלן אין אַ צווייטן ניויאָרק; פון געפּילדער — צו געפּילדער!

פע, נישט גוט! וואָס האָב איך דאָ אויסגעביטן? נישט מער ווי די לופט.

איצט, מיין חבר, קומט ערשט דאָס ערגסטע: דאָס געלעגער, דאָס בעט. דאָס בעט איז אַלט, פאַררּאָסטעט; דער ספּרינג — הארט ווי שטיין, און דער מאַטראַץ — נאָך הארטער.

די זייטן טוען אַזוי וויי פון דעם געלעגער, אַז מען האָט זיך אַפילו ניט קיין כח איבערצוקערן אויפן צווייטן זייט. און אויב מען קערט זיך יאָ אום אויפן צווייטן זייט, פאַרדריסט פאַרוואָס מען האָט נישט אַ דריטע זייט...

און אַז מען שטייט אויף, איז מען מער צובראָכן, ווי מען איז געווען פאַרן שלאָפן גיין; דער גאַנצער קערפּער איז ווי איין וואונד; וואו מען רירט אָן, טוט וויי.

אָפטמאָל טראַכט איך: ווי קומט עס, וואָס מאַנכע האָטעל־קיפּערס, זאָלן געזונט זיין, גיבן אוים שווערע טויזענטער אויף האָ־

טעלן, אויף מעבל, אויף קאַרפּעטס, אויף מוזיק, אויף סווימינג־פּולס, נאָר נישט אויף גוטע ספּרינגס און ווייכע מאַטראַצן. וואו איז זייער שכל? פאַרשטייען זיי דען נישט, אַז דאָס געלעגער שפּילט די הויפּט ראָלע ביי אַ מענטשן; וואָרום האָבן אַנדערע האָטעלן אין די בערג בעטן מיט ווייכע גוטע מאַטראַצן?

און ווי איז נאָך דער דין, אַז אויף יענער זייט װענטל, וואָס איז געמאַכט פון דיקע פּאַפּיר, געפינט זיך אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס קריגן זיך אַ גאַנצע נאַכט, און איר הערט יעדעס וואָרט, יעדן סוד, וואָס איז קיין סוד נישט? ער באַשולדיקט זי, און זי — אים; ער האָט טענות צו איר און זי, ווידער, האָט טענות צו אים, למאי ער האָט צו איר טענות וואָס זיינען קיין טענות נישט...

דערווייל קריגט מען זיך גאַנצע נעכט און איך הער איטליכעס וואָרט און איך קען נישט שלאָפן. און אַמאָל איז פּונקט פאַרקערט: אַמאָל איז, אויף יענעם זייט וואַנט, אַ פאַרליבט פּאָרל, און נאָר מען קושט און נאָר מען האַליובעט זיך.

און טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ נישט גענוג, קריגסטו אַ צימערל פּונקט געגנוג פאַרן בעטל. אפילו די טיר עפנט זיך נישט. אויס־טאָן דאַרף מען זיך אין קאָרידאָר, און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין אַלמער פאַר די קליידער, הענגען די קליידער אויף די ווענט; זעט דאָס שלאָף־צימער אויס ווי אַ קליידער קלאָזעט. ווען אימיצער עפנט די טיר און קוקט אריין, וואונדערט ער זיך, ווי אַ מענטש קען ליגן צווישן קליידער און העמדער און שיך און זאָקן און טשעמאָדאַנעס און סוועטערס און אַנדערע שמאַטעס. קוים וואָס מען זעט אים ארויס, דעם באָרדער.

און זייער אָפּט טרעפט עס זאָל נישט זיין קיין וואַסער — נישט קיין קאַלטע און נישט קיין הייסע. גאָרנישט!

אַ גליק, כ'לעבן, וואָס ס'האָט אַ סך גערעגנט, האָב איך זיך באַ־נוצט מיט רעגן־וואַסער — אַפילו אויף צו שייוון זיך.

די אונטערשטע שורה איז, אַז איך בין אַהיימגעקומען פון מיין וואַקיישאָן אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער, אַ מידער, קוים וואָס איך שטיי אויף מיינע פיס.

חבר! פּליעז, האָב רחמנות אויף מיר, איך קוק אויס אַזוי שלעכט.

נאָר אַ גט!

(מאָנאָלאָג פון אַ אידן)

... יאָ, רבי, אַנדערש קען עס נישט זיין, אַנדערש וועט עס נישט זיין. אייער אריינלייגן זיך אין שלום וועט דאָס מאָל שוין נישט העלפן. איך מוז זיך גט׳ן מיט איר. איך האָב געגוג געוואַרט.

וואָס איך האָב צו איר? וואָס האָב איך נישט צו איר? עס וואָלט באַדאַרפט נעמען אַ יאָר מיט אַ דינסטיק אייך איבערצוגעבן אַלע מיינע צרות. נאָר זאָל בעסער מיינס איבערגיין; באַרעדן אַן אייגענע ווייב איז נישט קיין גרויסע חכמה. דאָך, ווי זאָגט איר, געווען 21 יאָר אונטער איין דאָך, ווי איז מיר! 21 יאָר, רבי, איז נישט קיין טאָג, קיין וואָך; דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, צוויי הונדערט מיט אַכט און פערציק חדשים.

איר פאַרשטייט? וויל איך אויף איר קיין שלעכטס ניט רעדן; זאָל זי קומען אויף אַנדערע מיילער.

קכי! קכי! קכי!... איר הערט, רבי, ווי איך הוסט? דאָס האָב איך איר צו פאַרדאַנקען... פאַרטאָג, אין גרעסטן פראָסט, ווען די פענצטער זענען פאַרקאָוועט, ווען דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס, וועקט זי מיך אויף, איך זאָל גיין זוכן אַרבעט. וואָס אַרבעט, ווען אַרבעט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַרבעט, זאָל איך איר גיין אַרבעטן! געטראָפן דעם ריכטיקן אַרבעטער! נאָר ווען דעם, רבי, וועלן מיר נאָך רעדן. איצטער וויל איך קיין זאַך נישט נאָר אַ גיט! די 65 טאָלער, וואָס איך האָב אין באַנק אויף איר נאָמען, בין איך איר מוחל; זאָל זי נישט בלייבן אָט אַזוי־אַ... זאָל זי דערווייל נישט דאַרפן לייען און באָרגן, אָדער, חלילה, אָנקומען צו יענעם... איר זעט דאָך, רבי, איך רעד, דאַכט זיך, פון אַ גט און דאָך האָב איך אין זינען זי זאָל בלייבן ביט אַ שטיקל פאַרמעגן...

וואָס איך האָב אויסצוזעצן, פרעגט איר? איך האָב דאָך אייך

געזאָגט, רבי, אַז איך וויל זי נישט באַרעדן; איך האָב עס פּײַנט; נאָר אַז איר צווינגט מיך, וועל איך אײַך זאָגן.

ראשית חכמה, דרייט זיך אַרום ביי מיר אין הויז, שוין דאָס עלפטע יאָר, אַ שווער פון אַ יאָר 70 און אַ שוויגער פון אַ יאָר 68.

מילא, דער שוועה, יאַק דער שוועה; אַ קראַנקער מענש, אַ טויבער, האָט שלאַפע אויגן און איינגעבויגענע קניען. נישט ער הערט, נישט ער זעט. וואָס־זשע טוט ער פאַרט? ער עסט, טרינקט, שלאָפט, שטייט אויף, זאָגט תהלים, דאַוונט, בורטשעט, שפּייט, הוסט, ניסט, פּרייכט, רויכערט אַ ליולקע, פּילט אָן דאָס הויז מיט אַ שלעכטן רויך און כאַפּט אַלע נאָכמיטיק אַ דרעמל. און אַז ער כאַפּט אַ דרעמל, קענט איר אים הערן ביז אַרויס אין גאַס. אַזוי שנאָרכן ווי ער שנאָרכט, האָט נאָך קיין איד נישט געשנאָכט, זייט אידן זענען אין גלות. אָט דאָס, רבי, איז דער שוועה מיינער.

וואָס־זשע טוט די שוויגער?

זי שעלט! צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט. וועמען זי שעלט? וואָס הייסט, וועמען? מיך, דעם שוועה, די שכנים, די געסט, דעם ברודער אירן — זי איז נישט קיין גרויסע איבערקלייבערן אין די זאַכן. און אַז זי שעלט אָפּ, חלש'ט זי! פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף הינטן, פאַרמאַכט די אויגן, דאָס מויל — דאָס איז די איינציקע צייט ווען איר מויל איז פאַרמאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז מען מוז זי אָפּמינטערן. איז ווי נאָר זי עפנט די אויגן מיטן מויל — אהא! זי שעלט שוין ווידער!

איצטער, רבי, קום איך צו מיין אידענע, פון וועמען איך וויל פּטור ווערן:

שטעלט זיך פאָר, רבי, איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מאַנסביל, איך דאַרף דאָך אײַך נישט זאָגן וואָס אַ מאַנסביל איז; איר זייט דאָך אויך, מער אָדער ווייניקער אַ שטיקל מאַנסביל. וויל מען דאָך אַמאָל אַ... קוש... צי איך ווייס... איר פאַרשטייט דאָך, רבי, וואָס איך מיין. איר זייט דאָך אַ איד, אַ תלמיד חכם, אַ סימן, אַז איר האָט, קיין עין הרע, ניין קינדער, זאָלן געזונט זיין. טרייבט זי מיר פון זיך... זי שעמט זיך, זאָגט זי: איר הערט, רבי, 21 יאָר פאַרהייראַט און זי שעמט זיך נאָך!

והשנית, איז זי זייער אַ שלעכטע: אַ מרשעת, ווי די מאַמע

אירע. נישט זי לעבט, נישט זי לאזט לעבן. קיין קינדער האב איך מיט איר, מער אדער ווינציקער, נישט געהאט. דאס הייסט, זי האט יא געהאט אמאל א קינד. דריי יאר נאך דער חתונה, איז דאס געווען אזוי א קינד ווי איך בין א רב. ראשית, איז עס געבוירן געווארן טויט, והשנית, האט עס, סך־הכל, געוואויגן דריי פונט.

מילא, איז נישט קיין קינדער; וואו שטייט עס געשריבן, אז א איד מוז האבן קינדער? אבער א פרוי דארף זי דאך זיין...

איז בע! וואס א יאר ווערט זי עלטער און קעלטער. און צו די אלע גליקן איז זי נאך מיאוס ווי דער טויט. אלץ הייסט מיאוס! איצט, אויף דער עלטער, וויל זי שוין, אז איך זאל איר אמאל א קוש טאן... אבער, איך שווער אייך, רבי, אז איך קען עס נישט; איך קען עס נישט, ווען איז קוילעט מיך! שטעלט זיך פאר, רבי, איידער זי גייט שלאפן, ארום עלף אזייגער ביינאכט, וואשט זי זיך די האר מיט נאפט, רייבט איין דעם קערפער מיט אזא לינימענט, וואס מען קען שטארבן פון גערוך. זי זאגט, אז ס'איז גוט פאר אירע רומאטעס; די ליפן אירע שמירט זי איין מיט וועזעלין (זיי טריקענען ביי איר); די נאז־לעבלעך שטאפט זי אן מיט קאלד־קרים; דאס לינקע אויער — מיט וואטע, מחמת עס פייפט ביי איר... די פים בינדט זי ארום מיט לאנגע באנדאזשן דאס געשווילעכטס זאל אפטרעטן; דעם בויך גארטלט זי ארום מיט א גארטל פון גומלאסטיק; פארמאכט אלע פענצטער, פארשליסט די טיר און לייגט זיך אין בעט אריין.

נו, פרעג איך אייך, רבי, קען מען צוטרעטן צו אזא יפיפיה? איך זאג אייך, רבי, אז עס שלאגט די גרינע גאל פון איר! פאלגט מיך א גאנג און גיט אזא פרוי א קוש!

ווייטער האט זי טענות צו מיר, אז איך גיב איר נישט גענוג „פלעזשע.”

טענה איך צו איר: „באשע מירל, איך בין דען א באנקיר, א מיליאנער? איך בין דאך נישט מער ווי א חברה קדישא שמש. ווען עס מאכט זיך א מת, מוז איך עס היטן... אויפזיין א גאנצע נאכט און זאגן תהלים, קריג איך א דרייערל. וואלט עס געווען נישט קיין שלעכט געשעפט, ווען איך האב זיך מיר אלע נאכט אן אנדער מת; ווי איז אבער דער דין, זאג איך, אז איך האב נישט מער ווי 4 מתים א וואך.”

ב. קאַווּנער

דערגייט זי מיר די יאָרן ! זי פון איין זייט און די שווינגער פון דער צווייטער זייט און דער טויבער שווער העלפט גלאַט אַזוי אונטער־בורטשען . . .

ווי געזאָגט, רבי, וויל איך אויף מיין פּרוי קיין שלעכטס נישט רעדן . . . וואָס איך וויל איז, אַ גט ; נאָר אַ גט !

און כדי איר זאָלט עס מאַכן וואָס גיכער, וועל איך אייך מאָרגן צוברענגען מיין באַשע מירלען.

איך בין זיכער, אַז ווי נאָר איר וועט אַ קוק טאָן אויף איר, וועט איר מיר באַלד געבן אַ גט. דערווייל האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

אַ דאָלער וויינט...

(אַ טשיקאַווער חלום)

נישט לאַנג צוריק איז מיר מיין איינציקער דאָלער געקומען צו חלום, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיין געלעגער און מיט טרערן אין די אויגן גענומען וויינען: „האָב רחמנות אויף מיר: אויף דיין איינציקן דאָלער, וואָס דו פאַרמאָגסט אין דער באַנק און באַפריי מיך פון דאָרטן; באַפריי מיך פון הינטער די שווערע אייזערנע גראַטעס; ווי לאַנג איז דאָס דער שיעור דאָרט צו ליגן? דאָרט איז פינצטער, חושך, אומעטיק; מען זעט נישט די וועלט; פאַרוואָס קומט עס מיר? נאָך אַלעמען בין איך דאָך דיין בעסטער פריינט אין לעבן.

„איך בין דיר אַ סך געטרייער ווי דיין אייגן ווייב, ווי דיינע קינדער, האָב רחמנות אויף מיר און באַפריי מיך. איך בין נישט געוואוינט צו אַזאַ לעבן. איך בין אַ גרויסער יחסן. מיין לעבנס־געשיכטע איז זייער אינטערעסאַנט:

„ווען איך בין אַרויס פון וואַשינגטאָן, דאָס ערשטע מאָל, בין איך געווען יונג און שיין און ריין און לעבעדיק און קנאַקעדיק. אַ שיין בלאָנד מיידל האָט מיך אין האַנט געהאַלטן, מיך געגלעט מיט אירע ווייסע פינגער און זיך געוואונטשן, איך זאָל זיין אירער... אָבער מיר איז נישט באַשערט געווען אַזאַ גליק; בין איך פון וואַ־שינגטאָן אַריינגעפאַלן אין אַ בראָנזווילער באַנק, אויף פיטקין עוועניו; און פון דער באַנק בין איך אַריינגעפאַלן צו אַ באָס פון דרעסעס. דער באָס האָט מיך אַוועקגעגעבן צו זיינעם אַן אָפּערייטאָר. דער אָפּערייטאָר האָט מיך געהאַלטן ביי זיך אין קעשענע אַ פּאָר שעה און מיך איבערגעגעבן צו זיין כלה. די כלה האָט מיך איבערגעלאָזן אין אַ דראָג־סטאָר. זי האָט פאַר מיר באַקומען פּאַודער און ליפּסטיק. פון דראָגיסט בין איך אַריבער צו אַ קאָמפּאַני פון אייז־קרים, און די

קאָמפּאַני האָט מיך איבערגעגעבן צו אַן עקספּרעסמאַן. דער עקס־פּרעסמאַן האָט מיך אַוועקגעגעבן צו זיין ווייב, אַ פעטע, איירישע גויע. איז זי געגאַנגען און מיך אַוועקגעלייגט צו זיך אין בוזים... בין איך דאָרטן שיער נישט דערשטיקט געוואָרן, נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן... נאָך אַ גליק וואָס זי האָט מיך פון דאָרט באַפרייט און מיך איבערגעגעבן צו איר בוטשער, און דער בוטשער — אין שלאַכט־הויז, און פון שלאַכט־הויז בין איך אַריבער צו אַן אַנדער בוטשער; פון אַנדערן בוטשער — צו זיינס אַן אַרבעטער.

„דער אַרבעטער האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין אַ טערקישע באָד און פון טערקישן באָד בין איך אַריינגעפאַלן צו אַ פאַרשטשיק, אַ ליט־וואַק. האָט מיך דער ליטוואַק אַוועקגעגעבן צו זיין לענדלאָרד; האָט מיך דער לענדלאָרד איבערגעגעבן צו אַ פּעינטער, דער פּעינטער צו זיין פרוי, די פרוי צום אייזמאַן, דער אייזמאַן צו זיין ווייב, זיין ווייב צו אַ שוך־סטאָר. פון דער שוך־סטאָר בין איך אַריבער צו אַ טעקסי־מאַן, פון טעקסי־מאַן צו אַ בוטלעגער, פון בוטלעגער צו אַ קעפּטן פון דער פּאָליס; דער קעפּטן האָט מיך פאַרגעמבלט אין קאָרטן, און דער, וואָס האָט מיך געוואונען ביים קעפּטן, האָט מיך צוריקגעגעבן צום זעלבן קעפּטן.

„דער קעפּטן האָט מיך אַריינגעטראָגן אין אַ באַנק; פון דער באַנק בין איך אַריינגעפאַלן צו אַ לערער פון פּאַבליק סקול; פונם לערער — אין אַ רעסטאָראַן; פון רעסטאָראַן — צו אַ וועיטער און פון וועיטער — צו זיינע אַ געליבטע; די געליבטע האָט מיך אַוועק־געפירט אין אַ טעאַטער; דער טעאַטער האָט מיך איבערגעגעבן צו אַן אַקטיאָר, און דער אַקטיאָר — האָט מיך פאַרשפּילט אין פּינאָקל.

„געוואונען האָט מיך אַ באַרימטער חזן; דער חזן האָט מיך פאַרשפּילט צו אַ ברונעטער ווייבל מיט שוואַרצע אויגן, און דאָס ווייבל האָט מיך אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן ביי זיך אונטערן קישן און אויף מאָרגן האָט מיך דער זעלבער חזן אָפּגעוואונען צוריק. פון חזן בין איך אַריבער צו אַ באַרבער, פון אים — צו זיין געליבטער און פון איר — צו אירן אַ גוטן פריינט. דער גוטער פריינט האָט מיך איבערגעגעבן אין אַ סיגאַר־סטאָר, פון סיגאַר־סטאָר בין איך אַריינגעפאַלן צו אַ גענגסטער, פון גענגסטער — צו אַ פּאָליסמאַן, פון פּאָליסמאַן — צו אַ טעמעני פּאָליטישען. דער טעמעני פּאָלי־

טישעןהאָט מיך אַריינגעטראָגן אין זיין באַנק. דערנאָך האָסטו אָפּ־געביטן אַ טשעק, בין איך אַריינגעפאַלן צו דיר; אויף מאָרגן — בין איך אַריינגעפאַלן צוריק אין באַנק.

"דו אַליין האָסט מיך אַריינגעטראָגן. איך געדענק אַפילו די צייט. דאָס איז געווען אַרום איינס אַזייגער נאָכמיטיק, אין אַ דאָ־נערשטיק.

„שפּעטער, ווען דו האָסט אַרויסגענומען אַלע דיינע געלדער, אַרום 150 דאָלער, האָסטו מיך, איינעם אַליין, איבערגעלאָזן אין אין באַנק און אַזוי ליג איך דאָרט ביז היינטיקן טאָג. ווייל איך, אַז דו זאָלסט רחמנות האָבן אויף מיר און מיך באַפרייען. איך בין שוין אַלט און צעקנייטשט און צעקאָרטשעט; די פּאָר חדשים, וואָס מיר איז נאָך באַשערט צו לעבן, ווייל איך לעבן! בעט איך דיך, מיט טרערן אין די אויגן, דו זאָלסט מיך נאָך לאָזן זען די ליכטיקע וועלט. נעם מיך אַרויס און שענק מיך אַ וועק צו אַן אָרימאַן. אין זיין קע־שענע וועט מיר זיין גראַם. ער וועט מיך גלעטן, ער וועט מיך אָפּ־היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער וועט מיך שעצן און אַכטן און מיר אָפּגעבן אַ סך כבוד. און אַז ער וועט זיך מוזן שיידן פון מיר, וועט ער וויינען פאַר האַרצווייטיק".

— —

איך האָב דעם דאָלער אויסגעווישט די טרערן און אים גע־טרייסט:

— איך וועל דיך זיכער באַפרייען, — האָב איך געזאָגט — און דיך אַוועקגעבן צו אַן אַרבעטסלאָזן, אָבער נישט היינט.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט געיאָמערט דער אָרימער, געפאַלענער דאָלער.

— ווייל... ווייל... די באַנק, וואו דו געפינסט זיך, האָט זיך פאַר־מאַכט און אָנגעזעצט שווערע געלטער, זי האָט אָנגעפּיפּט און איך קען דיך נישט באַפרייען.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז שוין דער דאָלער ניט געווען. ער איז נעלם געוואָרן.

פילאַדעלפיע איז שולדיק

מיין חבר, בערל נח, איז געווען אַ האַלבער דיכטער און אַ האַלבער פילאָזאָף.

ביז 40 יאָר איז ער געווען אַ בחור: ער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן.

„חתונה האָבן איז די גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין דער וועלט; דאָס גרעסטע אומגליק וואָס די מענשהייט האָט געקענט אויסטראַכטן", האָט ער געזאָגט.

אַז איך האָב איבּ געפרעגט: בערל נח, פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי? אָט לעב איך דאָך מיט מיין פרוי שוין אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען, אונטער איין דאַך, און מיר זענען צופרידן: מען קושט זיך, מען האַלזט זיך, מען האָט נחת איינער פונם צווייטן. אמת, מען ווערט אַמאָל אין כעס אויך, נאָך מער ווי אין כעס; מען ברעכט אַמאָל אויס דאָס געשיר פון הויז; מען טראַכט פון נעמען זיך דאָס לעבן; פון אַנטלויפן; אָבער דאָס גייט גיך אריבער, און ווידער קושט מען זיך, און ווידער ליבט מען זיך.

אָפטמאָל איז דער איבערבעטן זיך מער ווערט ווי אַלץ אין דער וועלט.

האָט מיך מיין חבר אויסגעהערט און געענטפערט פילאָזאָפיש:

איך וועל זיך פון דיר קיין ביישפיל נישט נעמען; איך באַטראַכט דאָס גאַנצע לעבן פילאָזאָפיש; איך האַלט די הייראַט פאַר אַ גרוים אומגליק; איך וואָלט זיך בעסער צען מאָל גע'גט, איידער איין מאָל חתונה געהאַט. יאָ, אין גט'ן זיך ליגט טויזנט מאָל מער פריִיד, מער פאַרגעניגן, מער אויפטו, ווי אין אַכטצן חתונות.

איז איין מאָל, אָט דער בערל נח, אַוועק ערגעץ אויף אַ זונטיק און — מאַנטיק אינדערפרי איז ער צוריקגעקומען אַ פאַרהייראַטער.

ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ ווייבל ווי אַלע ווייבלעך וואָס

מיר, מאַנסבילן, האָבן און וועלן האָבן, כל־זמן מיר וועלן זיין מאַנסבילן.

דעם זעלבן מאָנטיק האָט מיך בערל נח אָפּגערופן ביים טעלעפאָן און מיר אָנגעזאָגט די בשורה: זיי וויסן, אַז איך האָב חתונה געהאַט און אַז איך האָב אַ ווייבל פּונקט ווי אַלע פּאַרהייראַטע מענשן וואָס זענען נישט קיין דיכטער און נישט קיין פילאָזאָפן. און איך בין צופרידן און זי איז צופרידן. הייסן הייסט זי דזשעני. קום אַריבער היינט אָוונט צו מיר. דערווייל בין איך נאָך אין מיין צימער. מאָרגן וועלן מיר אַרויסגיין זוכן דריי שיינע צימערן ערגעץ אין די בראָנקס. גוד־באַי.

אין אָוונט בין איך אַרויף זען מיין חבר בערל נח'ן.

איך האָב אים געטראָפן אַליין אין צימער — ער מיט זיין שאָטן.

ער האָט זיך, פון אָנהויב, אַביסל פאַרשעמט, דערנאָך איז ער געקומען צו זיך.

— וואו איז דיין ווייבל? — פרעג איך מיין חבר.

— זי איז אַרונטער אין גאַס עפּעס אַרויפברענגען נאַשעריי.

— ווען האָסטו חתונה געהאַט?

— נעכטן ביינאַכט.

— וואו?

— אין פילאַדעלפיע.

— האָסט געקענט דאָס מיידל?

— ניין.

— האָסט איר דעם ערשטן מאָל געזען? — פרעג איך אים.

— יאָ, דעם ערשטן מאָל.

— וואו האָסטו איר באַגעגנט?

— אין גאַס.

— וואָס מיינסטו?

— אָט וועל איך דיר דערציילן ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען: נעכטן אין דער פרי איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן אַריינצופאָרן אין פילאַדעלפיע. איך האָב געוואָלט באַטראַכטן די שטאָט. ווי נאָר איך בין אַרונטער פון טרעין, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ געדיכט רעגנדל, אַ קאַלטס, אַ בייסיקס, אַ פּאַסקודנעס. עס האָט מיר דורכגענומען די ביינער. און דאָ האָב איך ניט קיין איין באַקאַנטן וואו אַריינצוגיין.

ווייל איך עסן — זענען די רעסטאָראַנען פארמאַכט; ווייל איך זען א מואווי — זענען די מואווים פארמאַכט; ווייל איך אריין אין אידישן טעאַטער — פאַרמאַכט; ענגליש טעאַטער — פאַרמאַכט. די מוזעאומס — פארמאַכט; די געשעפטן — פארמאַכט; וואָס טוט מען? און דער פאַסקודנער רעגן גייט און גייט און ער קריכט מיר אריין אין די ביינער כאָטש נעם און ווער משוגע! און הונגעריק בין איך; און אין כעס בין איך; און — דאָ קומט מיר אנטקעגן א מיידל, א בלאַסע, אַן עלנטע, מיט אַן איידעלן פּנים, שטעלט מיך אָפּ, אַזוי־אָ, און טוט אַ פרעג ביי מיר: „זאָגט, איך בעט אייך, וואָס פאַר א סאָרט שטאָט איז פילאַדעלפיע? איך בין אהער געקומען היינט פרי פון ניו יאָרק אָנקוקן פילאַדעלפיע, איז אַלעס פארמאַכט: די טעאַטערס, די רעסטאָראַנען, די מוזעאומס, די געשעפטן — מען קען דאָך דאָ זונטיק ארונטער פון זינען!"

זע איך דאָך, אז דאָס מיידל איז אויך א פארבלאָנדזשעטע, אַן עלנטע אזוי ווי איך, רעדן מיר זיך פאַנאַנדער; געפעל איך איר און זי געפעלט מיר.

אין אונזער געשפּרעך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט אויך פיינט דאָס פארהייראַטע לעבן; אז זי האָט אויך אָפּגעמאַכט נישט חתונה האָבן. זי זעט ניט די „גליקן" פון אירע עלטערן, פון אירע שוועסטער און ברידער און חבר'טעס; ניין, זי וועט נישט חתונה האָבן.

איז מיר איר לשון שטאַרק געפעלן; זי האָט גערעדט ווי אַן אינטעליגענטער מענש דאַרף רעדן; זי האָט אויך, פאַרבייגייענדיק, דערמאָנט אַזעלכע שרייבער ווי גאָרקי, בערנאַרד שאָא, מאָפּאַסאַן, וויקטאָר הוגאָ, טאָלסטאָי — אַלץ באַוואוסטע נעמען, איז דאָס מיר געפעלן.

דערווייל גייען מיר און דער רעגן גייט אויך און ס'ווערט עפּעס אזוי קאַלעמוטנע. מיר האָבן זיך נישט וואו צו לאָזן.

זאָג איך צו איר: „הערט, אַזוי ווי ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן, און דער רעגן גייט, און אַלע געשעפטן זענען פארמאַכט, און די טעאַטערס און די רעסטאָראַנען זענען פארמאַכט און דער טאָג גייט אַוועק מיט גאָרנישט, און דאָס לעבן איז קורץ, און מען דאַרף שוין באַלד צוריק פאָרן אין נויאָרק, און איר געפעלט מיר, און איך, וועדליק

איך זע, געפעל אייך אויך, טאָ לאָמיר אריינגיין אין אידישן געגנט, אויפזוכן א רב, איך וועל אים געבן עטלעכע טאָלער, וועט ער אונז חתונה מאכן, שטעלן א חופה און געסעטלט. דערווייל וועלן מיר זיין פארהייראַט אין אידישן. וועט אונז פאַליובן דאָס פארהייראַטע לעבן, וועלן מיר זיין צוזאַמען, טאָמער ניט — זענען מיר ווידער פרייע מענשן. מיר וועלן זיך פאַנאַנדערגיין. לאָמיר וואוינען צוזאַמען א פּאָר וואָכן אויף פּראָבע.״

זאָגט זי: „אויב אויף פּראָבע, וואָס־זשע דארפן מיר דעם אידישן רב, אָדער דעם גויאישן געזעץ? קען מען דאָך וואוינען גלאַט אזוי־אָ; וואָס דארפן מיר נאָך אריינשטופּן א פרעמדן רב עטלעכע טאָלער? מיר קענען דאָך בעסער פאַר דעם געלט אריינפאָרן אין נויאָרק און לעבן א גוטן טאָג; וואָס האָבן מיר דאָ צו פארלירן?״

הקיצור: איך האָב זי געפאָלגט און איצט זענען מיר פארהייראַט. לעצטע נאכט זענען מיר שוין געווען צוזאַמען און מיר דענקען, אז מיר'ן שוין אזוי בלייבן צוזאַמען.

הייסט עס, אז שולדיק איז פילאַדעלפיע: ווען אין פילאַדעלפיע וואָלט נישט גערעגנט און די רעסטאָראַנען און די טעאַטערס וואָלטן זיין אָפן, וואָלט מיין חבר בערל נח נישט חתונה געהאַט.

אַמעריקאַנער קינדער

(מאָנאָלאָג פון אַ טאַטן)

...קומט איר זיך צוגיין און איר ווילט מיר איינשמועסן, אַז די היגע קינדער זענען ניט ערגער ווי די יוראָפּשע. אויב אַזוי, ווייסט איר ניט, במחילה, וואָס איר רעדט. אין יוראָפּ אַ זון, גייט אין חדר, נעמט אַ אידיש וואָרט אין מויל אריין: קען דאַווענען, פאַרשטייט אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל תהלים, אַ בלעטל גמרא, קען זאָגן די הפטורה, קען זאָגן קדיש — אַ מחיה! טאַטע־מאַמע האָבן נחת; די שטאָט בענשט זיך מיט אים; דער רב גיט אים אַ קניפּ אין בעקל; דער דיין אַ גלעט... און דאָס קינד, פאַר גרויס פרייד, שיינט ווי די זון. אָט דאָס איז יוראָפּ, ניט אַמעריקע. אין אַמעריקע לאַכן זיי זיך אויס פון אידישקייט. דאָ ליגט זיי בעסער אין זינען דער בייס באָל.

הערט אַ מעשה:

צוויי קינדער האָב איך: אַ זון און אַ טאָכטער. איז די טאָכטער אַ שיינע, אַ געראָטענע: קען שפּילן פּיאַנאָ, העקלען, נייען, קאָכן — אַ בריה! אַלץ קען זי. געראָטן אין מיר, אין איר טאַטן. דערפאַר אָבער איז שוין דער זון מיינער אַ שלים מזל, אַ לא יוצלח, אַ גאָרניט. געראָטן אין דער מאַמען. מער ווי שפּילן בייס באָל קען ער ניט. אָבער אַ שפּילער! די ענגלישע פּייפּערס שרייבן, אַז ער איז ממש אַ גאון. און טאָמער איז דאָס ווינציק, איז ער געגאַנגען, דער קדיש מיינער, און געגרינדעט אַ פאַראיין, אַ מין „אנשי בייס באָל", וואו ער, דער תכשיט מיינער, איז דער פּרעזידענט, און אַלע מעמבערס מוזן טראָגן גלייכע סוטס, אַזעלכע אויסגעבעטע הויזן, און העמדער מיט בוכשטאַבן. ווייסט איין גאָט אין הימל וואָס דאָס מיינט. אויפן קאָפּ טראָגט יעדער איינער אַזאַ קאַטשקעטל מיט אַ לאַנגן שפּיציקן דאַשיק, ווי אַ באָטשאַן. און אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק טוט ער אָן די דאָזיקע באָל־קליידער, נעמט אין איין האַנט אַ לעדערנע

הענטשקע, אין דער צווייטער אַ גראָבן שטעקן און ער פּאַרט אַוועק ערגעץ אויף אַ שטיק לידיק פעלד, און די גאַנצע חברה מיט אים און דאָרטן שפּילט מען אַ גאַנצן טאָג.

אַז איך פרעג אים נאָך וואָס עס טויג אים דער גאַנצער געשלידער, מיטן גאַנצן טאַראַראַם, ענטפערט ער מיר, אַז דאָס איז זייער גוט פאַרן געזונט; דאָס בלוט, זאָגט ער, באַוועגט זיך בעסער.

מילא, דו זאָגסט ס׳איז געזונט, ווייסטו דאָך מסתמא, וואָס דו רעדסט...

מיט אַמאָל קומט ער אַהיים אַ הינקענדיקער. קוים וואָס ער שלעפּט דעם פוס.

— וואָס איז דאָס?

— גאָר ניט — זאָגט ער — איך האָב באַקומען — זאָגט ער — אַ שטאַרקן זעץ אין פוס מיט אַ באַל. יענער האָט שלעכט געוואָרפן, איז מיר דער באַל אַריין גלייך אין קני און מיר באַלד דעם ביין איבערגעבראָכן!

האָט מיין אידענע אים צוגעלייגט קאַלטע וואַסער, קאָמפּרעסן הייסט דאָס, געריבן מיט קענפער־אויל, מיט עסיק, מיט חזיר־שמאַלץ, און געלויבט דער אויבערשטער, ער איז געזונט געוואָרן און — ער איז ווייטער אַוועק שפּילן.

איין טאָג, איך גיב אַ קוק, מיין בחור קומט אַהיים מיט אַ פאַר־בונדענעם קאָפּ!

— וואָס איז דאָס, בעני? (ער הייסט בעני).

— דאָס — זאָגט ער — איז גאָרניט; איך האָב באַקומען — זאָגט ער — אַ כמאַל מיט אַ האַרטן באַל אין שטערן. און מיין בחור האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, באַקומען אַ שטאַרקן פיבער. אפשר הונדערט מיט פיר גראַד היץ האָט ער געהאַט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט דאָקטוירים, מיט מעדיצינס, מיט רעצעפּטן, מיט באַנקעס, מיט אייז אויפן קאָפּ — עס האָט מיך אַריינגעטריבן אין שיינע עטלעכע דאָלאַר. נו, זאָג איך, איצט איז אַ סוף, גענוג שפּילן באַל; אַ סוף מוז עס נעמען!

טענהט ער ווידער זיין אַלטע טענה: „באַל שפּילן איז געזונט; דאָס מאַכט שטאַרק דעם מענשן; מאַכט קאָכן זיין בלוט. נישטאָ קיין געזונטערע זאַך אויף דער וועלט ווי שפּילן באַל.״ אָט אַזוי

טענהט ער, און בעת מעשה קרעכצעט ער און עקט מיטן לעבן.

זאָג איך: ווי קען דאָס זיין געזונט, אז דו קומסט מיר אַלע טאָג אַהיים אוים מענש?

האָט ער שוין גאָר ניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. ווי איינער רעדט: „שלעכט, אז דער טאַטע איז אַ גרינער!"

אז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך ווידער אויסגעפוצט אין די אויסגעבעטע הויזן און ער איז ווידער אַוועק שפּילן.

ווי אַ מאַגנעט, ווי אַ כשוף האָט עס אים געצויגן.

הקצור, עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי שעה אויפן זייגער, אהא! אַן איבערגעלאָף אין דרויסן פון מענשן. איך טוט אַ קוק דורכן פענצטער, ווי איז מיר! וואָס איז דאָס? מען טראָגט דעם בחור מיינעם אריין אויף די הענט.

מילא, וואָס טויג איך דער גאַנצער ברייען, מען האָט אים ארויסגענומען אַן אויג! פאַר אַן אייביקן קאַליקע האָט מען אים געמאַכט!

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ סדרה מיט דאָקטוירים, און אַפּטייקערס, און וואַסערלעך, און שפּריצערלעך, און שמירעכצער און געלט איז געפלאָסן ווי אַ טייך! און געהאָלפן האָט עס ווי טויטע באַנקעס!

עטלעכע יונגאַטשעס פון זיין געגנט, פון זיין פאַראיין, הייסט עס, זענען אים געקומען אַלע ווײַלע געוואָר ווערן. זיי האָבן אים זייער באַדויערט און געזאָגט, ווען ניט די געשיכטע מיטן אויג, וואָלט ער זיכער געוואונען די געים.

— וואָס וואָלט שוין געווען, זאָג איך, אז ער וואָלט די געים געוואונען? משיח וואָלט געקומען? דירה־געלט וואָלט ביליקער געוואָרן? דער יקרות אויף עסנווארג וואָלט זיך פאַרקלענערט?

איז געוואָרן צווישן די יונגאַטשעס אַ געלעכטער און איינער פון זיי, אַ דיקער יונגאַטש, מיט אַ פלײשיקער נאָז, האָט ארײנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און דערלאַנגט אַ הילכיקן פייף. גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. חוזק צו מאַכן פון מיר.

האָט מיך שוין דער עסק שטאַרק פאַרדראָסן, האָב איך געעפנט די טיר און זיי אַלע ארויסגעיאָגט.

און מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קדיש אָן אַן אויג!

אָפּענע מיילער

קומט צו מיר מיינער א גוטער פריינט נאָך פון דער היים, פון פינטשעוו, א איד מיטן נאָמען סענדער, און ער פרעגט מיך, שטיל, אויפן אויער, מיין ווייב זאָל נישט הערן:

— איז דאָס אמת?

— וואָס — פרעג איך סענדערן — איז אמת?

— איך ווייס נישט צי עס איז אמת; איך וויל דאָס ערשט אויסגעפינען.

— וואָס ווילסטו אויסגעפינען? רעד ווערטער; איך פאַרשטיי דיך נישט.

— איך מיין... איך מיין... דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין...

— סענדער, אָדער רעד ווי א מענש, נישט קיין האַלבע ווערטער, אָדער שוויג.

— איך רעכן, אז אין אזא פאַל איז טאַקע גלייכער אז מען רעדט נישט... אויך דערויף איז עס דאָך אמעריקע; איך לייען וועגן אזעלכע זאַכן יעדן טאָג אין די צייטונגען... איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, אויב אזא זאַך געלינגט, איז ניט שלעכט... איך קאָן א היבש ביסל מענשן, וואָס זענען נאָך אזא חתונה ארויס מיט א סך געלט און זיך נאָך געראטעוועט דעם נאָמען אויך. זיי האָבן „געצעטלט" מיט זייערע קרעדיטאָרס אויף 25 פּראָצענט... למשל, פּנחס. פּנחס האָט אָנגעפּייפט אויף 60 טויזנט, האָט ער „געצעטלט" די גאַנצע מעשה מיט 15; איז ער ארויס מיט ריינע 45 טויזנט דאָלער. אויב דו וועסט מאַכן אזוי ווי פּנחס, וועט עס מיר הנאה טאָן; מחמת די, וועמען דו פייפסט אָן, פייפן אָן אַנדערע. און די אַנדערע פייפן אויך אָן אַנדערע. און אזוי גייט עס... ווען מיר זאָלן זיך נעמען גריבלען אין יעדנס געשעפטן, וועט זיך ארויסווייזן, אז ענטוועדער ער האָט שוין אָנגעפּייפט, אָדער ער האַלט אין אָנפּייפן, אָדער ער האָט דאָס פּייפעניש אָפּגעלייגט אויף א קורצער צייט.

שטיי איך און קוק אויף סענדערן און איך הויב נישט אָן צו וויסן וואָס ער בעבעט; נישט אַנדערש, אַז ער איז ארונטער פון זינען.

נעם איך אָן סענדערן פאר א האנט, טו מיט אים א טרייסל ווי מיט א לולב:

— סענדער! וואָס האָסטו דאָ אָנגעבאָלבעט? וואָס האָסטו עפּעס א טשייניק מיט אָנפּיפן? ווער פּייפט, און ווער האָט שוין געפּיפן, און ווער דענקט ערשט צו פּייפן? רעד ווערטער!

נעמט סענדער שטאַמלען: מ־ע־ע־ע... מ־ע־ע־ע־ן זאָגט, אַז... אַז דו האָסט מיט דריי וואָכן צוריק באַנקראָטירט, זאָגט מען... אָנגעפּייפט אויף פופציק טויזנט דאָלער... בין איך דאָס געקומען אויסגעפינען, אויב ס'איז טאַקע אמת...

— ווער האָט עס דיר געזאָגט אַזאַ זאַך? ווייסטו, סענדער, אַז דו קענסט מיך אומגליקלעך מאַכן? ווייסטו, אַז איך קאָן דיך ארעסטן פאר פארשפּרייטן וועגן מיר אַזאַ זאַך? און איך וועל עס טאָן אויך; אַזאַ פאַרברעכן טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן!

— מיר האָט עס דערציילט מעכל...

איך האָב אים געזען אין אידישן טעאַטער, דאָס איז געווען לעצטן שבת נאַכט. כאַפּט ער מיך אָן, שלעפּט מיך אַוועק אָן א זייט און זאָגט צו מיר: „דו ווייסט, סענדער, הערשל האָט דאָך אָנגעפּייפט אויף 50 טויזנט דאָלער. הלוואי מאַכן מיר דאָס ביידע, וויפיל הערשל וועט מאַכן!"

— האָט עס דיר געזאָגט מעכל? אויב אַזוי, דאַרף מען גיין צו מעכלען און אויסגעפינען ווער ס'האָט אים געזאָגט. איך וועל אַזאַ פאַלשן קלאַנג נישט צולאָזן וועגן זיך; איך האָב נאָך אין מיין גאַנצן לעבן ביי קיינעם קיין סענט ניט צוגענומען און הלוואי ווייטער! איך וועלן בעסער אויסגיין פאַר הונגער מיט מיין פרוי און קינדער, איידער צונעמען יענעמס.

לויף איך מיט סענדערן באַלד אַוועק צו מעכלען, לאָזט זיך אויס, אַז מעכל איז אַוועק אין א טערקישער באָד.

פלי איך אַוועק אין באָד, און איך דערטאַפּ מעכלען אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

— מעכל, האָסטו געזאָגט סענדערן אַז איך האָב באַנקראָטירט?

— יאָ, איך האָב אים געזאָגט, איך; און מיר האָט עס געזאָגט הענעך דער זייגערמאַכער. איך האָב הענעכן באַגעגנט זונטיק אָוונט ביי אַ מיטינג, האָט ער עס מיר געזאָגט.

— דענקסטו, אַז איך וועל איצט טרעפן הענעכן אין הויז?

— איך דענק אַזוי. ער שפּילט אודאי מיט זיין פרוי אַ קאַסינאַ.

לויף איך אַוועק, שוין אָן סענדערן, צו הענעכן. ער איז געזעסן און געלייענט אַ ציטונג.

הענעך איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן:

— העלאָו, הערשל! אַך, ס'אַרא גאַסט! זיץ! — און ער רוקט מיר אונטער אַ בענקל.

איך זעץ זיך און קום באַלד אַרוים מיט לשון:

— האָסטו געזאָגט מעכלען אַז איך האָב באַנקראָטירט אין 50 טויזנט דאָלער?

— יאָ, איך האָב עס געזאָגט מעכלען, דאָס איז געווען לעצטן זונטיק ביי אַ מיטינג פון די פינטשעווער.

— ווייסטו אַז דאָס איז אַ נידערטרעכטיקער ליגן, אַ געמיינע פאַרלוימדונג? איך וועל דיר דאָס נישט פאַרשווייגן! דו האָסט עס דערציילט מעכלען, מעכל האָט דאָס דערציילט סענדערן, און סענדער האָט עס מיר דערציילט. אַזאַ קלאַנג קען מיך אומגליקלעך מאַכן!

— וואָס שרייסטו אויף מיר? אויב שוין יאָ שרייען, דאַרפסטו בעסער שרייען אויף יאָסלען, ווייל יאָסל האָט עס מיר דערציילט.

— וועלכער יאָסל?

— וואָס הייסט, וועלכער? יאָסל דער גרוש. ער איז געווען ביי מיר אין סטאָר פיקסן אַ זייגערל, האָט ער עס מיר דערציילט. וואו ער האָט עס געהערט, ווייס איך נישט.

יאָסל איז אַ איד, וואָס האָט זיך שוין גע'גט מיט דריי ווייבער, רופט מען אים דערפאַר „יאָסל דער גרוש."

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך אַוועק אויפזוכן יאָסלען. איך האָב אים געטראָפן אין אַ קאַפעטעריע. ער איז געזעסן און געגעסן אַ טעלער געקאָכטע פלוימען מיט זיסע קרים.

איך האָב אים נישט באַגריסט; איך האָב זיך געזעצט לעבן זיין

טישל, באַשטעלט קאַווע מיט אַ ציבעלע־פּלעצל, און באַלד אַ פרעג געטאָן ביי אים:

— האָסטו געזאָגט העגעכן דעם זייגערמאַכער, אַז איך האָב באַנקראָטירט?

— דאַכט זיך, אַז יאָ...

— דו ביזט נישט זיכער?

— וואָס איז דען?

— וואָס זאָל זיין? אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דו האָסט פאַרשפּרייט אַזאַ סלוך, וועסטו ביי מיר דערפאַר פוילן אין דזשייל. איך וועל זיך נישט לאָזן אומגליקלעך מאַכן פון אַזעלכע זשוליקעס ווי דו!

— שאַ, שריי נישט אַזוי, איך ווער פון דיר נישט גליקלעך! אויב שרייען, דאַרפסטו שרייען אויף מנשהן. ער, מנשה, האָט דאָס מיר געזאָגט. איך האָב אים באַגעגנט ביי מעשלם לויה, האָט ער מיך געפרעגט: „אויב איך ווייס שוין די נייעס?"

— פרעג איך אים? „וואָס פאַר אַ נייעס?" זאָגט ער: „הערשל האָט באַנקראָטירט אויף פופציק טויזנט דאָלער."

— ווען איז דאָס געווען?

— איך זאָג דאָך דיר, דאָס איז געווען אויף מעשלם לויה.

— ווער האָט דאָס געזאָגט מנשהן?

— מנשה האָט עס געהערט פון קאַפּלען; און קאַפּל האָט עס געהערט פון פינטשעווער חזן, יששכר; און יששכר האָט עס געהערט פון חיים לייב דעם שוחט; און חיים לייב דער שוחט — פון אַנשל דעם בלעכער און אַנשל דער בלעכער פון זעליק דעם שדכן...

אָט אַזוי, ווי איר הערט, ציט זיך דאָס ווי אַ קייט מיט רינגעלעך, איין רינגעלע אין צווייטן, געקניפּט און געבונדן.

קענט איר מיר נישט זאָגן, ווען מענשן וועלן פאַרמאַכן זייערע מיילער?

אַ מלאך, אַ גאָט!

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ ווייבל)

הערט איר, קרוינעלע, האָב איך אַ באָרדער, האָט איר נאָך אַזאַ שטיק גאָלד, אַזאַ געבילדעטן מענשן נישט געזען. טאַקע נאָר גאָט האָט מיר אים צוגעשיקט! אַזאַ באָרדער האָט געמעגט איינשטיין אַפילו ביים פּרעזידענט פון אַמעריקע.

אַז ער איז גאָר נישט קיין מענש... אַ מלאך איז ער, אַ גאָט! וואָס זאָג איך אַ גאָט? ער איז אַ פּאָעט! טאָג און נאַכט קען ער זיך אַזוי אָפּזיצן אין זיין צימער און שרייבן לידער. און איבער וואָס איר ווילט שרייבט ער. ער לאָזט נישט דורך קיין בלום, קיין טייך, קיין וואַלד, קיין פעלד, קיין לאָנקע ער זאָל זי נישט באַזינגען. און אַלץ אין גראַמען. אָן גראַמען איז ביי אים נישטאָ.

איר זאָלט הערן, קרוינעלע, ווי זיינע גראַמען גראַמען זיך, וואָלט איר געשטאָרבן!

היינט שרייבט ער לידער וועגן ליבע. באַזינגט ער זיין געליבטעס גאָלדענע האָר און אירע בלויע אויגן און אירע קאַרשן־ליפּן. האָט איר נאָך, הערט איר, אַזעלכעס ניט געהערט. ער האָט שוין אַפילו באַזונגען מיינע אויגן אויך. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אין מיינע אויגן ליגט אַן אייביקער כשוף, וואָס ציט מיט טויזנטער סטרונעס פון הונדערטער גאָלדענע פידלען.

ווען מיין מאַן גייט צו דער אַרבעט און איך שיק אַוועק די קינדער אין סקול, און איך בלייב אַליין אין הויז, דעמאָלט קומט ער אַריין זיך וואַשן. דאָס ווייסע האַנטיכל אויפגעהאַנגען אויף אַן אַקסל; די שוואַרצע קוטשעראַווע האָר צעשויבערט, און איידער ער גייט נאָך צו צום סינק, זאָגט ער מיר דעם פיינעם גוט־מאָרגן און ער לאָזט מיר וויסן, אַז היינט קוק איך אויס אַ סך שענער און פרישער ווי אַלע מאָל.

נעכטן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען ער זעט מיין קערפּער,

דאַכט זיך אים אויס אַז אין הויז גייט אַרום אַ פרילינג.

ער האָט אַזעלכע שיינע ווערטער, אַז ס'איז אַ פאַרגעניגן צו הערן.

און אַזוי רעדנדיק, גייט ער צו צו מיר, און איידער איך קוק זיך אַרום, אַהאַ! ער האַלט מיך שוין אַרומגענומען און ער מאַכט זיך שוין משוגע. זיין גליק איז וואָס איך בין נישט קיין בייזע. אַן אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט אים אָפּגעשטויסן פון זיך אָדער באַ־ליידיקט, אָדער אַרויסגעטריבן פון הויז.

אָבער מיך אַרט עס ווי די וואַנט; אַז ער גלייכט שטיפן, אַז ער האָט דערפון פאַרגעניגן, געזונטערהייט, זאָל אים וואויל באַקומען! נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַן עלנדער. און אַזוי ווי ער נעמט מיך אַרום, קען ער זיך שוין ניט איינהאַלטן, און ער נעמט מיך שוין קושן אויך. ער זאָגט, אַז פּאָעטן האָבן שוין אַזאַ טבע. אַז ער איז נישט דער אייגציקער. און אויב איך גלויב אים נישט, וועט ער מיך באַקאַנען מיט זיינען אַ חבר, אויך אַ פּאָעט, וועל איך זיך איבערצייגן אַז ער זאָגט דעם אמת.

וואָס זאָל איך אים ענטפערן? גאָרנישט. נאָך גוט, טראַכט איך מיר, וואָס מיין מאַן ווייסט נישט דערפון, אַז נישט וואָלט ער אים זיכער אַרויסגעטריבן פון הויז.

ער לאָזט מיר אויך וויסן יעדן פרימאָרגן וואָס ער האָט בייגאַכט געשריבן, און ער צווינגט מיך איך זאָל אויסהערן און זאָגן מיין מבינות. ער זעצט זיך אַוועק אויפן קאַנאַפּע און איך זעץ זיך אַוועק לעבן אים און ער נעמט לעזן.

און איך הער זיך איין. און איך ווער אַוועקגעטראָגן אין אַנדערע וועלטן... און בשעת'ן לעזן ווערט ער אַזוי באַגייסטערט, אַז ער פאַרגעסט זיך וואו ער האַלט און שנעל ווי אַ בליץ נעמט ער מיך אַרום און קושט מיך. ער גלייכט, זאָגט ער, מיין ווייסן האַלז. מיין האַלז איז נאָך ווייסער, זאָגט ער, ווי דער שנעע פון די שפּיצן בערג...

איך בין שוין, הערט איר, צען יאָר פאַרהייראַט, און איך האָב נאָך אַזעלכע קושן פון אַ מאַן ניט פאַרזוכט. יעדער קוש איז אַ שטיק פייער! און זיינע הענט זענען אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט און אַנגענעם...

ווי קומט ער צו מיין מאַן? מיין מאַן איז קאַלט, אָפּגעלעבט,

דערשלאָגן; איין מאָל אין א יובל רעדט ער צו מיר א פריינטלעך וואָרט; פון א קוש איז אָפגערעדט; ער האַלט נישט פון אַזעלכע נאַרישקייטן. און ער, דער באָרדער מיינער, איז פונקט פאַרקערט. אחוץ דעם איז ער א שטיקל קענער אין פידל שפילן. האָט ער טאַקע א פידל, און ווען עס פאַרגלוסט זיך אים, ווען ער איז פאַרבענקט, — ווי ער רופט עס — גיסט ער אויס זיין האַרץ פאַר די ציטערדיקע סטרונעס — ווי ער רופט עס — און איך שטיי ביים סינק און וואַש דאָס געשיר, און איך הער זיך איין און איך קריג רחמנות אויף אים.

שפּילן שפּילט ער תמיד אַזעלכע אומעטיקע מעלאָדיען; רוסישע פאָלקס־לידער, ווי ער רופט עס. נאָכן שפּילן קומט ער אריין אין קיך, גיב איך אים טיי און קיכלעך און אמאָל פּרוכט. און ווידער נעמט ער מיך אָרום און ווידער ווערט ער משוגע...

נאָר, ווי געזאָגט, אַרט עס מיך ווי די וואַנט! אַבי מיין מאַן איז נישטאָ אין הויז, ער ווייסט נישט דערפון, אַז נישט וואָלט עס געקומען צו א סקאַנדאַל. איך מוז צוגעבן, אַז דער באָרדער מיינער איז נישט קיין נאַרישער מענטש. מען קען זאָגן א חכם. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואָגט זיך משוגע צו מאַכן מיט מיר ווען מיין מאַן איז אין דערהיים.

— הייסט עס, זאָג איך, אַז איר זייט שטאַרק צופרידן פון אייער באָרדער?

— אַלץ הייסט צופרידן! נאָר איין חסרון האָט ער.

— וואָס פאַר א חסרון?

— וואָס ער האָט מיר נאָך א סענט דירה־געלט נישט געגעבן.

— ווי לאַנג וואוינט ער שוין ביי אייך?

— שוין פיר חדשים.

— איר מאָנט גאָר נישט?

— איך האָב נישט קיין האַרץ ביי אים צו מאָנען, ווייל איך ווייס, אַז ער האָט נעבעך ניט. ווען זיינע א שוועסטער וואָלט אים נישט געהאָלפן מיט א פּאָר טאָלער א וואָך, וואָלט ער אויסגעגאַנגען פאַר הונגער.

— וואָס־זשע וועט זיין דער סוף? — פרעג איך.

— זאָל איך אַזוי וויסן פון א שלעכטן חלום. דערווייל וועל איך עס לאָזן גיין ווי עס גייט.

איינשטיין, גאַנדי און איך

(אַ לעקטשור אַזאַ)

רבותי!

איך וועל אייך נישט באַלעמוטשען מיט זייטיקע זאַכן, מיט פראַזן וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. דאָס איז נישט אין מיין לאַין.

איך וועל, אָט שוין, טאַקע איצט, אָנהויבן מיין דרשה:

די טעמע איז: איינשטיין, גאַנדי און איך, „דער שרייבער פון דיזע צייל̈ן."

רבותי!

איך ווער פאַרוואָרפן מיט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער טעלעגראַמעס און בריוו און פּאָסטל־קאַרדס און טעלעפאָן קאָלס פון מיינע לעזער און לעזערינס: נישט אַנדערש, איך זאָל זיי דערקלערן דעם חילוק פון מיר און גאַנדין און פּראָפעסאָר איינשטיין.

עס גייט זיי, ממש, אין לעבן דאָס צו וויסן.

טוען מיר צוליב די דאָזיקע לעזער און לעזערינס און — זאָל זיין שטיל.

איך וויל, אַז איר זאָלט אויפכאַפּן איטלעכעס וואָרט מיינס און עס צעטראָגן אויף טעלערלעך:

אַלבערט איינשטיין איז פאַרהייראַט צו אַ פרוי, און גאַנדי איז פאַרהייראַט צו אַ פרוי, און איך — אויך.

אַלבערט איינשטיינס פרוי איז, ווי עס ווייזט אויס, אַ דייטשישע, גאַנדיס פרוי איז אַ אינדישע און מיין פרוי איז, מער־ווינציקער, אַן אונגאַרישע.

איינשטיין גלייבט צו עסן דריי מאָלצייטן אַ טאָג און ביי יעדן מאָלצייט פאַרטרינקען מיט וויין.

און גאַנדי פאַסט תעניתים און ער זעט אויס ווי אַן אויסגעצויגע־נער פייג און ער וועגט ניינציק פונט.

און איך — איך האָב גאָרניט קיין אַפּעטיט צום עסן (שוין די צווייטע וואָך).

איינשטיין שרייבט הויכע זאַכן וואָס בלויז 12 מענשן אויף דער וועלט פאַרשטיין.

און גאַנדי שרייבט זאַכן, וואָס קיינער פאַרשטייט ניט, ווייל ער שרייבט אין הינדו־שפּראַך און איך שרייב אין אידיש וואָס אַלע אידן פאַרשטייען.

איינשטיין זיצט אין רייכע האָטעלן, אין טעאַטערס, אין אָפּערעס, ביי רייכע באַנקעטן, אויף גרויסע שיפן און גאַנדי זיצט אין דזשעיל און ער דאַוונט, און ער בעט גאָט, אַז ענגלאַנד זאָל ווייכער ווערן. און איך זיץ אין לעיקוואָוד און איך ערגער זיך פון די קינדער.

איינשטיין קוקט אין די הימלען, גאַנדי קוקט אויף די פיר שטיינערנע ווענט פון פּריזאָן, און איך קוק אויף שיינע ווייבלעך, קוק איך.

ווער פון אונז דריי עס האָט אַ ווייטערן קוק — ווייס איך ניט.

איינשטיין מאַכט אַ לעבן, גאַנדי מאַכט טראָבל דער ענגלישער רעגירונג, און איך מאַך מיט די זייטן.

איינשטיין טראָגט אַ פּרינץ־אַרבערט סוט, גאַנדי גייט אַרום אין אַ ליילעך, און איך דאַרף האָבן אַ סוטל און איך האָב ניט.

איינשטיין האָט אַ הויכע נשמה, אַ רייכן גייסט און אַ גוט האַרץ; גאַנדי האָט אַ גוט האַרץ, אַ הויכן גייסט און אַ רייכע נשמה און איך האָב יעדן טאָג אַ הויז מיט נודניקעס, מיט קרענקס, מיט אָנשיקענישן, וואָס דערגייען מיר די יאָרן.

איינשטיין איז אַ איד, גאַנדי איז אַ הינדו, און איך, אַ גאַלי־ציאַנער.

און אויב ער עסט יאָ עפּעס, איז דאָס אַ שטיקל באָקסער.
און אויב ער טרינקט יאָ עפּעס, איז דאָס ציגענע מילך.
פון זיין אייגענער ציג.

איינשטיין האָט פיינט צו פאָרן אויף אַ לופט־שיף; גאַנדי האָט פיינט צו פאָרן אויף אַ ראָמבל־סיט (עס איז אים פּשוט קאַלט), און איך גלייך אַ גוטן וויץ.

איינשטיין האָט אַ קאָפּ מיט שיינע האָר, גאַנדי האָט אַ קאָפּ אָן האָר, און איך האָב — **אַ קאָפּ־ווייטיק.**

איינשטיין קען שפּילן פידל, גאַנדי שפּילט אַ גוטן שאַך און איך קען שפּילן אַ ליבע — אויב איך האָב מיט וועמען.

איינשטיין איז אַ וועלט־באַרימטער מענטש; גאַנדי איז אַ הייליקער מענטש, און איך בין גאָר קיין מענטש ניט: איך פיל ניט גוט; מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב די גריפּ.

איינשטיין האָט פיינט היטלערן; גאַנדי האָט פיינט דעם ענג־לישן קעניג, און איך האָב פיינט אָפּצוגעבן אַ חוב.

איצט, אַז איר ווייסט שוין דעם חילוק פון איינשטיינען און גאַנדין און מיר, וועל איך אייך דאַנקען פאַר אייער אייזערנעם געדולד וואָס איר האָט מיך אויסגעהערט, און אַ דאַנק די וואָס זענען געשלאָפן ביי מיין לעקטשור, און האָט מיר אַלע אַ גוטע נאַכט!

יאָ, איך האָב אויך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז ביים טיר שטייט אַ מאַן מיט אַ היטל אין האַנט. פאַרגעסט ניט אַהין אַריינצוואַרפן אַ קוואָדער, אַ האַלבן דאָלער אָדער אַ גאַנצן דאָלער. וואָס מער — איז בעסער.

זשאַלעוועט ניט, די צייטן ווערן בעסער; די פּראָספּעריטי קומט צוריק; יעסער; מען ווייסט נאָך ניט ווען, אָבער זי קומט.

טאָ וואַרפט אַריין אין היטל וואָס מער געלט, מיר האָבן אַ סך עקספּענסעס, האָבן מיר.

ווייבל, פרוי און אידענע

א לעזער פון קליוולאַנד פרעגט מיך אַז אין א בריוול: „וואָס איז דער חילוק פון א ווייבל, פון א פרוי און א אידענע?"

ער וויל וויסן, אויב איך טראַכט דאָס אייגענע, וואָס ער טראַכט.

און אויב איך טראַכט אַנדערש, וויל ער וויסן, פאַרוואָס איך טראַכט אַנדערש.

וואָס א קליוולענדער לעזער קען אַלץ איינפאַלן!

מיט א יאָר זעקס צוריק האָט א לעזער, פון דעם זעלבן קליוולאַנד, אָנגעפרעגט אין אונזער רעדאַקציע: ווען עס געפאַלט אין אַמעריקע שבת הגדול און אויב א איד, וואָס וואוינט אין פילאַדעלפיע, קען ווערן א בירגער?

איצט וויל א קליוולענדער לעזער וויסן, וואָס איז דער חילוק פון א ווייבל, פון א פרוי און א אידענע?

ווען מיר א טראַכט טאָן, אָנפילן די פען מיט בלויע טינט און ענטפערן סקלאַדנע, ווי מיר האָבן ליב:

א ווייבל, שטעלן מיר זיך פאָר, איז, ראשית חכמה, א יונגע, א שיינע, א גראַציעזע, שמייכלט אַלע מאָל, רויכערט סיגאַרעטלעך, טראָגט נישט קיין זאָקן, וויל דער מאַן זאָל זי ליבן, האַלזן און קושן, אַז אַלע אירע פריינדינס זאָלן זען און צעפּוקעט ווערן.

א ווייבל האָט פיינט צו קאָכן, צו באַקן, צו וואַשן וועש און האָבן קינדער.

א ווייבל גלייכט פאָרן זומער אין די בערג, דאָרט רייטן אויף פערדלעך, שווימען אין טייך, טרייבן א מאַשין און טאַנצן דזשעז־טענץ.

א ווייבל וויל, אַז דער מאַן זאָל איר נישט זאָגן קיין דעה מיט וועמען זי זאָל גיין, מיט וועמען זי זאָל פאָרן און וועמען זי זאָל אַמאָל א קוש געבן.

א ווייבל וויל, אז דער מאַן זאָל טראָגן דאָס קליידל און זי זאָל טראָגן די הויזן.

א ווייבל וויל, אז דער מאַן זאָל איר אוועקגעבן יעדע וואָך די גאַנצע שכירות און אויב מעגלעך, נאָך מער ווי די שכירות.

א ווייבל מיינט, אז זי איז די איינציקע אין דער וועלט, אז א חוץ איר זענען מער קיין ווייבלעך נישטאָ.

ביי א ווייבל איז יעדער מאַן א פיינער מאַן, נאָר נישט איר מאַן.

אָט דאָס איז, בקיצור, א ווייבל.

וועט איר עס געדענקען, מיין ליבער פריינט פון קליוולאַנד?

און איצט וועגן אייער צווייטער פראַגע: וואָס איז א פרוי?

א פרוי איז נישט מער און נישט ווינציקער ווי א — פרוי.

זי דאַרף קאָכן און באַקן און וואַשן און ראַמען און סקראָבן און טראָגן און האָבן און זויגן קינדער און ווידער טראָגן און ווידער האָבן און ווידער זויגן און גלאַט אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן.

א פרוי דאַרף זיין צופרידן וויפיל דער מאַן גיט איר; זי טאָר נישט פּראָטעסטירן, נישט עפענען דאָס מויל, זיך נישט באַקלאָגן.

א פרוי מוז זיצן טאָג און נאַכט אין הויז, היטן די טעפּ, שלעפּן פּעק פון גראָסערי, פון בוטשער און גלאַט אַזוי פּעק און פּעקלעך און זיך אָפּרייסן די קישקעס.

א פרוי האָט כמעט אַלע מאָל א מאַן וואָס שפּילט אין קאָרטן, וואָס גייט צו מיטינגען, וואָס קריגט זיך מיט איר און וואָס סטרייקט.

א מאַן פון א פרוי גלייכט אַלע מאָל יענעמס פרוי; זיינע טויג נישט; זיינע איז נישט שיין; נישט קלוג; נישט קיין בריה.

א פרוי דאַרף זיך אויך ריכטן אויף זעקס און זיבן און אַכט קינדער; און אַז דריי אָדער פיר פון די קינדער זאָלן קרענקען.

און אויב זיי קרענקען, מוז די פרוי מיט די קראַנקע קינדער גיין אין דיספּענסערי, אין קליניקס, אומעטום וואו עס קאָסט נישט קיין געלט.

א פרוי דאַרף זיך אויך ריכטן אויף קלעפּ, אויב דער מאַן איז א שכור, א גאָרנישט, אַן אויסוואורף.

א פרוי דאַרף אויך נישט חלומען פון ליבע, פון א פריינדלעך וואָרט, פון א לאַסקע.

זי דאַרף זיין איר מאַנס א פּוסבענקעלע.

זאָלן אידן לאַכן

אַט דאָס, מיין טייערער לעזער גון קליוולאַנד, איז אַ פרוי.

און אַ אידענע וואָס איז?

אַ אידענע, שטעלן מיר זיך פאָר, איז אַ... אַ... אידענע!

אַ אידענע, ווערליק מיר קענען זי, יאַדעט דעם מאַן, דערגייט אים די יאָרן, אים און די קינדער און די שכנים, און יעדן איינעם וואָס די קען און קען נישט.

אַ אידענע גייט צעלאַפּטשעט, איז צעגאָסן, האָט ניט קיין שעיפּ, איז נישט שלאַנק, נישט צאַרט, שמייכלט נישט און האָט ליב צו זיצן גאַנצע טעג אין דרויסן אויפן סטופּ און באַרעדן די וועלט.

אַ אידענע וועט, צוליב איין סענט ביליקער, אַוועק איינקויפן אירע זאַכן צען און פופצן בלאָק ווייט.

אַ אידענע דינגט זיך ווען זי קויפט עפּעס. ווען יענער הייסט זיך געבן צוויי דאָלאַר, וועט אַ אידענע באַלד אַ זאָג טאָן 40 סענט און זיך נאָך באַרימען, אַז זי דינגט זיך נישט; זי האָט פיינט זיך צו דינגען; ס'איז נישט איר טבע.

אַ אידענע האָט אַלע מאָל פעטע הענט, געלעכערטע אויערן, אַ באַראָדעוועקע לעבן דער נאָז און וואָנצעס.

אַ אידענע האָט אַ קול פון אַ מאַנסביל און דער מאַן האָט מורא פאַר איר ווי פאַר פייער.

אַז אַ אידענע צערעדט זיך, ווייסט זי נישט ווען אויפצוהערן.

אַ אידענע האַלט אַ סך פון ברענגען פּאַטשטן און פירן פּאַטשטן און אָפּטראָגן פּאַטשטן און אוועקטראָגן פּאַטשטן.

און אויב אַ אידענע האָט אַמאָן מיט שׂכל, אַנטלויפט ער פון איר און האָט ערגעץ חתונה מיט אַ ווייבל.

נאָר ווי קומט אַ אידענע צו האָבן אַ קלוגן מאַן?

אַ קלוגער מאַן האָט דאָך נישט חתונה מיט קיין אידענע.

איצט לאָזט מיר וויסן, אויב איך האָב אייך צוגעטראָפן, צי נישט? רופט מיך אָפּ אויפן טעלעפאָן: דריידאַק, טו טויזנט.

גרוסן פון לאַנדסלייט

פופצן יאָר האָ באיך דעם לאַנדסמאַן ניט געזען. און אפשר גאַנצע אכצן.

— וואָס מאַכסטו? — האָט ער מיך געפרעגט — און מיר נעגעבן די האַנט און זי געדריקט מיט אַלע זיינע כחות.

— דאַנקען גאָט!

— ביזט געזונט?

— נישט אַזוי אי־אַי־אַי.

— איך בין אויך עפּעס נישט מיט אַלעמען; איך ליייד אויפן הארצן: אַ שלאָף הארץ, זאָגן דאָקטוירים, און די אָדערן ווערן שטייף, און דער „בלאַד־פּרעזשור" איז זייער אַ צרה'דיקער, סך־הכל זעקס און ניינציק. און קיין פּרנסה איז אויך נישטאָ, און קיין דזשאָב האָב איך נישט, און ווער ווייסט אויב איך וועל אַמאָל קריגן אַ דזשאָב; איך בין צו אַלט — זאָגן די באָסעס — און מיין ווייב זאָגט אויך, אַז איך בין צו אַלט, און אַז איך וויל באַלאַנגען צו אַ בענעפיט סאָסייטי, זאָגט מען מיר אויך, אַז איך בין צו אַלט; וויל איך אריינגיין אין אַ היים פאַר אַלטע מענטשן, זאָגט מען מיר, אַז איך בין צו יונג; וויל איך גיין בעטלען, זאָגט מען מיר, אַז איך האָב נאָך צייט.

— בעטלען וועל איך קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקן, איך קען נאָך גיין, זאָגן זיי, ארבעטן. נאָר די אַלע גליקן וואָלטן מיך נישט געאַרט, אַ מענטש לעבט סאַי־ווי־סאַי נישט אייביק; נאָר דאָס וואָס איך בין קראַנק — אָט דאָס טויג נישט. מיך האָט גאָט געשטראָפט מיט צוויי שטראָפן: אי אָרימקייט, אי קראַנקהייט. דאָס איז שוין אביסל צופיל פאַר אַ מענטשן אין מיינע יאָרן.

זעסטו, בערל קאַלטאַן, אונדזער לאַנדסמאַן, ער, האָב איך געהערט, איז גוט־אָפּ, און געזונט איז ער ווי אַ מויער; מען זאָגט, אַז בערל קען אויפעסן דריי פונט סטעיק מיט איין מאָל און פאַרטרינקען מיט דריי פלעשלעך ביר.

אַזוי זאָגט מען! איך אַליין האָב שוין בערלען נישט געזען אַ

שיינע פּאָר יאָר, זינט ער האָט חתונה געמאַכט זיין ערשטער טאָכטער. עס מוז שוין זיין אין דעם אַ יאָר עלף. זעסט אים אַמאָל?

— ס'איז שוין נישטאָ וועמען צו זען, — זאָג איך, — בערל איז שוין אויסגעבערלט... ער וועט שוין מער נישט עסן קיין סטעיקס און נישט טרינקען קיין ביר און נישט חתונה מאַכן קיין טאָכטער. בערל איז שוין אַכט יאָר טויט.

— איז דאַצאָל! אַבי מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז רייך און געזונט... און וואָס מאַכט עפּעס אונדזער לאַנדסמאַן ברוך־נח?

— ברוך־נח, ער איז שוין אויך נישט מער צווישן די לעבעדיקע; ער איז געשטאָרבן נאָך פאַר בערלען; מיט אַ צוויי חדשים פריער.

— וואָס רעדסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט.

— וואָס איז אים געווען?

— די טעג מיט יאָרן האָבן זיך ביי אים אויסגעלאָזט, איז ער געשטאָרבן.

— ער האָט געלאָזן אַ סך געלט?

— ער האָט איבערגעלאָזן חובות אויף פופצן טויזנט דאָלער און אַ פרוי מיט פינף קינדער.

— אַ וואוילער מענטש געווען, ברוך־נח; אַ פּראָסטער, אָבער אַ וואוילער.

— און חיים איטשען זעסטו אַמאָל?

— וואָס פאַר אַ חיים איטשע?

— חיים איטשע, וועלוול נפתלים! זיי האָבן אַמאָל געוואוינט הינטער הערשל דעם זייגערמאַכער, קעגנאיבער משה דודס געוועלב. חיים איטשע האָט אַמאָל געהאַט אַ שוועסטער, מינדעלע, זייער אַ שיינע מיידל געווען; שפּעטער חתונה געהאַט פאַר סענדער דעם מלמד, אַן אַלמן מיט דריי קליינע קינדער.

— אָ, אָט דעם חיים איטשען מיינסטו? ער איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט!

— געשטאָרבן?

— נאָך ווי געשטאָרבן! אויף אייביק, אויף סטעדי.

— און וואָס איז געוואָרן מיט דער שיינער מינדעלען?

— זי לעבט נאָך.

— און ער, סענדער?

— ער איז שוין אויס סענדער.

— אויך געשטאָרבן?

— וואָס וועט ער וואַרטן? די גרויסע גליקן וואָס ער האָט דאָ געהאַט? אויב זיין קראַנק און שטאַרבן פאַר הונגער, קען ער דאָך דאָס באַוויזן אויף יענער וועלט אויך.

— און מינדעלע?

— זי איז לאַנג נישט געווען קיין אלמנה. זי האָט מיט אַ יאָר שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן חזן.

— ווי זשע גייט עס איר?

— בע־מע... ס'האָט איר געקענט זיין אַ סך בעסער ווי ס'גייט איר.

— וואָס, אַ שטייגער, פעלט איר?

— געזונט און פּרנסה.

— מיינע גליקן, הייסט עס! אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ שיינע מיידל געווען; די שענסטע אין שטעטל; ווען זי איז דאָ אין אַמעריקע, וואָלט זי זיכער חתונה געהאַט פאַר אַ מיליאָנער. האָט כאָטש איר מאַן, דער חזן, אַ שטעלע?

— ווייסיך וואָס! בעסערע חזנים האָבן היינט ניט קיין שטעלעס.

— וואָס זשע טוט ער?

— ער גייט אַרום גאַנצע טעג איבערן שטוב און זאָגט און זינגט זיינע זאַכן. ער האָט, הייסט עס, צו זינגען און צו זאָגן.

— אָבער פּרנסה?

— זי זיצט אין גאַס און פאַרקויפט שבת־ליכט, שיך־בענדלעך, שרייב־פּאַפּיר, נאָז־טיכלעך און שפּילקעס.

— און קינדער האָט זי?

— געהאַט צוויי מיטן מלמד, זיינען זיי ביידע געשטאָרבן.

— און ראַצל, מירל דבורה'ס, זעסטו אַמאָל? אויך געווען אַ שיינע און אַ קלוגע; געדענקסט אירע חן־גריבלעך אין די באַקן, בשעת זי האָט געשמייכלט? היינט אירע אויגן! בלויע ווי דער הימל און אַזעלכע ליכטיקע. זי האָט אַמאָל געברענט אַ וועלט. דו געדענקסט זי?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

— וואו איז זי היינט?

— היינט איז זי אַן אַלטע אידענע, וועגט אפשר צוויי הונדערט פונט, זיצט אין דעלענסי סטריט איבער אַ פייער־טאָפּ און פאַרקויפט הערינג.

— זי האָט אַ מאַן?

— יאָ, אָבער ער איז נישט אין ניויאָרק. ער איז אין סייפּרעס הילס, אַרום דזשעמעיקע, לאָנג־איילאַנד.

— וואָס טוט ער דאָרט?

— ער ליגט דאָרט.

— וואו ליגט ער?

— וואָס הייסט וואו? אויפן בית עולם, ליגט ער.

— הייסט עס, אַז ער איז געשטאָרבן. טאָ וואָס זשע דרייסטו אַ היטל? און קינדער האָט זי?

— זי האָט דריי זין, זיינען זיי אַלע גוט אָפּ; מאַכן אַ פיינעם לעבן; איינער איז אַ לאָיער, איינער אַ דאָקטאָר און איינער גיט לעסאָנס אויף פידל. אָבער זיי שעמען זיך מיט איר. זי איז פאַר בליבן די זעלבע גרינע ווי געוועזן, קען נישט אַ וואָרט ענגליש. שעמען זיי זיך מיט דער מאַמען. איך דאַרף דיר נישט דערציילן וואָס אַמעריקע איז.

— אַזוי, אַזוי!...

— אויב דו ווילסט איר זען, קען איך דיר געבן דעם אַדרעס.

— אָלרייט.

— איך האָב נישט דעם אַדרעס פאַרשריבן, אָבער איך וועל דיר אָפּמאָלן, וועסטו זי באַלד אויסגעפינען: גיי אַוועק אין דעלענסי סטריט און באַטראַכט דאָרטן אַלע אַלטע פרויען וואָס זיצן איבער פייער־טעפּ. און אויב דו וועסט דערזען איין פרוי מיט ווייסע האָר, אַ קורצע, אַ דיקע, מיט אַן אויסגעבעטן שפּענצער, מיט פוטערנע שיך, אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ מענערשן שאַליק, און אַ פּנים מיט קנייטשן און לעבן דער נאָז אַ בראָדעווקע — זאָלסטו וויסן זיין, אַז דאָס איז ראַצל, די געוועזענע קראַסאַוויצע; די שענסטע מויד פון שטעטל.

דער לאַנדסמאַן האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און איז אַוועק אין דעלענסי סטריט אויפזוכן ראַצלען.

מען בלאָפּט...

— וואָס מאַכסטו, בערל? וואָס הערט זיך מכח פּרנסה? אַרבעטסט?

— וואָס אַרבעט, ווער אַרבעט, וואו אַרבעט? איך געדענק שוין נישט די צייט ווען איך האָב געאַרבעט.

— וואָס זשע טוסטו? מען דאַרף דאָך לעבן: עסן, אַ קלייד, אַ דירה.

— גיט מען זיך אַן עצה. מען לעבט נישט, מען עסט נישט, מען גייט אָפּגעריסן און מען צאָלט נישט קיין דירה־געלט.

— ווילסטו מיך איינרעדן, בערל, אַז דו האָסט נישט אַ סענט ביי דער נשמה?

— נישט אַ גראָשן!

— מעגסט מיר זאָגן דעם אמת, בערל, איך וועל ביי דיר נישט לייען. איך האָב זיך, אַ דאַנקען גאָט, פאַרזאָרגט איך זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו יענעם.

טראַכט בערל און טראַכט, און ער ענטפערט מיט אַ געמאַכטן שמייכל:

— אויב דו ביזט אַ פאַרזאָרגטער מענטש, וועל איך דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, איך האָב זיך אויך אַביסל פאַרזאָרגט. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ דעפּרעשאָן, אַז איך וועל נישט פאַרדינען; האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַביסל קעש אין די גוטע צייטן. איך האָב נישט געהאַנדלט מיט וואָל סטריט, נישט געהאַלטן מיינע פּאָר דאָלער אין די „יו־עס" באַנק, און איך האָב גלאַט אַזוי נישט געוואָרפן זיך מיט געלט. קען איך ווי עס איז דורכקומען...

— פאַרוואָס זשע האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט, אַז דו האָסט אַ פּאָר טאָלער?

— איך האָב מורא געהאַט טאָמער ביזטו אויף צרות, וועסטו בעטן באָרגן ביי מיר; און לייען ביי דער היינטיקער צייט וויל מען

נישט און מען קען נישט און מען טאָר נישט. ביי דער היינטיקער צייט יענעם אוועקלייען אַ פּאָר דאָלער, איז פאַרפאַלן. אָבער, אַז איך האָב געהערט, אַז דו דאַרפסט צו קיינעם ניט אָנקומען, זאָג איך דיר דעם אמת, אַז איך דאַרף אויך צו קיינעם נישט אָנקומען.

— אויב אַזוי, בערל, וועל איך דיר אויך זאָגן דעם אמת, און דער אמת איז, אַז איך בין טאַקע אויף גרויסע צרות. איך האָב נישט אַ סענט ביי דער נשמה, נישט קיין געלט, נישט קיין ארבעט. מיר ליינן זיך אַ סך מאָל שלאָפן אָן וועטשערע. פון צאָלן דירה־געלט איז שוין אָפּגערעדט. איך בין שוין שולדיק מיין לענדלאָרד פאַר פיר חדשים רענט, און ער רייסט שטיקער פון מיר. ער סטראַשעט מיך אַרויסצושטעלן אין גאַס. ווען איך זאָל אים קענען אַריינוואַרפן כאָטש פאַר איין חודש, וואָלט ער ווידער געוואַרט, — כאָטש אַ פּופּציקער ווען דו קענסט מיר באָרגן. און אַזוי ווי דו האָסט זיך טאַקע פאַרזאָרגט אין די גוטע צייטן, וואָלסטו מיר געטאָן אַ גרויסע טובה, בערל, ווען דו באָרגסט מיר אַ פופציקער. כ'על אַרבעטן, וועל איך דיר אָפּגעבן.

הערט מיך בערל אויס און ער ווערט בלאַס, ער נעמט ציטערן מיט די ליפּן, נעמט פינטלען מאָדנע מיט די אויגן און נעמט שטאַמלען מיט אַ פּרעמט קול:

— וועל... אַז דו זאָגסט מיר יאָ דעם ריינעם אמת, וועל איך דיר אויך זאָגן דעם ריינעם אמת. איך האָב נישט אַ סענט ווען דו קוילעסט מיך! איך האָב שוין געבאָרגט ביי וועמען דו ווילסט נאָר אַליין; איך האָב שוין פאַר'משכונ'ט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר פאַרמשכונען; קיין אַרבעט איז נישטאָ; די קינדער אַרבעטן אויך נישט, און טאָמער איז פאַראַן אַ דאָלער אין הויז, אַ געבאָרגטער דאָלער, גיב איך אַ האַלבן צו די קינדער און אַ האַלבן האַלט איך פאַר זיך. מיין פרוי האָט אפילו נישט קיין גאַנצע פּאָר זאָקן אויף די פיס. אָט דאָס איז דער ריינער אמת.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, בערל. פריער האָסטן מיר געזאָגט אַז דיר איז גוט ווי די וועלט, אַז דו האָסט זיך פאַרזאָרגט אין די גוטע צייטן, נישט געהאַנדלט מיט וואָל סטריט, נישט געהאַלטן דיין געלט אין דער „יו־עס" באַנק, אַז דו דאַרפסט, חלילה, צו קיינעם נישט אָנקומען, און איצט זאָגסטו מיר גאָר, אַז דו ביזט אויף גרויסע צרות. ווי קומט עס? הייסט עס, אַז דו בלאָפסט.

— וועל... עס קומט דערפון, וואָס איך האָב געהערט, אַז דיר גייט עס נישט אַזוי שלעכט, אַז דו דאַרפסט צו קיינעם נישט אָנקומען, אַז דו ביזט אַ פאַרזאָרגטער מענטש, האָב איך נישט מורא געהאַט. אָבער, אַז איך הער, אַז דו ביזט אויף גרויסע צרות, אַז דו ווילסט באָרגן ביי מיר אַ פופציקער... פאַרשטייסט?... זאָג איך דיר דעם אמת... דעם ריינעם אמת... איך וואָלט אַליין געבאָרגט ערגעץ אַ פופציקער... נאָר ווער האָט עס היינט פופציקערס צו באָרגן? אַז אַלע אונדזערע זיינען אין דר'ערד מיט די ביינער. חיים הערש פּעבּ־נעט אויפן פּיסק; אשר מנשה שטייט אין דער ברויט ליין; שכנא לעמל גייט בעטלען; מעכל משה מעשלם גייט אויס ווי אַ ליכט; נחמן נפתלי איציקס האָט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און אויב ער האָט כח, אויב די פיס זיינע דינען אים, גייט ער בעטלען — טאָ ביי וועמען קאָן איך באָרגן פופציקערס, ביי וועמען?

באַטראַכט איך בערלען פון אויבן ביז אַראָפּ, כ'קוק אים אַריין גלייך אין די אויגן און איך זאָג:

— בערל, ברודער דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט באַקלאָגן. איך וועל ביי דיר קיין געלט נישט אַנטלייען. איך האָב דיר געוואָלט בלויז אַ טאַפּ טאָן דעם דופּק. זען צי קען מען ביי דיר קריגן אַ פּאָר דאָלער אין אַ נויט. אָבער עס האַלט נאָך נישט דערביי, בערל. אויב דו האָסט מיר איצט געזאָגט דעם אמת'ן אמת, וועל איך דיר אויך זאָגן דעם אמת'ן אמת: איך דאַרף טאַקע צו קיינעם נישט אָנקומען, נישט באָרגן, נישט לייען. איך האָב געהאַט שכל און כ'האָב זיך פאַרזאָרגט אויף דער שלעכטער צייט. יאָ, בערל, איך בין פאַרזאָרגט, אַ דאַנקען גאָט. און ווען אפילו איך וואָלט נישט געווען פאַרזאָרגט, וואָלט איך ביי דיר קיינמאָל נישט געבאָרגט. איך קען דיך און איך ווייס דיין כאַ־ראַקטער. איך ווייס, אַז דו האָסט נישט ליב צו טאָן אַ טובה. אפילו ווען דו זאָלסט זיין אַ מיליאָנער, וואָלט איך אויך ביי דיר נישט געבעטן קיין הלואה. איך וואָלט זיך בעסער געלעגט שלאָפן אָן וועט־שערע, איידער אָנקומען צו דיר.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי. וואָלסט געוואָרן בעסער.

— איך שווער דיר, אַז נישט!

— איך גלויב דיר נישט!

זאָלן אידן לעבן

— איך שווער ביי מיינע קינדער!

— וועל... אויב דו מיינסט עס טאַקע מיט'ן גאַנצן הארצן, וועל איך דיר ערשט איצט זאָגן דעם ריינעם אמת. — איך בין אויך פאַר־זאָרגט גלייך מיט דיר. אפשר נאָך בעסער. און איך דאַרף אויך צו קיי־נעם נישט אָנקומען. איך האָב זיך באַקלאָגט, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל דיר דאַרפן לייען אַ פּאָר דאָלער. היינט איז אַ צייט פון בלאָפן איינער דעם צווייטן. מען היט זיך די ביינער. מען וויל נישט טאָן קיין טובות. בלאָפט מען, פאַרלייקנט מען. מען טאַפּט ביי יענעם דעם דופק. און יענער טאַפּט ביי דיר דעם דופק!

גנעץ איר אַ קענסער, גנעץ איר!

(אַ ווײ געשרײ פון אַ אידן)

הערט מיך אויס, אידן: אויב איר ווערט, חלילה, אַן אַלמן, אייער ערשטע פרוי שטאַרבט און איר ווילט ווידער אַמאָל חתונה האָבן, זאָלט איר נישט נעמען קיין צווייטע פרוי. איר מעגט נעמען אַ דריטע, אַ פערטע, אָבער נישט קיין צווייטע.

איך האָב אויסגעפונען, אַז אַ צווייטע פרוי האָט נישט די ווערט מען זאָל מיט איר חתונה האָבן.

איר ווילט פאַקטן, נאַט אייך פאַקטן: ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט דער צווייטער פרוי, מיט דער איצטיקער — בין איך אַלט געווען 50 יאָר און זי 30. איך בין געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן, אַן אָפּגעלעבטער, און זי האָט געהאַלטן אין מיטן בליען.

וועט איר דאָך פרעגן: פאַרוואָס־זשע האָט זי מיט מיר חתונה געהאַט?

וועל איך אייך ענטפערן: איך האָב געהאַט צוויי אויסגעצאָלטע הייזער און 30 טויזנט טאָלער אין קעש.

און דער עיקר: האָבן איר דאָקטוירים געזאָגט, אַז איך וועל זיך לאַנג נישט מוטשען אױף דער וועלט — מחמת איך טראָג זיך ארום מיט אַ קענסער.

איר פאַרשטייט? האָט זי גערעכנט: זי וועט שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: איך וועל זיך באַלד אָפּטראָגן, וועט זי בלייבן אַ רייכע אַלמנה, אַ יונגע, וועט זי קריגן אַ שיינעם יונגנמאַן, אַ געזונטן און ס'וועט איר זיין גוט ווי די וועלט, וועט איר זיין!

אין אַנדערע ווערטער: זי האָט גיכער חתונה געהאַט מיטן קענסער ווי מיט מיר.

די ערשטע וואָך, נאָך אונזער חתונה, איז געווען — נשקשה; איך האָב זיך, מער־ווינציקער, געהאַלטן אױף די פיס.

אף דער צווייטער וואָך, האָב איך גענומען צוביסלעך אונטער־קרענקען. דאָס הייסט, אזוי, אז מען וויל רעדן, בין איך, דוקא, געווען געזונט, נאָר איך האָב געהוסט און ס׳האָט מיך געשטאָכן אין דער רעכטער זייט און דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן.

ווייטער בין איך געווען — ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט — „אַ־קעי״.

פאַרשטייט זיך, אז איך האָב זיך באַלד אוועקגעלייגט אין בעט און גענומען קרעכצן.

און זי, דאָס ווייבל מיינס, האָט געמיינט: אַט־אָט און איך מאַך זי פאַר אַן אַלמנה.

האָב איך געוואָלט שיקן נאָך אַ נוירס — האָט זי נישט געלאָזן; שיק בעסער נאָך דיין לאָיער — האָט זי געזאָגט — און מאַך אַ צואה; אַ מענש איז נישט מער ווי אַ מענש; אַט איז ער דאָ און אַט איז ער דאָרט... און זי פוילט זיך נישט און רופט טאַקע אַליין אָפּ מיין לאָיער, מיסטער דרייער, און איך, שוטה, דיקטיר אים אַ צוואה: לאָז איבער די צוויי הייזער מיטן געלט פאַר איר און בלויז טויזנט טולער פאַרן טעמפּל וואו איך בין פּרעזידענט — קיין קינדער האָב איך נישט.

ווען איך האָב אונטערגעשריבן די צואה, האָט זי כלומרשט געוויינט און מיך געקושט.

זאָל דער לאָיער זען סאַראַ געטרייע פרוי זי איז; ווי היים זי ליבט מיך.

גייט אוועק אַ וואָך און צוויי און איך גיי ממש אוים ווי אַ יאָר־צייט־ליכט.

זאָג איך צו איר: סערע, סערע דאַרלינג, איך וויל וויסן ווי עס האַלט מיט מיר. רוף אַ גרויסן פּראָפעסאָר.

האָט זי געזען, אז איך רעד ווי אַ מענש מיט שכל, האָט זי אָפּגערופן אַ באַרימטן פּראָפעסאָר וואָס נעמט 50 טולער פאַר אַ וויזיט.

האָט מיך דער פּראָפעסאָר גוט אונטערזוכט און דערקלערט, אז איך האָב נישט מער ווי די גריפּ. דאַצאָל — בלויז די גריפּ.

— און וואָס הערט זיך מכה אַ קענסער? — פרעגט אים מיין ווייבל.

וואָס פאַר אַ קענסער, וואָס פאַר אַ שמענסער! אייער מאַן

האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין קענסער און ער וועט נישט האָבן.

און טאָמער האָבן אַנדערע דאָקטוירים געזאָגט, אַז ער האָט יאָ אַ קענסער, זענען זיי אידיאָטן!

אַז מיין ווייבל האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן טויט ווי אַלע טויטע. הייסט עס, זאָגט זי, אַז מען האָט מיך מיאוס אָפּגענאַרט.

נו, נו, טוט זיך איצט אָפּ חושך ביי מיר אין הויז. זי פאָדערט יושר: „מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ קענסער, דאַרפסטו האָבן אַ קענסער!"

אָט אַזוי שרייט זי און טופּעט מיט די פיס און האַקט אין טיש אַריין.

איך, ווידער, טענה צו איר:

„נאַרישע ווייבל, וואָס דו ביזט! וואו זאָל איך דיר נעמען אַ קענסער? איך האָב דען אַ קענסער און גיב דיר נישט? אַז ס'איז נישטאָ — איז נישטאָ; מוז מען זיך באַגיין. איך קען דאָך נישט קריגן אַ קענסער צו אָרדער."

אָבער דאָס ווייבל מיינס וויינט און קלאָגט און זי הערט נישט אויף צו שרייען: „מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ קענסער, דאַרפסטו האָבן אַ קענסער!"

נו, קען מען דאָס אויסהאַלטן?

אָבער איך וועל זיך נישט אונטערגעבן; אַלץ יאָ, נאָר דאָס נישט.

דערפאַר זאָג איך: אויב אייך איז, חלילה, באַשערט צו נעמען אַ צווייטע פרוי, זאָלט איר בעסער נעמען אַ דריטע, אַ פערטע, אַ פינפטע, אבי נישט קיין צווייטע; זאָל אייך גאָט אויסהיטן!

סיידן... איר זייט זיכער, אַז איר האָט אַ קענסער...

וואָס אַ גרינער קען.

(דערציילט פון אַ בעל־הביתיטע)

... אמאָל, אמאָל, ווען איך האָב, ניט־היינט־געדאַכט, ניט־איצ־טער־געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידן געדאַכט, געוואוינט אין אָרט־שאַרד סטריט, פלעג איך יעדן טאָג אַליין צוגיין צום בוטשער, געקויפט אַ פונט פלייש, אָדער אַ קאַלבס־געשלינגל, באַצאָלט און פטור.

אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן, און מיר האָבן אוועקגעמופט אַזש אין וואַשינגטאָן האַיטס, צווישן רייכע אויפגעקומענע מענשן, אין אַ מאָדערנע הויז, אויפן דריטן פלאָר. מיר האָבן אַכט שיינע צימערן, לופטיקע, ניט ווייט פונ׳ם האָדסאָן ריווער.

מיר צאָלן דוקא ניט קיין סך, 25 טאָלער אַ צימער. דאָס הייסט, צוויי הונדערט טאָלער אַ חודש. פאַרשטייט זיך, אַז היינט גיי איך שוין אַליין ניט צום בוטשער. עס פּאַסט מיר ניט. היינט גיב איך אָן אָרדער דורכן טעלעפאָן, שיקט מען מיר צו וואָס איך דאַרף. און ווען דער בוטשער־באָי ברענגט מיר דאָס פלייש, שטעלט ער עס אַריין דאַונסטערז אין דאַמוועיטער. טוט אַ קלונג דאָס גלעקל, גיט אַ געשריי: „בוטשער!", ווייסט שוין מיין דינסט, אַז דאָס פלייש איז דאָ, ציט זי עס אַרויף.

לעצטן זונטיק אין דער פרי, אַרום ניין אַזייגער, בשעת איך און מיין מאַן און מיינע צוויי זין זיינען געזעסן ביים אָנבייסן, האָט זיך דערהערט אַ קלונג און אַ געשריי: בוטשער! גייט די דינסט מיינע, אַזוי ווי יעדן טאָג, אַרויפציען דעם דאַמוועיטער, ערשט — ער רירט זיך ניט פון אָרט, ווי ער וואָלט געווען אָנגעפּאַקט מיט שטיינער.

— וואָס קען דאָס זיין? — האָט די דינסט געפרעגט — וואָס דער דאַמווייטער גייט ניט; ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שווער ווי היינט, און איך זע ווי זי אַרבעט מיט אַלע כחות... סאָפּעט... פרייכט... זע איך, אַז די דינסט מאַטערט זיך, קריג איך רחמנות אויף

איר, לאָז איך שטיין דעם ברעקפעסט און איך גיי העלפן דער דינסט אַרויפציען דעם דאָמוועיטער. ווי זאָגט איר, טאַקע ניט מער ווי אַ דינסט, אָבער דאָך אַ צער בעל החיים. שלעפּן מיר שוין ביידע, איך און די דינסט. און קוים וואָס דער דאָמוועיטער רירט זיך.

זעט מיין מאַן ווי מיר מאַטערן זיך, לאָזט ער שוין אויך שטיין דאָס עסן און ער קומט אונז אַרויסהעלפן.

שלעפּן מיר שוין אַלע דריי: איך, מיין מאַן און די דינסט. און מיר ווערן אַלע דריי באַגאָסן מיט אַ שווייס, און מיר פאַרלירן אַלע דריי די קרעפטן און — ס׳גייט ניט.

הויבן מיר ניט אָן צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס איז: פאַרוואָס איז היינט דער דאָמוועיטער שווערער ווי אַלע מאָל? מיר וואוינען אויפן דריטן פלאָר און דער דאָמוועיטער איז נאָך אַפּילו ניט ביים ערשטן.

זעען מיינע זין ווי מיר מאַטערן זיך, קומען זיי אונז אויך אַרויס־העלפן. דאָך, ווי זאָגט איר, היגע באָיעס, שטאַרקע, מיט אייזערנע מאַסעלס.

האָבן זיי טאַקע אַ סך אַרויסגעהאָלפן. ציען מיר אַזוי, אַלע פינף, און מיר רייסן זיך שיער ניט אָפּ די קישקעס מיט די לונגען, און דער דאָמוועיטער האַלט אין איין קרעכצן... אָט, אָט, דאַכט זיך מיר אויס, רייסן זיך איבער די שטריק און דער דאָמוועיטער וועט אַרונטערפאַלן אין קעלער. איינער צום אַנדערן הערט ניט אויף צו שרייען: „האַלט! לאָזט נישט אָפּ! לאָזט נישט אָפּ!"

קוים מיט צרות אַרויפגעשלעפּט דעם דאָמוועיטער! מיר טוען אַ קוק — ערשט, אַ רויטער איד, אַ געזונטער, אַן אָנגעפּרעסענער, מיט אַ רויטן קאַרק, מיט אַ רויטער באָרד ווי זאַפּראַן, מיט אַ וואָלענעם שאַליק אַרום האַלז, מיט היימישע קלאָשן אויף די פיס, זיצט אין דאָמוועיטער, די פיס אונטער זיך, ווי טערק, האַלט צוויי אָפּגעפּליקטע קאַטשקעס אין אַ בעסקעט, און דעם בעסקעט האַלט ער אויפן שויס.

מיר זיינען אַלע אָפּגעשפּרונגען פאַר שרעק; מיר האָבן אַזאַ מין חיה קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען!

דער רויטער איד איז זיך פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן פון דאָמ־וועיטער, אַרונטערגעשטעלט דעם בעסקעט מיט די צוויי געשאָכטענע קאַטשקעס, אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר פון היטל, אַריינגעקוקט

מיט זיינע קאַסאַקע אויגן און אַ פרעג געטאָן: „וואוינט דאָ די מאַדאַם פיינזילבער?"

— יאָ, און ווער זיינט איר?

— איך בין אַ גרינער; ערשט אַ וואָך אין לאַנד. נעכטן בין איך אָנגעקומען ארבעטן צו אייער בוטשער... ער האָט אייך געשיקט צוויי קאַטשקעס... אַט זיינען זיי... און ער האָט אָנגעוויזן אויפן באַסקעט מיט די קאַטשקעס.

— פאַרוואָס האָט איר ניט אָוועקגעלייגט די קאַטשקעס אונטן, אויפן דאָמוועיטער?

— איך... איך... איך האָב מורא געהאַט, אַז אימיצער וועט זיי צו'גנב'ענען. איז מיר איינגעפאַלן, אַז די זיכערסטע זאַך וועט זיין, איך זאָל זיך אַליין ארייַנזעצן און אייך איבערגעבן די קאַטשקעס אין האַנט אריין... אָבער, וואָס איז אייך עפּעס אָנגעקומען אַזוי שווער מיך ארויפצוציען? אין אַנדערע הייזער פּליט מען ארויף איינס און צוויי און ס'איז אַ סך ריינער, און גראַמער, און ליכ־טיקער און דאָ איז געוועזן אַזוי ענג, אַזוי פינצטער... אין צווייטן הויז, האָב איך געזען, ארבעט בלויז איין מענש און דאָ האָט איר נעאַרבעט זאַלבעפינפט.

דערקלער איך אים:

— דאָס איז אַ דאָמוועיטער און איר מיינט אַן עלעווייטער.

— ביי מיר, זאָגט ער, איז אַלץ איינס: דומוועיטער, עלעיע־וועיטער... שמעליעוועיטער...

היינט פאָלגט מיך אַ גאַנג און טענה'ט זיך אויס מיט אַ גרינעם! אי מיר האָבן אים ארויפגעצויגן דריי פלאָר הויך, זיך אָפּגעריסן די קישקעס, געבליבן אָן כחות און מיין מאַן האָט אים נאָך געגעבן 25 סענט אַ טיפּ.

אַז ער איז ארונטער, האָט זיך די דינסט מיינע צעלאַכט אויפן קול: כי־כי־כי־כי! כי־כי־כי־כי!

— וואָס לאַכסטו?

— איך לאַך, זאָגט זי, וואָס מיר האָבן אומזיסט געאַרבעט; אומזיסט ארויפגעצויגן דעם רויטן אידן... מיר האָבן אונזערע קאַטשקעס אין אייזבאַקס... נעכטן אָוונט האָט זיי דער בוטשער אַליין געברענגט, די צוויי קאַטשקעס באַלאַנגען צו אימיצן אַנדערש.

— ער האָט דאָך געהאַט אָנגעשריבן פיינזילבער.
— אויפן ערשטן פלאָר וואוינט אויך א פיינזילבער, א ראַבינער.
און אַזוי רעדנדיק, האָט דער בוטשער אָפּגערופן און געבעטן דורכן טעלעפאָן, אַז מען זאָל אַזוי גוט זיין און אַרונטערטראָגן די צוויי קאַטשקעס אויפן ערשטן פלאָר, ווייל דער גרינער האָט געמאַכט אַ מיסטעיק.

ער וויל ווערן אַ פּרעזידענט

... איר הערט, צי איר הערט נישט? בשעת איך האָב אַ קוק געטאָן אין מיינע צוויי באַנק־ביכלעך און געזען, אַז איך האָב אַ ריינעם באַלאַנס פון זעכציק טויזנט דאָלער, אַ חוץ מיין שאַפּ, וואו עס אַר־בעטן פופציק מענטשן, און אַ חוץ מיין שיין הויז אויף איסטערן פּאַרקוויי, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז ווערן אַ פּרעזידענט אין אונדזער לאַדזש. דאָס איז געוואָרן ביי מיר דער העכסטער אידעאַל.

אַ קלייניקייט ווערן אַ פּרעזידענט. מען זיצט ביי די מיטינגען אויבן אָן, אויף אַ טשער מיט אַ קישעלע, ס'זאָל זיין ווייך צום זיצן, מיט אַ הויכן צוקאָפּנס, און מען האַלט אַ האַמער אין האַנט, און ווען אַ „ברודער" שפּרינגט אויף, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, און ער וויל עפּעס זאָגן, טוט מען אַ קלאַפּ מיטן האַמער און אַ געשריי: „ברודער פּיפּקע, סיט דאָון, סיט דאָון!" און ברודער פּיפּקע מוז זיך אוועקזעצן. און פון אַלע זייטן הערן זיך קולות פון די „ברידער": „ברודער פּרעזידענט, איך האָב אַ פאָרשלאַג; ברודער פּרעזידענט, איך האָב אַ „סאַבסטיטוט"; ברודער פּרעזידענט, איך האָב דאָס וואָרט; ברודער פּרעזידענט, הייסט דעם ברודער גאַלגאַן פאַרמאַכן זיי פּאַסקוד־נעם שנוק, אַז ניט וועט ער באַלד קלייבן זיינע ציינער; ברודער פּרע־זידענט, איך האָב אַ פּאָינט אָוו אָרדער!"

פון אַלע זייטן הערט זיך נאָר, „ברודער פּרעזידענט און ברודער פּרעזידענט".

האָב איך באַשלאָסן ווערן דער פּרעזידענט פון אונדזער לאַדזש. דער נאָמען פון אונזער לאַדזש איז: „בני לעמאַך לאַדזש, נומער 99 אָוו גרייטער ניוּיאָרק".

אָבער ווי ווערט מען דער פּרעזידענט? מען מוז דאָך דיך פּריי־הער נאָמינירן, דערנאָך דאַרף מען אָנפירן אַ קאַמפּיין, דערנאָך ערשט דאַרפסטו עלעקטעד ווערן מיט אַ מאַדזשאָריטי.

האָב איך זיך באַראַטן מיט עטלעכע גוטע ברידער פון לאָדזש, מיטן סעקרעטער און טרעזשורער און אינערוואַכע, — האָבן זיי מיר געגעבן די ריכטיקע עצה:

איך זאָל מאַכן אַ סאַפּער פאַר אַלע מעמבערס פון לאָדזש. נישט קיין טייערן; עס זאָל קאָסטן, נישט מער, ווי צוויי דאָלער מיט פופציק סענט אַ מאָלצייט. און אַזוי ווי די „בני לעמאַך" לאָדזש פאַרמאָגט סך־הכל צוויי הונדערט מעמבערס, וועט מיר די גאַנצע חתונה קאָסטן נישט מער ווי פינף הונדערט דאָלער. נאָך אַ הונדערט דאָלער זאָל איך ספּענדן אויף שנאַפּס, איז זעקס הונדערט; און אַזוי ווי מען דאַרף מיר געבן בלומען, זאָל איך באַצאָלן אַ פופציק דאָלער פאַר די בלומען. און פאַר די מעמבערס, וואָס וואוינען ווייט און זיי האָבן נישט קיין מאַשינען, און ס'איז זיי ווייט צו דער סאָבוויי אָדער צו אַ קאַר, זאָל איך צושיקן „טעקסיס". וועט קאָסטן נאָך אַ הונדערט טאָלער, וועט מיך, הייסט עס, די גאַנצע קאָמעדיע אַריינטרייבן אין אַ וואַסערע זיבן הונדערט און פופציק דאָלער. און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס ביי מיר זיבן הונדערט און פופציק דאָלער, ווען דאָס קען מיך מאַכן פאַר אַ פּרעזידענט?

האָב איך איינגעזען, אַז זייער עצה איז אַ גוטע, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַזאַ סאַפּער.

איך האָב אויסגעזוכט אַ פיינעם פּלאַץ און באַשטעלט דעם סאַפּער און אַרויסגעשיקט לעטערס צו אַלע מעמבערס און זיי איינגעלאַדן. האָט מען מיך באַלד באַוואָרפן מיט לעטערס און מיר געלאָזט וויסן, אַז זיי קענען נישט לאָזן זייערע ווייבער אין דערהיים; און ס'האָט גלאַט נישט קיין פּנים; ס'איז אַ באַליידיקונג פאַר די פרויען; פאַרוואָס זאָלן די פרויען אויך נישט קומען צום באַנקעט?

און כמעט אַלע מעמבערס אונדזערע זיינען פאַרהייראַט. און די וואָס זיינען נישט פאַרהייראַט, ווילן קומען מיט זייערע שוועסטער אָדער קוזינעס, אָדער גלאַט מיטנעמען יענעמס אַ ווייבל. — ווינציק ווייבלעך זיינען פאַראַן וואָס ווילן גיין צו באַנקעטן?

האָב איך שוין געמוזט ענדערן די גאַנצע חתונה: אַנשטאָט צוויי הונדערט מאָלצייטן, האָב איך געמוזט באַשטעלן פיר הונדערט. איז שוין די הוצאה געוואָרן צוויי מאָל אַזויפיל.

אַ חוץ דעם האָט זיך מיין אייגן ווייב, לכבוד דעם סאַפּער, גע־

קויפט אַ דרעס, אַן ארבל, פאַר פופציק דאָלער, און אַ פּאָר נייע שיך פאַר צען דאָלער, און אַ זיידענע שאַל אויפן האַלדז פאַר פינף און צוואַנציק דאָלער, און מיינע צוויי טעכטער האָבן זיך אויך באַקליידט און באַניט און באַשיכט, און די מאַמע מיט די טעכטער זיינען אריין אין „ביוטי פּאַרלאָר" און זיך דאָרטן „אויפגעפיקסט" און זיך געלאָזן קרייזלען די האָר, דאָס האָט אויך אָפּגעקאָסט צוואַנציק דאָלער.

הקיצור, דער עסק האָט מיך אריינגעטריבן ארום און אין אַ פופצן הונדערט דאָלער.

דיר מעמבערס האָבן נאָך געוואָלט מוזיק אויך, אָבער זיי האָבן געקראָגן אַ מכה, נישט קיין מוזיק. אַנדערש זיינען זיי נישט גע־וואוינט נאָר האָבן גוטע סאַפּערס מיט מוזיק, די שנאָרערס.

ביים עסן האָט מען געהאַלטן רעדעס, מען האָט מיך געלויבט, מען האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ קלוגער, אַ גוטהארציקער, אַ גע־לערנטער, אַז איך קען אַ סך שפּראַכן — וואָס האָט מען נישט גע־זאָגט?

די מעמבערס, וואָס קענען מיך, האָבן אויסגעהערט די רעדעס מיט די לויב־געזאַנגען און זיי האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן פרעגן איינער ביים אַנדערן: פון ווען אָן איז דאָס הירשקע אַ קלוגער, אַ גוטהארציקער און אַ שפּראַכן קענער?

אָבער זיי האָבן געהאַט שכל און געשוויגן, אַ וואָרט נישט גע־רעדט!

אין מיטן די רעדעס האָט מען מיר דערלאַנגט די בלומען, מען האָט אויך דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען מיין פרוי.

דערנאָך האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די ברידער: „אַלע־מאַי מען האָט זייערע פרויען אויך נישט געגעבן קיין בלומען".

דער סוף איז געווען, אַז דער באַנקעט האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּיט. אַ גרויסע צאָל „ברידער" זיינען אהיים געפאָרן מיט ביילן אויפן שטערן, מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און אויסגעשלאָגענע ציי־נער. אַ היבש ביסל פרויען האָבן געחלשט.

אָבער אין אַלגעמיין איז דער סאַפּער געווען אַ גרויסער סוקסעס!

שאַ, אַ באָס רעדט.

„...אמת, איך בין אביסל שיכור, אָבער איך ווייס וואָס איך רעד. איך בין היינט פריילעך, ביקאָז איך האָב חתונה געמאַכט מיין ערשטע טאָכטער, וועלכע איז זייער נישט קיין גרעאָטענע. זי האָט מיר געקאָסט פּלענטי געלט, מאָר דען 10 טויזנט דאָלארס! באַקומען פאָר איר אַ לאָיער, אַ יונגן לאָיער; מאָני טאָקס. דאָט'ס טריו. יו סי, מאַי דיר פרענדס, איך בין אַ באָס. איך האָב געמאַכט פּלענטי געלט; פון קיין יוניע האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט קיין טראָבל... אי דאָנט לאַיק די יוניעס! יו סי, זיי מאַכן נאָר טראָבל... אי דאָנט לאַיק ווען אַ יוניע מישט זיך אריין צווישן קאַפּיטל און ארבעט! דאָס טאָר נישט זיין... אי דאָנט לאַיק סאָטש טהינגס!... יו סי, איך האָב דאָס געלט, אי גאָד די ברעינס, אי גאָד די שאָפּ, די מאַשינען, דאַרף איך האָבן די דעה, נישט די יוניע! ווען די ארבעטער זאָלן זיין מענטשן, יו נאָו, וואָלט איך אין מיין שאָפּ איינגעפירט סאָשעליזם.

„איך וויל זיי טאָן אַ טובה, און זיי לאָזן זיך נישט! נאָר זיי בונטעווען זיך, נאָר זיי העצן אָן אויף מיר! איך בין איינפארשטאַנען מיטן פּרעזידענט... מיסטער רוזוועלט איז אַ גוד־פעלאָ, ער האָט מיך געמאַכט נעמען צוויי דאָלער פאר אַ דרעס מער און דעם ארבעטער האָב איך געגעבן צען סענט מער.

„די ארבעטער האָבן טאַקע נישט פארדינט געגוג... אָט נעמט ביי מיר אָן ארבעטער ניין טולער אַ וואָך. וואָס קען מען אויפטאָן מיט ניין טאָלער? גאָרנישט! האָב איך געפאָלגט אונזער פּרעזידענט און דעם ארבעטער געגעבן 10 פּראָצענט אַ רעיז, האָט ער איצט 9 טאָלער מיט 90 סענט, קען ער זיך טאַקע אַ ריר געבן! יו נאָו, ניינציק סענט האָט ער שוין אויף פּייפּערס, אויף אַ העיר־קאָט; ניינ־ציק סענט איז אַ האָל לאָט אָוו מאָני! ווען ער ארבעט אָפּ הונדערט וואָכן סטעדי, האָט ער ניינציק טאָלער מער! יו נאָו האָו איט איז!...

„אי טעל יו די טרוט, איך האָב שוין ניט געקענט צוזען ווי מיינע

ארבעטער מוטשען זיך נעבעך און קענען קיין לעבן נישט מאכן! ווען איך האב פארלארן 110 טאלער אין קארטן, האב איך אלעמאל גע־טראכט וועגן מיינע ארבעטער: וואס איך פארליר אין קארטן אין איין נאכט, פארדינט עס נישט מיינער אן ארבעטער אין 10 וואכן. איצט, אז איך קען אים געבן 10 פראצענט מער, אי פיל העפפי.

„יול בי סורפראיזד, ווען אל טעל יו, אז איך בין זייער א גוטער באס.

„יו סי... אין מיין שאפ קען אן ארבעטער האבן א ווייב און קינדער און איך קער נישט... עס איז נישט מיינע ביזנעס... איך גיב זיין ווייב און קינדער נישט קיין עסן און זיי גייען נישט ארום אויף מיין ערד. הו קערס? ער מעג אפילו האבן דריי ווייבער מיט פופצן קינדער. עס איז נאך בעסער; דעמאלט סטיקט ער צום דזשאב; אנדערע באסעס זוכן נאר סינגל לייט; קיין מעריד פיפל ווילן זיי נישט באשעפטיקן; דאטס וועדי פוליש!

„באט איך קער נישט... איך האב בלויז פארהייראטע מענשן אין מיין שאפ. אמת, זיי סאפערן מער ווי סינגל־לייט, ביקאס זיי דארפן מער האבן, דאטס טרו, באט איך בין נישט שולדיק; איך האב זיי נישט געהייסן חתונה האבן... וואס זיי קומט, קריגן זיי ביי מיר... א שעה פאר דינער און טרי מינוטס פאר אנטאן זיך... דאטס מאי פאליסי, יו נאו... איך זאג: לעבן און לאזן לעבן! עס אי ראיט, אר נאט? שור, אי עם ראיט! אי עם אלוועים ראיט! יו סי, מיר דארפן זיין העפפי וויט די ניו פרעזידענט; ער האט גערעטעוועט די קאנטרי!

„איר לאכט פון מיר? וועל, דאס באווייזט, אז איר פארשטייט מיך נישט...

„איך האב גערעדט אגריד מיט די אלד מען... וויט די נאיס ביערד... האו דו יו קאל הים? יו נאו הו אי מין... יעס, אי מין קארל מארקס!... היז אידיאס אר וועדי פאני! ווהאט? יו דאנט לאיק האו אי ספיק? הו קערס פאר יו? שאט־אפ! יעס, אי מין יו, וויט די אי־גלעסעס! סעי בען, ווארף אים ארויס! הי איז א סאשעליסט, אי דאנט לאיק הים! ער לאכט אלעמאל פון מיינע ספי־טשעס. איצט וועט ער האבן א לעסאן!... יעס, מאי דיר פיפל, אונזער פרעזידענט וואלט געווען מאטש בעטער, ווען ער שטופט נישט

אריין זיין נאָז אין אונזרע ביזנעס...

„ער וויל האָבן טוירדי אאורס אַ וויק, און ער וויל מען זאָל זיין פּאַרטנערס מיט די גאָווערנמענט; ער מוז וויסן פון אַל די פּראָפּיטס. גאָווערנמענט קאָנטראָל רופט ער דאָס... מיין הארט טעלס מי, אז ער וועט אונז מאכן פּלענטי טראָבל! דאטס אַ ליטל ביט טו מאטש! עוורי באָס וויל זיין דער באָס אָווער היז אָון שאָפּ. ס'איז מיין שאָפּ און מיינע מאשינען, אי פּעי פאָר עווריטינג, סאָ אי מוז בי די באָס!...

„העי, אין די בעק, דאָרט, לאַך ניט, הא? וואָס האָסטו געזאָגט? אי עם אַ פעיקער, אַ אידיאָט?

„העי, בען, וואָרף אים אויך ארוים פון שאָפּ! וואָס, אַלע לאכן?... איף דאטס די קעיס, טאָ פּוט אוט די האָל באָנטש, דעיר! ווען איך האַלט אַ ספּיטש אין מיין שול לאכט מען ניט פון מיר. עווריבאָדי הערט מיך אוים מיט רעספּעקט. די סעים טינג מיט מיין סאָסייעטי. אי עם די פּרעזידענט דעיר... קיינער לאכט נישט פון מיר! דאטס אַ שעים! יו סי, מענטשן דארפן האָבן רעספּעקט פאר אנדערע מענשן... יו נאָו האָו איט איז!... און מיינע מענשן זיינען נישט קיין מענשן; זיי זיינען ארבעטער, סאָשעליסטס; זיי קענען בלויז מאכן טראָבל, זיי וויסן בלויז פון צוויי זאכן: קורצע שטונדן און גרויסע ווידזשעס! עפּעס וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, דאָס וויסן זיי נישט... אָט ווילן זיי זיך איצט אָרגאַניזירן אין אַ יוניע! — נו, זיינען זיי מענשן? וואָדו יו טינק?...

„הא? מען לאכט שוין ווידער? העי, בען, וואָרף זיי אויך ארוים. אַ וואָרט לאָזן זיי נישט אויסריידן!

„אָל אָווער קען איך ספּיטשן, נאָר נישט אין מאַי שאָפּ! איך האַלט ספּיטשעס ביי באַנקעטן, פאר די רעפּאָבליקען פּארטי, און נאָבאָדי לאכט פון מיר, און דאָ, אין מאַי אָון שאָפּ, לאָזט מען מיך נישט ספּיטשן!

„הא, מען לאכט ווידער? העי, בען, וואָרף ארוים די לעצטע מענשן פון שאָפּ, וועט זיין שטיל, ווען איך קענען פינישן מיין ספּיטש!" — — — — — — — — — — — — — — —

— —

עס וועדט אַ טומל, אַ געדודער, דער באָס סטאָפּט רעדן...

נאָר ער סטרייקט!

מאָטל האָרעפּאַשניק זאָגט:

„ווען איך געפין אוים דעם מענשן וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם סטרייק, וואָלט איך אים געגעבן אַ גאָלדענעם מעדאַל און אים געמאַכט אַ באַנקעט.

„פון אַלע דערפינדונגען אין דער וועלט איז דער סטרייק די שענסטע, די בעסטע, די ניצלעכסטע דערפינדונג. ניצלעכער ווי דער טעלעפאָן, טעלעגראַף, ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע דערפינדונגען."

מיר וועלן מאָטלען אַליין געבן דאָס וואָרט, און זאָל ער אייך אַליין איבערגעבן ווי באַגייסטערט ער איז פאַר סטרייקס.

„איך בין אַלע מאָל געווען און איך בין איצט, און איך וועל אויך אייביק בלייבן אַ געטרייער יוניאָן־מאַן און אַ געטרייער סטרייקער; און כדי איך זאָל קענען אַלע מאָל סטרייקן, האָב איך נישט חתונה געהאַט.

„איר ווייסט דאָך וואָס חתונה האָבן מיינט פאַר אַ נאַש־בראַט. אַז מען האָט חתונה, מוז מען שוין אויפהאַלטן אַ דירה, מעבל, געז, עלעקטריק, און שפּעטער קומט אַ קימפּעט, און ווידער אַמאָל אַ קימפּעט; און יעדע קימפּעט קאָסט געלט און פאַרשאַפט צרות און טראָבל: מען האָט צו טאָן מיט הייבאַמעס, דאָקטוירים, מוהלים, קוואַטערס, בריתן און אַנדערע אָנשיקעניש; און אַז די קינדער ווערן גרעסער, ווערן אויך גרעסער די צרות. כמעט אַלע קינדער ווילן עסן, און זיי מאַזלען און זיי פּאָקן, און זיי האָבן היץ און קעלט, און עס שניידט זיך ביי זיי די ציינדלעך, און זיי האָבן קרעמפּס, און זיי וויינען גאַנצע נעכט און לאָזן אייך נישט אַן אויג צוטאָן.

„און ווען זיי ווערן נאָך עלטער, מוזן זיי האָבן שיך און קליידער און אייז־קרים און מואַוויס, און זיי נעמען מוזיק־לעסאָנס, און גלאַט אַזוי לעסאָנס. איינער רימפּלט אויף אַ טשעלאָ, אַ צווייטער סקריפּעט אויף אַ פידל, אַ דריטער בלאָזט אויף אַ טרומייטער אָדער אַ סאַק־

סעפּאָן, אָדער ער קלאַפּט אויף דער פּיאַנאָ און מען ווערט טויב און נערוועז, און מען וויל זיך אַ מעשה אָנטאָן.

„און אַזעלכע זאַכן זענען נישט פאַר מיינע כחות. האָב איך בעסער נישט חתונה געהאַט; בין איך געבליבן סינגל; האָב איך מער צייט צו סטרייקן. און אַזוי פיל סטרייקס, וויפיל איך האָב שוין אויסגעסטרייקט, האָט נאָך קיין איין סטרייקער נישט דורכגעמאַכט זייט סטרייקס זענען באַשאַפן געוואָרן! מען קען זאָגן, אַז איך בין דער גרעסטער און בעסטער און דער געטרייסטער סטרייקער אין לאַנד.

„ווי נאָר איך בין אַרונטער פון שיף, מיט 38 יאָר צוריק, האָב איך שוין גענומען סטרייקן מיט מיינער אַ טאַנטע. זי האָט מיך געוואָלט אוועקגעבן צו אַ חזן, מחמת איך האָב געהאַט אַ קוויטשעדיקע שטימע, און איך האָב נישט געוואָלט. און אַזוי ווי זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, האָב איך דערקלערט אַ הונגער־סטרייק. האָט מיין טאַנטע מורא געהאַט, אַז איך וועל אויסגיין פון הונגער, האָט זי זיך אונטערגעגעבן.

„דאָס איז געווען מיין ערשטער סטרייק, וואָס איך האָב געוואונען אָן דער יוניאָן.

„דערנאָך בין איך געוואָרן אַן אַפּרייטאָר ביי שניידעריי, ביי קלאָוקס, ביי העמדער, ביי פּאַר, און אומעטום האָב איך באַלאַנגט צו דער יוניאָן, געצאָלט פּינקטלעך דיוס, און מיט אַלע באַסעס געסטרייקט.

„נישט נאָר געסטרייקט, נאָר אויך געפּיקעט די שעפּער, געכאַפּט קלעפּ פון גערונגענע גענגסטערס.

„ביי איין סטרייק האָט מען מיך אַזוי צעקאַליעטשעט, אַז מען האָט מיר געמאַכט עלף סטיטשעס אין קאָפּ. נאָך איצט זעט מען אָן דעם צייכן. אָט איז ער. טוט, זייט מוחל, אַ טאַפּ מיט דער האַנט. איר פילט אים? יאָ, אָ, אָט־אָ־דאָ... עלף סטיטשעס בלויז ביי איין סטרייק! אָבער דאָס האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן פון סטרייקן ווייטער.

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: יעדער סטיטש איז ביי מיר ווי אַ גאָלדענער מעדאַל. אַ כבוד.

„און ביז היינטיקן טאָג איז ביי מיר סטרייקן דער גרעסטער פאַרגעניגן.

„מען זאָגט, אַז געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור, איז דאָס טאַקע אמת. אַז איך סטרייק נישט, בין איך אויס מענש; עפּעס פעלט מיר; ס׳איז מיר אומעטיק, סקוטשנע.

„איין מאָל — איר מעגט עם הערן — „איז מיר אויסגעקומען צו סטרייקן מיט אַ באָס צוויי טעג נאָכן סעטלמענט. ער האָט גענומען מאַכן מאָנקי־ביזנעס, חרטה האָבן. עס האָט אים פאַרדראָסן אַלעמאַי מיר, די אַרבעטער, האָבן געוואונען דעם סטרייק.

„האָבן מיר קיין סך נישט געטראַכט און באַלד אָפּגעשטעלט די אַרבעט, אַ שפּיי געטאָן אויפן באָס און מיר זענען שוין אין גאַס און שוין אין סטרייק; איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען דער ערשטער אויפן פייער.

„אין אַ שעה שפּעטער בין איך שוין געשטאַנען אין אַ האָל און גערעדט צו די אַרבעטער.

„און אַז איך רעד, רעד איך! איך האָב פּיינט צו האַקן אַ טשייניק! איך רעד מיט ברען, באַגייסטערט. איטלעכעס וואָרט קומט ארויס פון האַרץ און קריכט אריין אין האַרץ — אָט אזוי־אָ רעד איך.

„אויף מאָרגן האָט דער באָס געשיקט נאָך מיר און געזאָגט:

„מאָטל, איך גיב זיך אונטער. קומט אַלע צוריק אַרבעטן. מאַכט עס האַרי־אָפּ. איך בין זייער ביזי, איך פאַרליר שווערע געלט!"

„זאָג איך צו אים:

„מיסטער באָס, איצט, אַז איר ווילט אונז האָבן צוריק, מוזט איר אפריער אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז איר וועט מער נישט טרעטן מיט די פיס אונזער אָפּמאַך, אַנדערש וועלן מיר די שוועל פון אייער שאַפּ ניט אַריבערטרעטן".

„האָט ער זיך געקווענקלט, געדרייט ווי אַ שלאַנג, זיך געוואָלט ארויסדרייען. אָבער ס'האָט אים ניט געהאָלפן — נישט ביי מאָטיען!

„איך האָב אים באַלד צוגעשטעלט אזא פּאַפּיר, אין ענגליש, און איך האָב עס טאַקע אַליין געמוזט אונטערשרייבן פאַר אים, מחמת ער האָט ניט געקענט אונטערשרייבן זיין נאָמען. און כדי די שריפט זאָל זיין געזעצלעך, האָט ער, דער באָס, לעבן זיין נאָמען גערדאַרפט מאַכן אַ צלמל.

„עס איז אים טאַקע, נעבעך, אָנגעקומען שווער, געגנוג געשוויצט און געסאָפּעט, אָבער ער האָט עס געמאַכט.

„מיט פרייד און מיט געזאַנג און מיט טאַנצנדיקע טריט זענען מיר צוריקגעקומען אין שאַפּ צו דער אַרבעט.

„אָט אזוי ווי איר הערט, איז ביי מיר דאָס סטרייקן אַ שפּילכל,

אַ פֿלעזשור. איך נעם זיך אונטער צו סטרייקן ביי צען באָסעס מיט אַמאָל, אין איין צייט.

„איך געדענק עס ווי היינט, אַז אין 1929 האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ סיזאָן אָן אַ סטרייק, בין איך געווען אויס מענש. איך בין געזעסן אין שאַפּ ווי אויף הייסע קוילן, ווי אויף שפּילקעס. עס האָט מיר פּשוט פאַרדראָסן אויפן באָס, פאַרוואָס ער באַדערט נישט, פאַרוואָס ער גיט אונז די פולע יוניאָן־פּרייז און ער באַהאַנדלט אונז מער־ווייניקער ווי מענשן. איך האָב טיף אין האַרצן געבעטן גאָט, אַז דער באָס זאָל ברעכן דעם אַגרימענט, ער זאָל עפּעס טאָן, אַבי איך זאָל קענען סטרייקן מיט אים.

„ווען איך בין אין סטרייק, פּיל איך זיך ווי אַ פיש אין וואַסער: אינגער, לעבעדיקער, קרעפּטיקער.

„איין מאָל האָב איך פאַר גרויס שמחה אַ קוש געטאָן דעם באָס אַליין, דעם באָס, ביי וועלכן איך האָב געסטרייקט. „צוליב אייך, צוליב אייך, סטרייק איך!" — האָב איך אויסגערופן אַ באַגייסטערטער — „יאָ, צוליב אייך", און איך האָב אים ווידער אַ קוש געטאָן אין שטערן.

„אָט אַזאַ מענש בין איך, און אָט אַזוי־אָ וועל איך שוין שטאַרבן; און אַז איך׳ל שוין האַלטן ביים שטאַרבן, וועל איך אפילו מיטן מלאך־המות אויך סטרייקן!

„איך וועל זיך אַזוי גרינג נישט איבערגעבן אין זיינע הענט!"

קאָפּל הארמידער און זיינע באַסעס

נאָכדעם ווי קאָפּל הארמידער האָט אָפּגעאַרבעט ביי זיין באָס א פולע וואָך מיט אָווערטיים, האָט אים דער באָס געלאָזט וויסן, אז ער האָט נישט קיין „פּעי" פאר אים; ער האָט נישט און שוין! „און אויב ס'געפעלט דיר נישט", האָט ער געזאָגט צו קאָפּלען, „מעגסטו מיך קלאָגן. סיי ווי קען מען מיר גאָרניט טאָן, מחמת די שאָפּ און די מאַשינען זיינען אויף מיין ווייבס נאָמען; וועט זיין אַן עבירה די עטלעכע דאָלער, וואָס דו וועסט געבן א לאָיער. עס קומט דיר איינגאַנצן 18 טאָלער. וועסטו דאַרפן געבן דעם לאָיער 15 און אפילו דו זאָלסט געווינען, וועסטו מער ווי דריי דאָלער נישט האָבן. איך וויים וואָס איך רייד. דו האָסט נישט אזוי פיל האָר אין קאָפּ, וויפיל אַרבעטער איך האָב שוין אָנגעזעצט אין ווידזשעס."

האָט דער אָרעמער קאָפּל אויסגעהערט זיין באָס און ער איז אַרויס מיט לשון:

„וואָס? איר האָט נישט קיין פּעי פאר מיר? טאָ וואָס־זשע פאר א באָס זענט איר? זייט איר דאָך ניט קיין באָס, נאָר אַן אָנזעצער? מיט וואָס פאר א רעכט האַלט איר אַרבעטער און איר באַצאָלט זיי נישט? הא, איר האָט נישט קיין געלט? אויב אזוי, קענט איר דאָך בעסער זיין אַן אַרבעטער אזוי ווי איך און אויך נישט האָבן! נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איר בלאָפט, אַז איר זייט א פּשוט'ער אָנזעצער, א שווינדלער, איר ווילט זיך דאָ אַרויסדרייען, אָט וואָס איר ווילט! איך קען אייך גאַנץ גוט, באַסעס, הלוואי וואָלט איך אייך בעסער ניט געקענט. איר זייט ניט דער איינציקער וואָס זאָגט, אז ער האָט נישט קיין געלט. אויב איך האָב נישט קיין טעות, זייט איר שוין ביי מיר דער אַכטער אָדער דער ניינטער באָס. אָבער יענע האָבן זיך קיין סך נישט געמוטשעט. איינער, א געוויסער שינ־

דערמאָן, האָט געזען, אַז ער קען נישט באַצאָלן זיינע אַרבייטער, אַז ער איז באַנקראָט, האָט ער קיין סך נישט געטראַכט, ביי קיינעם נישט געפרעגט, איז אַרונטער צו זיך אין קעלער און ער האָט זיך פאַר'סם'ט.

אויף מאָרגן איז געווען זיין לויה, און אַזוי ווי ער האָט נישט גע־האָט קיין קינדער, האָב איך, דער ערשטער, געזאָגט קדיש נאָך אים.

אַ צווייטער באָס, זיין נאָמען איז געווען מיסטער צופער, האָט געזען, אַז די געשעפטן גייען נישט, איז ער אַרויף אויפן דאַך פון זיין שאָפּ און ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַנגען אויף אַ וואַש־לאַין. ער האָט אויך געהאַט אַ שיינע לויה. דער ראַבאַי פון זיין טעמפּל האָט געמאַכט דעם הספד און דער שמש האָט געזאָגט קדיש.

אַ דריטער באָס, אַ געוויסער מיסטער שישקע, האָט אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף מיט דער יוניאָן. זעכצן לאַנגע וואָכן האָט געדויערט דער סטרייק און די יוניאָן האָט געוואונען. האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגן די „שאַנדע", האָט ער זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ.

ווען זיין יונגע ווייבל האָט אים דערזען מיט אַ צעלעכערטן שאַרבן, האָט זי אויסגערופן: „אַ שיינע, ריינע כפרה! ער האָט געלעבט ווי אַ בהמה און געשטאָרבן ווי אַ נאַר!"

ער האָט שוין גאָר נישט געהאַט קיין גרויסע לויה. ערשטנס, האָט ער נישט געהאַט קיין סך גוטע פריינט, און צווייטנס, האָט דעם טאָג שרעקלעך גערעגנט.

אָבער מיר, די אַרבעטער, זענען אַלע געווען. קיין איינער האָט ניט אויסגעפעלט.

צו באַגראָבן אַ שלעכטן באָס זיינען מיר אַלע מאָל פאַרטיק, אַפילו אין מיטן דער נאַכט!

נאָך אַ באָס, אַ פילאַדעלפיער, האָט זיך מיישב געווען, אַז מען דאַרף אַנטלויפן מיט די ווייַדזשעס, האָט מען אים געכאַפּט אַזש אין פּיטסבורג, און מען האָט אים אַרעסטירט. האָט ער זיך דאָרט אין דזשעיל איבערגעשניטן דעם האַלדז מיט אַ בריטווע. ער האָט געמאַכט זייער אַ גוטן דזשאַב אויף זיך.

ער האָט אַלע מאָל געשניטן די ווייַדזשעס, האָט ער זיך אויס־געלערנט שניידן, ביז ער האָט זיך אַליין אַ שניט געטאָן.

אָט אַזוי ווי איר הערט, האָבן זיך אַכט אָדער ניין פון מיינע

געוועזענע באַסעס אַליין גענומען דאָס לעבן — געבענשט זאָלן זיין זייערע הענט! און איר — לעבט! פע, איר מעגט זיך שעמען! איך אויף אייער אָרט, וואָלט זיך ניט געמוטשעט. איר זייט צו גוט פאַר אונזער וועלט. פאָלגט מיך, מיסטער באָס און קירצט אייך אויך אָפּ די טעג מיט די יאָרן, וועט איר פאַרשפּאָרן צו זאָרגן, וועט איר ניט דאַרפן בלאָפן; וועט איר ניט דאַרפן אָנזעצן די אַרבעטער, וועט איר וויסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איר לעבט אויף דער וועלט.

וועט איר דאָך פרעגן אַ פראַגע: וואָס־זשע וועל איך טאָן אָן אייך? וועל איך אייך ענטפערן: איך וועל קריגן אַן אַנדער באָס, וואָס וועט מיר אויך ניט באַצאָלן און איך וועל אים געבן די זעלבע עצה וואָס איך גיב אייך: ווערן אַ באָס אויף יענער וועלט. יענע אַרבייטער וועלן זיין מתים און מתים דאַרפן ניט עסן.

— הא? וואָס זאָגט איר? — איר ווילט זיך ניט נעמען דאָס לעבן? אויב אַזוי, ווייסט איר נישט וואָס גוט איז! אָ, איר ווייסט נישט וואָס פאַר אַ סאָרט טויט זיך אויסצוקלייבן? אָט דאָס זיינען שוין אַנדערע ווערטער! אויב אַזוי וועל איך אייך געבן אַ טויט, וואָס זאָל אייך און אייער פרוי און אייערע אַרבעטער פאַרשאַפן אַ סך כבוד. שפּרינגט אַרונטער פון דער וואַשינגטאָן בריק. די בריק האָט אָפּגע־קאָסט אפשר דרייסיק מיליאָן טאָלער. מאַכט דעם אָנהויב. זייט איר דער ערשטער צו באַנייען די בריק. אַזאַ שפּרינג דאַרף אייך גאָרנישט קאָסטן. איר דאַרפט נאָר וועלן. פאָלגט מיך און שפּרינגט אַרונטער און זאָל זיין אין אַ מזל'דיקער שעה, מיטן רעכטן פוס!

אפשר וועלן די אַנדערע באַסעס, וואָס זעען אָן זייערע אַרבעטער, אייך נאָכטאָן.

אָבער דער באָס האָט מיך נישט געפאָלגט.

האָט איר שוין געהערט אין אייער לעבן, אַז אַ באָס זאָל פאָלגן זיינעם אַן אַרבעטער? — איך נישט!

אַן איין אַקטער

יאָמערט פאַר מיר אַ אידישער שרייבער מיט אַ יאָמער פון יאָמער־לאַנד:

דאָ, אין דעם וויסטן אַמעריקע, זיינען מיר, שרייבער, גאָר קיין מענטשן ניט. דאָס הייסט, מיר זיינען יאָ מענטשן, נאָר מען האַלט אונדז ניט פאַר קיין מענטשן; דאָס פּשוטע פאָלק, די לייענער, האַלטן אונדז, דוקא, יאָ פאַר מענטשן, נאָר די טעאַטער־מענעדזשערס, אָט זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף אידיאָטן.

און אָט מיט די מענטשן מוזן מיר פון צייט צו צייט האַנדלען; זיי דאַרפן עס זיין די ליטעראַרישע מבינים אויף אונדזער ליטעראַטור, אויף אונדזערע שאַפונגען — ווי און וויסט איז צו אונדז און צו אייך און צו אַלע אידן!

הערט, אויף טשיקאַוועס, וואָס פאַר אַן אָפּשניט איך האָב געהאַט מיט אַזאַ מענעדזשער:

איך האָב אָנגעשריבן אַן איין אַקטער, אַ קאָמעדיע. געהאַט האָב איך אין דעם איין אַקטער פינף מענטשן מיט אַ משומד. צווישן די פינף מענטשן זיינען געווען צוויי פרויען: איינע אַ שיינע, אַ בלאָנדע און אַ פריילעכע און נאָך איינע אַ ברונעטע, אַ מיאוסע און אַן אָנגעבלאָזענע.

ווייטער האָב איך געהאַט צוויי שוחטים און אַ רומענישן אידן. פאָרגעקומען איז די גאַנצע האַנדלונג אין אָדעס,ביים שווארצן ים.

דריי חדשים האָב איך געמעקט און געשריבן און ווידער געמעקט, ביז איך האָב דעם איין אַקטער געענדיקט.

דער טאָג איז ביי מיר געווען אַ גרויסער יום־טוב; מיין ווייבל האָט זיך נאָך מער געפרייט ווי איך, מחמת, אַז איך שאַף, בין איך זייער נערוועז און בייז. פאַרשטייט זיך, אַז איך לאָז דעמאָלט אויס מיין בייז האַרץ צו דער ווייב, זי איז דאָס ערשטע כפרה־הינדל. און אַז איך שאַף נישט, בין איך זייער אַ גוטער; אַן אויסנאַם פון

אַ מענטשן. דעריבער האָט זיך מיין ווייבל זייער געפרייט ווען איך האָב פּאַרטיק געמאַכט דעם איין אַקטער.

איך האָב באַלד אָפּגערופן דורכן טעלעפאָן דעם מענעדזשער פון „יאַקלס טעאַטער", און אים געלאָזט וויסן וועגן מיין איין אַקטער.

האָט ער מיר געהייסן צוקומען מיט מיין ווערק. ער וועט דעם איין אַקטער שפּילן צו זיינעם אַן „ערן אָוונט", האָט ער געזאָגט. פריער וועט מען שפּילן אַ גאַנצע פּיעסע, נאָר אַלס „אַטרעקשאָן" וועט מען שפּילן מיין איין אַקטער.

האָב איך געכאַפּט אויף זיך אַ ווייסן קראַגן, אַ נייעם שניפּס, געכאַפּט אויף זיך דעם שטרויענעם קאַפּעליוש, דערנאָך האָב איך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם דינעם מאַנטל, אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן אין איין האַנט, דעם איין אַקטער אין דער צווייטער האַנט, דערנאָך האָב איך געכאַפּט אַ שאַכטל מיט פּאַפּיראָסן אויף באָרג און זיך אַריבערגעכאַפּט צום מענעדזשער פון יאַקלס טעאַטער.

ווען ער האָט איבערגעלייענט מיין ווערק, טוט ער אַ זאָג צו מיר:

— נאָך וואָס טויגן אייך די צוויי פרויען? זיי ברענגען דאָך אייך קיינשום נוצן ניט. גלאַט האָבן צוויי פרויען אין אַן איין אַקטער, האָט ניט קיין זין; וואַרפט זיי אַרוים: מ'עט זיך גאַנץ שיין באַגיין אָן די צוויי ווייבער.

— אויב איר דענקט, אַז מען דאַרף זיי נישט, מעגט איר זיי אַרויסוואַרפן נאָט אייך מיין פען און שטרייכט זיי אויס.

האָט ער אויסגעשטראָכן די צוויי פרויען, די בלאָנדע און די ברונעטע. ער האָט געמאַכט אַ צלם איבער צוויי בלעטלעך און — אוים מיט די צוויי ווייבלעך!

דערנאָך זאָגט ער צו מיר:

— און די צוויי שוחטים דאַרף מען אויך ניט האָבן; היינטיקע ציטן מאַכט מען זיך נישט קיין צימעס פון שוחטים; די מייסטע אידן עסן היינט אין גויאישע רעסטאָראַנען; אפשר איינס פּראָצענט האַלטן נאָך פון כשרות; וואַרפט אויך אַרוים די צוויי שוחטים, זאָלן זיי גיין; דערווייל וועל איך איינשפּאָרן צוויי אַקטיאָרן. איר פאַרשטייט?

האָט ער אַרויסגעוואָרפן די צוויי שוחטים און גע'פטר'ט — אוים שוחטים. האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט, הייסט עס, דער רומע־נישער איד מיטן משומד.

האָט זיך דער מענעדזשער פאַרטראַכט און צום סוף באַמערקט:

— היינט זיינען שוין די משומדים אויסגעשפּילט; אַמאָל, אין אַלטן רוסלאַנד, אָדער אין עסטרייך, אָדער אפילו אין דייטשלאַנד, האָט מען זיך געשמדט; אַ סך אידן זיינען אין די לענדער אַוועק פון זייער גאָט, פון זייער רעליגיאָן, אָבער נישט היינט; היינט קע־נען אידן בלייבן אידן; טאָ וואַרפט שוין אַרויס דעם משומד אויך.

און ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם העפט, איך זאָל אַרויס־וואַרפן דעם משומד.

— איך בין אייך מוחל דעם כבוד, האָב איך אים געענטפערט, איר האָט אַרויסגעוואָרפן די צוויי ווייבער מיט ביידע שוחטים, טאָ ווערט שוין פּטור פון דעם משומד אויך.

האָט ער גאַנץ שיין אויסגעשטראָכן דעם משומד. זאָל ער זיין! — האָט ער געזאָגט — צו אַלדי וויסטע קלאָגן!

פרעג איך אים אַ פראַגע: „מיסטער מענעדזשער, וואָס פאַר אַ זין האָט עס אַן איין אַקטער מיט איין העלד? ס'איז דאָך מער נישט איבערגעבליבן ווי דער רומענישער איד; וואָס קאָן איין איד, נאָך דערצו אַ רומענישער, אויפטאָן אין אַן איין־אַקטער?"

— מירן אים אויך אַרויסוואַרפן! — **זאָגט דער מענעדזשער** — אויב מיר לאָזן אים, וועט ער זיך גלאַט פּלאָנטערן פאַר די פיס; ער וועט נישט וויסן וואָס ער האָט צו טאָן; ווייטער וועלן זיך די ליט־וואַקעס און די גאַליציאַנער אידן געפינען שטאַרק באַליידיקט; זיי וועלן האָבן טענות, אַלעמאַי מיר מאַכן אַזאַ טומל מיט אַ רומענישן און נישט מיט זיי; און זיך איינרייסן מיט זיי וויל איך ניט; זיי קומען צו מיר אַלע אין טעאַטער, קויפן ביי מיר בענעפיטס און טיקעטס; וויל איך זיך מיט זיי נישט איינרייסן. איז די גלייסטע זאַך מיר זאָלן אַרויסוואַרפן דעם רומענישן אידן אויך. אַז די צוויי ווייבער מיט די צוויי שוחטים מיטן משומד זיינען נישטאָ, זאָל ער אויך נישט זיין. דענקט איר נישט, אַז איך האָב רעכט?

— שור, האָט איר רעכט... איר זייט טאַקע דער אמתער מבין, איר האָט פּשוט געראַטעוועט דעם איין אַקטער...

— אויף דערויף בין איך דאָך אַ מענעדזשער; ווען איך זאָל שפּילן די פּיעסן ווי די שרייבער שרייבן, וואָלט איך באַדאַרפט פאַר־

מאַכן דאָס טעאַטער; מען מוז אָפן האַלטן די אויגן און נישט אַרויס־לאָזן דאָס שטיפּטל פון די הענט.

נישטאָ קיין איין פּיעסע איך זאָל זי נישט אַזוי פיקסן ווי איך האָב איצט געפיקסט אייער איין אַקטער.

— איך גלויב אייך; איך זע דאָך אַלע פּיעסן וואָס מען שפּילט אין אייער טעאַטער.

דער מענעדזשער האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט מיך נישט און געפרעגט:

— איצט, אַז איך האָב שוין אייער איין אַקטער געענדערט, וויל איך וויסן וויפיל ווילט איר פאַר אים?

— איך ווייס אַליין נישט... אייגענטלעך קומט מיר בלויז פאַרן נאָמען... דער נאָמען איז זייער אַ צוציענדער, אַ סענסאַציאָנעלער. ער הייסט ביי מיר: „די בלעכענע חופה". אַ שיינער נאָמען. גיט מיר אַ הונדערטער!

— צופיל!

— טאָ גיט מיר אַ פופציקער!

— אויך צופיל; כ'על אייך געבן אַ פינף און צוואַנציקער.

— ס'איז צו ווייניק!

— ס'איז פונקט מיט פיר און צוואַנציק דאָלער צופיל, — זאָגט דער מענעדזשער.

— טאָ וועד הייסט אייך געבן?

— כ'גיב אייך טאַקע נישט.

— טאָ וואָס־זשע דרייט איר אַ מח און נעמט מיר צו מיין צייט?

— איך האָב היינט נישט וואָס צו טאָן, האָב איך געוואָלט האָבן שפּאַס.

— הייסט עס, אַז איר גיט מיר גאָרנישט?

— שייך זאָגן, גאָרנישט! כ'על אייך געבן אַ סיגאַרעטל.

— דאָס אַלץ?

— דאָס אַלץ.

דאַן האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איר מוזט אַריינקומען מאָרגן — די סיגאַרעטס זיינען מיר אויסגעגאַנגען...

אָט אַזוי מאַכן טעאַטער־מענעדזשערס חוזק פון אונדז, שרייבער.

אומזסטע טעאַטער טיקעטס

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן)

לעצטן שבת קומט צו מיר אריין דער שכן מיינער. גיי איך אים אקעגן: אָ, אַ גאַסט, וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט אייער ווייב? און איך רוק אים אונטער אַ טשער.

— אַ דאנק, — זאָגט ער — איך קען באַשטיין. איך בין אייך בלויז געקומען זאָגן, אַז איך האָב זעקס טיקעטס פארן אידישן טעאַטער. די טיקעטס זיינען אויף מאָרגן מאַטינעע, מען האָט מיר זיי אריינגעשיקט פון אַ סאָסייטי, גוטע טיקעטס, סענטער. וועל איך ניט האָבן קיין צייט צו גיין. איך קען ניט פארמאַכן מיין געשעפט, די פרוי מיינע דארף גיין שאָפּינג, אויסגעבן אַ פּאָר דאָלער, און די קינדער מיינע פארשטייען נישט קיין אידיש — קען איך אייך אוועקגעגעבן די טיקעטס, אַ פּרעזענט.

— זייער פיין פון אייך — זאָגט מיין ווייבל — זייער שיין פון אייך, מיסטער פיינמאַן, דאָך, ווי זאָגט מען עס, אַ גוטער שכן.

אַז ער איז ארויס, זאָגט מיין ווייבל: אַזוי ווי די טיקעטס קאָסטן אונדז נישט קיין געלט, דארף מען טאַקע די קינדער געבן אַ גוד טיים.

— וואָס הייסט ביי דיר אַ גוד טיים?

זאָגט זי: — אַ גוד טיים הייסט ביי מיר, אַז מ'עט זיי קויפן נייע סוטלעך. פארגעס נישט, אַז מיר'ן זיצן דאַונסטערז, לעבן די מוזיקער, וואו אַלע פיינע מענטשן זיצן, דארפן זיי ניט אויסזען ווי שלעפּערס.

און באַלד איז מיין ווייבל געשטאַנען אָן אויסגעפּוצטע און זיך געהייסן געבן 50 דאָלער. 50 דאָלער איז אפילו ניט גענוג, האָט זי געזאָגט, אָבער זי וועט שוין זען אַזוי צו מענעדזשן, אַז ס'זאָל יאָ זיין גענוג.

האָט נישט געהאָלפן קיין טענות און איך האָב איר דערלאַנגט 50 דאָלער. צונעמענדיק די 50 דאָלער האָט זי ווידער באַמערקט:

— אַזוי ווי די טיקעטס קאָסטן אונדז קיין געלט ניט, מעג מען דאָך באַקליידן די קינדער.

אויף מאָרגן זאָגט מיין ווייבל: אַזוי ווי מיר וואוינען ווייט פון טעאַטער, אַזש אין די בראָנקס, און זיך שלעפּן מיט פיר קינדער אין די קאַרס איז זייער שווער, וואָלט מען באַדאַרפט נעמען אַ טעקסי. מער ווי דריי דאָלער וועט נישט קאָסטן. אפשר דריי מיט פופציק. און ווען אפילו פיר דאָלער, האָט עס אויך די ווערט. זאָלן די ווי מיר דאַרפן זיצן אַ דריי שעה אין טעאַטער, וואָלט מען געדאַרפט דערזעט מיין ווייבל אַ קענדי סטאָר. זאָגט זי צו מיר: „נייטן, אַזוי קינדער האָבן פלעזשער.

האָבן מיר גענומען אַ געלע טעקסי און מיר פאָרן. פאָרנדיק, מיטנעמען אַביסל קענדי פאַר די קינדער."

האָב איך געהייסן סטאָפּן די טעקסי, בין אַרונטער און געקויפט פאַר אַ דאָלער מיט אַ האַלב אַ באָקס קענדי.

האָט מיין עלטערע מיידל פאַרקרימט מיט דער נאָז: אַנדערע טאַטעס, האָט זי געזאָגט, קויפן בעסערע קענדים און זיי באַצאָלן נאָך פאַר טיקעטס אויך, און דיר קאָסטן די טיקעטס קיין געלט ניט און דו קויפסט אַזעלכע ביליקע קענדי. און דאָס ווייבל מיינס האָט גע־האַלטן מיט איר, מיט דער טאָכטער.

האָב איך גאַנץ שיין געמוזט צוריק גיין און צוצאָלן נאָך אַ דאָלער און גענומען אַ בעסערע באָקס קענדי.

ווי זאָגט איר: ווייבאַלד די טיקעטס קאָסטן מיר קיין געלט ניט, מעג איך דאָך קויפן בעסערע קענדי.

פאָרן מיר ווייטער און דער רעדזשיסטער פון דער געלער טעקסי קלאַפּט אַלע ווײַלע אָפּ די דיימס, אַז עס גייט אַזש אַ רויך!

עס האַלט שוין, אַ דאַנקען גאָט, ביי דריי דאָלער מיט 60 און מיר זיינען נאָך ווייט פון טעאַטער. שאַ! אָט האָבן די צוויי קלענערע מזיקים דערזען אַ פּוש־קאַרט מיט בלעכענע טרומייטערלעך, נעמען זיי זיך וואַרפן ווי די שלענגלעך און וויינען. און אַז זיי וויינען, לאָזן זיי זיך הערן ווייט און ברייט. דער סוף איז געווען, אַז כ'האָב ווידער געהייסן אָפּשטעלן די טעקסי און געקויפט צוויי בלע־

בענע טרומייטערלעך.

הקיצור: איך וועל עס מאַכן קורץ: ביז מיר זיינען צוגעקומען צום טעאַטער, האָב איך זיי נאָך געמוזט קויפן צוויי ראָבער באָלס און צוויי בעגס פּינאַטס. דעם טעקסי דרייווער האָב איך באַצאָלט פינף דאָלער מיט 30 סענט. קיין טיפּ האָב איך אים שוין ניט גע־געבן. מיין ווייבל האָט מיך דערפאַר געזידלט: האָסט אים געדאַרפט געבן א האַלבן דאָלער, האָט זי געזאָגט. אז די טיקעטס קאָסטן דיר קיין געלט ניט, מעגסטו ספּענדן אויף זייטיקע זאַכן.

אין טעאַטער האָבן מיינע מזיקים אויפגעקנאַקטביידע בעגס מיט די פּינאַטס און צווישן די אַקטן געטרובעט אויף די בלעכענע טרומייטערלעך. האָט מען אונדז געהייסן אַהיים גיין. אָבער מיר זיינען נישט געגאַנגען... מיין ווייבל האָט געטענהט, אז קינדער דאַרפן האָבן פּלעזשער... ניט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג גייען זיי אין טעאַטער...

אין טעאַטער האָב איך נאָך אויסגעגעבן א דאָלער מיט 20 פאַר סאָדאַ וואַסער און אייז קרים.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, זאָגט צו מיר מיין ווייבל: וואָס וועל איך זיך איצט גיין באַדערן אין דער היים מיט סאַפּער, כ׳האָב קיין זאַך ניט אָנגעגרייט אין הויז. לאָמיר אַריינגיין אין א רעס־טאָראַנט און אָפּעסן סאַפּער. אז די טיקעטס, זאָגט זי, קאָסטן דאָך דיר קיין געלט נישט.

זיינען מיר אַריין אין א רעסטאָראַנט אויף סעקאָנד עוועניו, אָפּ־געגעסן סאַפּער און איך האָב באַצאָלט דריי דאָלער. א קוואָדער א טיפּ, איז שוין דריי דאָלער מיט א קוואָדער. אַרויסגייענדיק פון רעס־טאָראַן, זאָגט מיין ווייבל: „נייטן, אזוי ווי מיר זיינען געפאָרן אין טעאַטער אין א טעקסי, דאַרפן מיר שוין נעמען א טעקסי פון טעאַטער אויך. אז די טיקעטס קאָסטן דאָך דיר סיי ווי קיין געלט ניט.

די צווייטע טעקסי איז געווען א רעגעלע דאַים פעקטאָרי, יע־דער מינוט האָט זי פאַבריצירט א דאַים.

ווילט איר דאָך אודאי וויסן די אונטערשטע שורה:

דער דאָזיקער מאַטינעע האָט מיך אָפּגעקאָסט אַרום 70 טאָלער. און אַלץ דערפאַר, ווייל איך האָב באַקומען אומזיסטיקע טיקעטס פון מיין שכן.

אונזערע ווייבער

איך זאָג אייך, הערט איר, אז פון אונזערע ווייבער איז גאָר ניט אויסצוהאַלטן.

איך רעד דאָס אנטקעגן מיין ווייבל, זאָל געזונט און שטאַרק זיין.

דאָ, אַנומלטן, זאָג איך צו איר: מאַמעלע, גיב זיך א טו אָן אויף שנעל, וועלן מיר גיין אין קונסט-טעאַטער. מען שפּילט היינט זייער א שיינע שאָו, א קאָמעדיע, כ׳האָב צוויי גוטע טיקעטס, אָבער איך בעט דיך, אסתרל, מאַך עס שנעל; ס׳איז שוין א פערטל צו זעקס, און זיבן אַזייגער דאַרפן מיר ארויספאָרן. פאַרגעס ניט, מאַמעלע, אַז מיר דאַרפן בייטן צוויי סאַבוועיס.

האָט מיך מיין ווייבעלע אויסגעהערט און געזאָגט: יאָג מיך נישט! כ׳האָב פיינט אַז מ׳יאָגט מיך! איך בין ניט ווי אַנדערע ווייבער, וואָס עס נעמט ביי זיי א יאָר מיט א מיטוואָך ביז זיי טוען זיך אָן. אָט לויף איך שוין ארויף און אָט בין איך שוין פאַרטיק...

און דו? — טוט זי מיך א פרעג — ווי האַלט עס מיט דיר?

— איך דאַרף בלויז אָנטאָן דעם העט און שוין!

— זייער פיין, — זאָגט מיין ווייבעלע — איך לויף שוין ארויף אַפּסטערז און דו לויף דערווייל אַרונטער אין קעלער און שיט ארויף א ביסל קוילן, ווייל איך וויל ניט, אַז דער סטים זאָל סטאָפּן; אַז מען קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט פון טעאַטער, איז זייער גוט, אַז עס איז וואַרעם אין הויז.

פאַרטיק געוואָרן מיט מיין אַרבעט, שריי איך אַרויף צו מיין ווייבעלע: אסתר דאַרלינג, איך בין שוין פאַרטיק! און דו?

— איך גיי זיך שוין אַרומוואַשן! עס וועט לאַנג ניט נעמען.

שטיי איך אין געהאַקטע צרות, קוק אויפן זייגערל און איך ווער נערוועז. א פערטל נאָך זיבן, האַלב נאָך זיבן; א פערטל צו אַכט. שלעכט — דער ווייזער רוקט זיך!

— וואו איז ערגעץ אַהינגעקומען די זייף? — הערט זיך מיין

װײַבלס קול — צװײ שטיקלעך זײף געהאַט; אַ גיהנום איז דאָ, ניט קײן הױז!

טוט מיר שױן די געשיכטע אַ ריפּע בײַם האַרצן און איך זאָג:

— אַלבעטשע, די קינדער האָבן צו דינער אױפגעגעסן די זײף! אױף אונזערע מזיקים איז אַלץ צו גלױבן!

— װאָס זשע טוט מען? — שרײַט זי אַרונטער — איך קען דאָך ניט גײן אין טעאַטער ניט קײן געװאַשענע.

— װאָס הײסט, האָסט זיך דען הײַנט ניט געװאַשן? — פֿרעג איך.

— נײן — ענטפֿערט זי — איך האָב דאָך ניט געװאוסט, אַז דו װילסט הײַנט גײן אין טעאַטער.

— און אַז ניט אין טעאַטער, דאַרף מען זיך ניט װאַשן? זײער שײן, זײער שײן. אודאי ניט געװען קײן צײַט. רעדן מיט די װײַבער דרײַצן שעה אױפֿן זײגער, איז יאָ דאָ צײַט? זיך דינגען מיטן בוטשער צוליב אַ מאַרך־בײן, איז דאָ צײַט? לעזן װיסטע שונד־ראָמאַנען איז דאָ צײַט, נאָר אָפּצװאַשן זיך דאָס פּנים, איז קײן צײַט ניטאָ! אױ, די װײַבער, די װײַבער!

— שאַ, שאַ, שרײַ ניט, איך האָב שױן די זײף! איך גײ זיך שױן אײַנװאַשן ... װאַרף מיר אַרױף אַ האַנטוך. האָרי אַפּ!

און איך שטײ, װי אױף הײסע קױלן, קוק װידער אױפֿן זײגערל. עס װיל זיך נאָך ניט אָפּשטעלן! מיר דאַכט זיך, אַז די צײַט איז קײנמאָל אַזױ ניט געלאָפֿן װי הײַנט.

אהא, װידער איר קול:

— האָסט ניט געזען ערגעץ מײַן קאָרסעט?

— איך טראָג אים! — ענטפֿער איך בײז — קום אַרונטער, װעסטו זען.

— שרײַ ניט אַזױ, משוגענער, איך האָב אים שױן! ער איז געװען פֿאַרלײגט מיטן רױטן סװעטער! קום בעסער אַרױף און העלף מיר אַרױס.

לױף איך מסתמא אַרױף און טו אַ קוק: זי שטײט נאָך כמעט אַ נאַקעטע; װערט מיר פֿינצטער אין די אױגן. װײ איז מיר, װען װעט זי פֿאַרטיק װערן? זי דאַרף נאָך אָנטאָן די זאָקן, די שיך, די דרעס, דעם מאַנטל, דעם העט, די גלאָװס; זיך װײס מאַכן דאָס פּנים,

רויט מאַכן די ליפּן, שוואַרץ מאַכן די ברעמען, די וויעס — — —
נאַ — זאָג איך — אויס טעאַטער! אַרויסגעוואָרפן פיר טאָלער מיט
40 סענט! טייערע טיקעטס!

— ס'איז דען מיין שולד? — שרייט מיין ווייבל — ס'איז דאָך
דיין שולד! האָסט מיר געדאַרפט זאָגן מיט עטלעכע טעג פריער,
אז דו ווילסט היינט גיין אין טעאַטער!

— מיט עטלעכע טעג פריער האָב איך דאָך נאָך אַליין ניט
געוואוסט; איך האָב דאָך ערשט היינט פאַרנאַכט געקויפט די
טיקעטס!

— שאַ, שאַ, נעם זיך ניט צום הארצן. אַט האָב איך שוין
אָנגעטאָן די זאָקן... זיי אַזוי גוט און דערלאַנג מיר די שיך. אַט
שטייען זיי דאָרטן, אונטערן דרעסער... איצט דערלאַנג מיר די
דרעס... אָן די סליוום... גיי ניט אַוועק, וועסט מיר דאַרפן צו־
שפּילען... און גרייט מיר אָן די ווייסע גלאָווס, זיי ליגן, דאַכט זיך,
אויפן קליינעם טישל. ניטאָ? טאָ זוך אויפן שעלוו... מאַך עס
שנעלער! שאַ, וואָס איז דאָס? אַלע הוקס אַרויסגעריסן פון דער
דרעס! ווער האָט עס געקאָנט אַרויסרייסן די הוקס? נו, זאָל שוין
זיין אָן הוקס... לויף אַרונטער און ברענג מיר אַרויף די פּינס...
האַרי־אַפּ! די צייט שטייט ניט! האָסט שוין די פּינס?... טאָ
פאַרשפּילע מיר... אָבער שטעך מיר ניט איין! אוי, אַט האָסטו
מיר שוין דערלאַנגט אַ שטאָך!... געליימטע הענט ביי דיר!...

— וועסט זיך אויס'טענה'ן מיט מיר אין טעאַטער, ניט איצט,
ס'איז שוין אַכט אַזייגער!

איז זי געוואָרן אָן אויפגעקאָכטע און גענומען שרייען:

— אויב דו וועסט מיך אַזוי טרייבן, גיי איך אינגאַנצן ניט!
גיי אַליין, איך שלאָף עניהאַו אין טעאַטער.

— סטייטש, איך האָב דאָך אָבער צוויי גוטע טיקעטס; באַצאָלט
פיר טולער מיט 40 סענט.

— וועמען אַרט עס? איך גיי ניט אין טעאַטער!

ווילט איר דאָך אודאי וויסן דעם סוף, האַ? דער סוף איז
געווען זייער אַ גוטער: די צוויי טיקעטס האָב איך צעריסן אויף
פּיצלעך און דאָס געשיר אין הויז איז געוואָרן — אויס געשיר;
וואָרים אַז איך ווער אין כעס, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

אין אידישן טעאַטער

דערציילט אַן ארבעטער:

„איינמאָל איז ביי אונז אין שאַפּ אוועקגעפאַלן אַן ארבעטער: א טאַטע פון פיר אייגענע קינדער און אַ מאַן פון אַ סטעדי פרוי.

„האָבן מיר אים באַלד אָפּגעפירט אהיים און געשיקט נאָך א דאָקטער.

„האָט אים דער דאָקטער אונטערזוכט און דערקלערט, אַז מען דאַרף זיך גאָרנישט שרעקן; ער האָט בלויז אַ „טאַטש" אויף די לונגען און עס שניידט זיך ביי אים אַ שטיקעלע קענסער... ווייטער איז ער אָ. קעי."

„אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר געהאַט אַ ספּעשל מיטינג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פאַר דעם קראַנקן ארבעטער אַ טעאַטער־בענעפיט.

„אַז מיין פרוי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אַן עפּן געטאָן איר פּיסקל:

„הע, מענשן האָבן מזל! אַ פּראָסטער שניידער, אַ גאָרנישט, אַ קבצן, ערשט 32 יאָר אין אַמעריקע און מען מאַכט שוין פאַר אים בענעפיטס; וואָס דען, פאַר דיר וועט מען מאַכן בענעפיטס?"

„זאָג איך: „אַז מע'ט דאַרפן, וועט מען פאַר מיר אויך מאַכן בענעפיטן. דערווייל דאַרף מען נישט."

„זאָגט זי: „אַ בענעפיט קומט אַלע מאָל צונוץ."

„דאָס איז אמת — זאָג איך, — אָבער נישט היינט; היינט דאַרף מען נעמען טיקעטס און גיין אין טעאַטער."

„אויב גיין, ווייל איך גיין מיט די קינדער, אַן די קינדער גיי איך נישט — האָט זי געזאָגט.

„זאָל זיין מיט די קינדער, אַבי קום." און אַזוי איז געבליבן.

„אין דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג איז ביי מיר אין הויז געווען אַ רעגעלער גיהנום. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון וואַשן און קעמען און צוואָגן די קינדער.

„זייערע קולות האָבן זיך געהערט ביז אַרויס אין גאַס. אַז זיי זענען נישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע זאַכן.

„דער אינגערער בחור מיינער, מאָררי, איז געווען אַזוי קוויטיק, אַז מען האָט געמוזט רייבן זיין פּנים מיט זאַמד־פּאַפּיר.

„פּאַרטיק געוואָרן מיט די קינדער, האָט זיך מיין ווייבל אַליין אויסגעפּוצט. האָט איר דאָס באַדאַרפט אָנקוקן אַ פּאָטשעכע.

„אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע חתונה: מיין פרוי האָט געוואָלט וויסן: „וואָס וועט מען מיטנעמען צום עסן? מ׳קען דאָך נישט אָפּזיצן דריי און אַ האַלב שעה אין אַ טעאַטער מיט קינדער און לאָזן דאָס האַרץ פאַרחלשט ווערן.״

„בין איך אַרונטער אין גאַס, און אַרויפגעברענגט אַ ברויט, אַ האַלב פונט פּאַסטראַמע, זויערע פּיקלס, אַ הויפטל קנאָבל און אַ בעג מיט פּינאַטס, זאָלן די קינדער קנאַקן.

„איך האָב איינגעפּאַקט דאָס ביסל עסנוואַרג אין אַ אידישער צייטונג, געמאַכט אַ פּעקל און עס געגעבן מיין עלטערן בחור צו טראָגן. סעמקע, הייסט ער; אַ נאָמען נאָך ר׳ שמואל מאָליווער, זכרונו לברכה!

„ביים טעאַטער האָבן זיך טאַטעס און מאַמעס און קינדער געהאַלטן אין איין שטופּן און כמעט יעדע פאַמיליע איז געווען פאַר־זאָרגט מיט אַ פּעקל עסן. און פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געהערט קולות און געשרייען פון ווייבער:

„דוד, דוד! האַלט צו די בייבי; דער דייפּער שלעפּט זיך נאָך!״

„יונה, וועסט צעקוועטשן די באַנאַנעס, יונה!״

„יאָקל, וויש אָפּ סערעלען דאָס נעזל, וויש אָפּ. נאַדיר אַ הענקעטשע!״

„אָבער העכער פון אַלע ווייבער האָט זיך געלאָזט הערן די שטימע פון מיין ווייב:

„יששכר! סעמקע איז ערגעץ נעלם געוואָרן מיטן עסן, ווי איז מיר; זוך אויף סעמקען, זוך אויף!״

„דאָ האָט זיך דערהערט פון וויטנס סעמקעס שטים: „פּאַ, איך בין דאָ!״

„און ער האָט זיך מיטביידע עלנבויגנס געמאַכט אַ וועג צו אונז און מיר האָבן זיך גענומען, מיט געוואַלד, אַריינשטופּן אין טעאַטער.

„דאָס הייסט, מיר אַליין האָבן זיך, חלילה, נישט געשטופּט; אַנ־דערע האָבן אונז געשטופּט, האָבן מיר שוין געמוזט שטופּן אַנדערע; נאָר געהייסט האָט עס, אַז קיינער שטופּט זיך נישט.

„ביים אריינגאַנג האָט מיין אידענע דערווייל אַריינגעשאָטן אַ בינטל קללות דעם מאַן וואָס נעמט צו די טיקעטס, אַלעמאַי ער האָט איבערגעריסן די טיקעטס אויף דער העלפט...

„ווען מיר זענען אריין אין טעאַטער, האָט שוין די מוזיק געשפּילט און מיין אידענע האָט געפרעגט: „ווער עס האָט היינט חתונה?"

„די יונגעלייט אויף דער גאַלעריע זענען געזעסן אָן רעקלעך, מיט צעשפּילעטע העמדער און זיך אַריבערגעבויגן איבערן פּאַרענטש און אַרונטערגעשפּיגן דאָון־סטערז.

„און כמעט אַלע האָבן זיך געצילעוועט צו טרעפן גלייך אויף די פּליכעס.

„און אויב זיי האָבן געטראָפן, איז זיי ממש צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

„וואָס מען שפּילט, האָט קיינער נישט געוואוסט: אַ איד לעבן מיר האָט געזאָגט: „מען שפּילט אַ פּיעסע." אַ צווייטער איד האָט געזאָגט: „ס'איז נישט קיין פּיעסע נאָר אַ דראַמע" און אַ דריטער האָט געזאָגט: „ס'איז נישט קיין פּיעסע, נישט קיין דראַמע, נאָר ס'איז אַזאַ מין שפּיל, וואָס מען רופט עס: מאַטענעע."

„און אָט ווערט פינצטער אין טעאַטער, פון אַלע זייטן שרייט מען: „סיט דאַון! העטס אָף! שאַראַפּ! אינדיאַנער, לאָזט הערן אַ וואָרט!"

„אויף דער בינע באַווייזט זיך אַ בלאָנד מיידל מיט רויטע ליפּן, מיט אַ ווייס נעזל, ווי זי וואָלט עס געהאַלטן אין אַ זעקעלע מעל און אַ בחור מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און ער שרייט מיט קולות: „אויב דו וועסט מיך אויסבייטן אויף אַן אַנדערן, וועט זיין דיין טויט אָדער מיין טויט!"

„און זי ענטפערט: „איידער חתונה צו האָבן פאַר אַזאַ גענג־סטער, איז שוין גלייכער דער טויט!"

„דערהערט זיך אַ שאָס, און דאָס מיידל פאַלט טויט צו דר'ערד.

„אַז מיין ווייבל האָט דאָס דערזען, האָט זי ווידער געעפנט איר פּיסקל:

„ישׂשכר! ווי איז מיר, מען שיסט דאָך דאָ מענשן, שיסט מען דאָך; לאָמיר שוין אַהיימגיין; מ'עט אונז נאָך נעמען פאַר וויטנעס!"

„זאָל זיין שטיל! — האָב איך גענומען שרייען אויף איר — האָב נישט קיין מורא; דאָס איז אידיש־טעאַטער; זעסט דאָך ווי מען פעדלט מיט אייזקרים, מיט סאָדע־וואַסער, מיט עפּל, מיט לאָליפּאָפּס, מיט קענדי, מיט סענדוויטשעס — מען גריזשעט אָראַנדזשעס, מען קנאַקט פּינאַטס, מען שפּייט, מען הוסט, מען ניסט, מען כראַקעט... מיר זענען דאָך צווישן אייגענע מענשן, טאָ פאַר וועמען האָסטו מורא?"

„דערווייל האָט זיך דאָס געשאָסענע מיידל מיישב געווען: „וואָס וועט זי דאָ אויסליגן?" האָט זי זיך אויפגעהויבן און גענומען זינגען דאָס לידל: „אַ אידיש מיידל דאַרף אַ אידישן באָי."

„אין מיטן זינגען האָט אַ איד, וואָס איז געזעסן לעבן מיין ווייבל גענומען שרייען מיט קולות:

„מיסים! מיסים! איר טרעט אויף מיין הינער־אויג! נעמט אַרונטער אייער פוס!"

„אָבער מיין פרוי האָט אים גאַנץ רואיק געענטפערט:

„איר זייט נישט קראַנק צו וואַרטן ביז דער אַקט וועט זיך ענדיקן; עס ברענט נישט!"

„האָט דער איד גענומען שרייען נאָך העכער, האָט מיין ווייבל אַריבערגעשריען דעם אידן און דער עולם — האָט אַריבערגעשריען זיי ביידן: „זיצט אין געהאַקטע וואונדן; לאָזט הערן אַ וואָרט!"

„נאָכן ערשטן אַקט פרעגט מיך מיין ווייבל אַ פראַגע:

„ישׂשכר, ווען וועט מען שפּילן דעם צווייטן אַקט?"

„זאָג איך:

„ווערליק דער פּראָגראַם זאָגט, געדויערט פונם ערשטן ביזן צווייטן אַקט דריי און אַ האַלב יאָר.

„וואָס? משוגע בין איך? איך האָב שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן נאָר זיך אָוועקזעצן וואַרטן דריי און אַ האַלב יאָר אויף אַן אַקט? שוין אַהיים, שוין!"

„אָבער מיר האָבן פאַרשפּאָרט אַהיימצוגיין.

„מען האָט אונז, מיט גרויס כבוד, אַרויסגעוואָרפן..."

אינהאַלט

איבערגעמאכט דעם טאטן — — — 3
מען ווארט אויף מיין טויט — — 8
וויכציק מתים — — — — — — 12
איך בין ניט געשטארבן — — — 15
טויב ווי די וואנט — — — — — 19
אין דער פינצטער — — — — — 23
צוליב א גאלדענע פאונטעין־פען — 27
א קאנצערט אין פאלסבערג — — 30
נדליה דער פארלעזער — — — — 34
וואס לעקטשור, ווען לעקטשור — — 37
א בענעפיט — — — — — — — 40
שימעלע פיפערנאטער — — — — 44
דער בארימטער לעקטשורער — — 47
א מעשה מיט א צענערל — — — 50
א יובילעאום מתנה — — — — 54
ער פארט קיין קאליפארניע — — 57
מיין פרוים געבורטסטאג — — — 60
א חלום פון א הומאריסט — — — 64
נעמט זיך א וואנע — — — — — 68
צווישן פארמערס — — — — — 71
לעצטע ווערטער פארן טויט — — 75
פון לאנג ברענטש — — — — — 79
אין א זומער־האטעל — — — — — 84
א בכבודע פרנסה — — — — — 88
אין די בערג אדער צום ים — — 92
א באנגאלאו ביים ים — — — — 96
צ'רעינינג בא־יו — — — — — — 100
פון דער קאנטרי — — — — — — 104
נאר א גט — — — — — — — 107
א דאלער ווייכט — — — — — 111
פילאדעלפיע איז שולדיק — — — 114
אמעריקאנער קינדער — — — — 188
אפענע מיילער — — — — — — 121
א מלאך, א גאט! — — — — — 125
איינשטיין, גאנדי און איך — — — 128
ווייבל, פרוי און אידענע — — — 131
גרוסן פון לאנדסלייט — — — — 134
מען בלאפט — — — — — — — — 138
געץ איר א קענסער, געץ איר! — — 142
וואס א גרינער קען — — — — — 145
ער וויל ווערן א פרעזידענט — — 149
שא, א באס רעדט — — — — — 152
נאר ער סטרייקט — — — — — 155
קאפל הארמידער און זיינע באסעס 159
אן אייז־אקטער — — — — — — 162
אומזיסטע טעאטער טיקעטס — — 166
אונדזערע ווייבער — — — — — 169
אין אידישן טעאטער — — — — 172

אַ בקשה

איך בעט אייך: וואַרפט נישט מיין בוך אימיצן אין קאָפּ אַריין; שטעלט אים נישט אונטער אַ הינקעדיקן טיש; צערייסט אים נישט און גנב'עט אים נישט אַוועק — מיינס אַ בוך האָט פיינט ווען מען גנב'עט עס...

אייער

ב. קאָוונער